STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11529

DER REGN HOT FARSHPETIKT

Nehemiah Levinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דערציילונגען

פון דרום־אַפריקע

אַרלאַג „משפחה״ — יאָהאַנעסבורג־בלומפאָנטיין — 1959.

הילע געצייכנט פון הערמאַן חאַלד.

THE RAINS WERE LATE

— BY N. LEVINSKY —

— PUBLISHERS: "MISHPACHA" —

JOHANNESBURG / BLOEMFONTEIN, 1959

נ. לעווינסקי
(1901—1957)



פאַקסימיליע פון דער דערציילונג „אין שאָטן פון נירנבערג“.

יעדער בוים בויגט פריילעך
דעם גרויסן קערפּער און רופט
דעם רעגן צו זיך, מורמלענדיק:
„ניט פֿאַרגעס מיך!“

(דער רעגן האָט פֿאַרשפּעטיקט)

אינהאַלט

	זייט
פאָרוואָרט	6—7
דער רעגן האָט פאַרשפּעטיקט	9—16
רעגן	17—28
אַנטוישונג	29—35
אין פעלד	36—49
קינדער	50—70
געביטן דעם נאָמען	71—80
מאַנגרעלס	81—89
פייער	90—102
אַ מיידל פון „לאַקיישן“	103—110
אויף אַ פאַרם	111—122
אַ ניט באַצאָלטער קאָנצערט	123—127
אין שאָטן פון נירנבערג	128—136
אַ קונד	137—145
זיין דעפּוטאַט	146—149
קאַרטן	150—154

* * *

נחמיה לעװינסקי איז געבוירן געװאָרן אין יאַנואַר, 1901, אין רייגראַד, לאָמזשער גובערניע. געקראָגן אַ טראַדיציאָנעל ייִדישע דערציאונג. צו עלף יאָר אריין אין גימנאַזיע, אין אָסטראָװע, פּוילן, װו ער איז געבליבן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער װעלט־מלחמה. דאַן איז ער אַװעק מיט די עלטערן קיין נאָװאָזיבקאָװ און שפּעטער — קלינצי, טשערניגאָװער גובערניע, אין אוקראַינע. ער האָט פאָרגעזעצט זיין לערנען אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. ער האָט זיך באַטייליקט אין די יוגנט־קרייזן פון די צעירי־ציון־פּועלי־ציון. סוף 1918 איז ער צוריקגעקומען קיין פּוילן. געלערנט אין גראָדנע און װאַרשע. אַװעק אין מיליטער פאַר אַ קורצער צייט. אין 1920 געקומען אין קאָװנע. געענדיקט דאָרט גימנאַזיע און אריין אין ליטװישן אוניװערסיטעט. אין 1921 איז ער געקומען אין דרום אפריקע. אין 1923 באַזוכט אייראָפּע און ארץ ישראל. אין לאָנדאָן האָט ער זיך געטראָפן מיט פרל. גערטרוד שראגער — און דאָרטן חתונה געהאַט. מיטן אויסנאַם פון צװיי יאָר, אין פּעריניכן, האָט ער גאָר די יאָרן געלעבט אין בלומפאָנטיין, װו ער איז געשטאָרבן דעם 8־טן יולי, 1957. ער האָט געלאָזן דריי קינדער. זיין ייִנגסטער זון טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרויסן שרייבער און הומאַניסט ראָמען ראָלאַן.

פאָרוואָרט

נחמיה לעווינסקי איז געווען אַ מענטש מיט אַ באַדייטנדיקן שרייבערישן טאַלאַנט. ער האָט פאַרמאָגט א פילנדיק האַרץ, א דורכדרינגנדיק אויג, אַ קלאָרן שכל, א פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פון לאַנד, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע דערוואַקסענע יאָרן. נ. לעווינסקיס באַשיידנקייט און אחריותפולע באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט זיינען געווען די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען, אז גאָר זעלטן האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג. געוויס האָבן אויך די באַדינגונגען און די סביבה געשטערט נ. לעווינסקין זיך אָפּצוגעבן דער שריפטשטעלערישער ארבעט, וואָס ער האָט אזוי ליב געהאַט. די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט האָט ער געשטרעבט אָנצויאָגן, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט, אָבער די לאַנגע קראַנקייט און די יסורים זיינען געווען א גרויסער שטער. ניט אלע דערציילונגען אין דעם בוך שטייען אויף דער זעלבער קינסטלערישער מדרגה, אָבער נ. לעווינסקי איז בלי ספק געווען א שרייבער מיט גרויסע פּאָטענציעלע מיגלעכקייטן. זיין פריצייטיקער טויט האָט שטאַרק פאַראָרעמט די אזוי אויך ווייט ניט רייכע דרום־אפריקאַנער יידישע ליטעראַטור.

עס איז נאַטירלעך, אז נ. לעווינסקי, אַ מענטש מיט אַ הומאַניטאַרן אויסקוק און א טיף־מענטשלעכן האַרץ, האָט געליטן פון די אומיושרדיקע אָפּט־ברוטאַלע ראַסן־באַציאונגען אין דרום־אַפריקע. ער זעט, ווי ביי דאָס רוב ווייסע איז איינגעוואָרצלט די שטעלונג, אז אלץ איז דערלויבט אין באַצוג צו די שוואַרצע. די מערהייט שוואַרצע נעמען אויף זייער לאַגע פּאַטאַליסטיש, מיט הכנעה־געפילן. די בולטע סימנים פון ווידערשטאַנד, רעוואָלט, פון אויפגעוואַכטן באַוווסטזיין, וואָס לאָזן זיך שטאַרק מערקן אין די לעצטע יאָרן ביי די אַפריקער, ווערן אין נ. לעווינסקיס דערציילונגען ניט אָפּגעשפּיגלט. דערפאַר אָבער ווערן דאָרטן בולט ארויסגעבראַכט די הפקרות, די אומגלייכקייט, אויך די ליידן פון די שוואַרצע.

שוין מיט דער מאַמעס מילך ווערט איינגעפלאַנצט אין די נשמות פון דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, אז די אפריקער זיינען אַ נידעריקע ראַסע. בולט שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין דער דערציילונג „קינדער". דאָרט קומט פאָר אַ כאַראַקטעריסטישער שמועס צווישן צוויי קינדער, אַ ווייסן און אַ שוואַרצן, אויפן בית־עולם — ביי דער לוויה פון דעם ווייסן קינדס באָבען:

זולו: „און אונדזערע שוואַרצע מענטשן גייען אויך אין גן־עדן?"

האַסי: „מסתמא גייען די שוואַרצע אין גן־עדן־„לאָקיישנס" — דאָרטן מוז דאָך אויך זיין אזא אָרט פאַר שוואַרצע צו וווינען".

זולו: „דאָרטן מוז אויך פאַר אונדז, שוואַרצע, זיין שלעכט. גאָט איז דאָך א ווייסער, און יעזוס, זיין זון, איז אויך געווען א ווייסער. און ווייסע האָבן ניט ליב די שוואַרצע. איך וועל מער ניט דאַוונען צום ווייסן גאָט, איך דאַרף אים ניט".

דאָס זיינען די ערשטע סימנים פון פּראָטעסט...

די ראַסן־פאָראורטיילן מיידן ניט אויס קיינעם אין דרום־אפריקע, אויך ניט די יידן. מיר זעען עס אין דער דערציילונג „א מיידל פון „לאָקיישן", אויך אין דער דערציילונג „אין שאָטן פון נירנבערג".

באַזונדערס טראַגיש איז די לאַגע פון די קאָלירטע. אין דער דערציילונג „געביטן דעם נאָמען" און אין „מאָנגרעלס" ווערט דאָס אומגליק פון דעם הויט־פארב אונטערשייד זייער שטאַרק ארויסגע־בראַכט.

נ. לעווינסקי האָט גוט געקענט די מנהגים פון די שוואַרצע — זייערע כישוף־דאָקטוירים, זייערע פּרעדיקאַנטן — די „מרוטיס". ער האָט אויך געוווסט וועגן דעם פייער־שפּאַציר פון טייל אינדיער, און ער שילדערט עס אלץ אין זיינע דערציילונגען. אים איז אויך גוט באַ־קאַנט דאָס לעבן פון די ווייסע פאַרמערס — זייער האָפענונג אויף רעגן, וואָס פאַרפירט זיי גאַנץ אָפט, און זיי ווערן פאַראָרעמט צוליב דער טריקעניש. יידישע טיפּן זיינען פאראַן ווייניק, אָבער ער פאר־גלעט זייערע פעלערן ניט — ער דערציילט וועגן זייער דעמאָראַלי־זאַציע און צביעות און אנטי־געזעלשאַפטלעכקייט.

די שפּראַך אין נ. לעווינסקיס דערציילונגען איז אַ ריינע, אַ פאָלקסטימלעכע. זיינע מעטאַפאָרן זיינען אָפט טרעפלעכע און זיינען עדות פון זיין קינסטלערישער נשמה.

אָט זיינען אייניקע פון זיי:

„...די ביימער שטייען האַלב־נאַקעטע, אַן בלעטער און מיט אָפּגע־טריקנטע צווייגן, ווי בעטלער ביי אַ לוויה". („אנטוישונג", זייט 24).

„...דאַכט זיך, אז די אָקסן פאַרשטייען אים (פּיעטן) און הייבן אַן גיין לאַנגזאַמער, גיבן מיטאַמאָל א פּאָכע מיטן וויידל, ווי זיי וואָלטן געענטפערט אַן איבעררוף פון זעלנער אויפן מושטיר־פּלאַץ" („אין פעלד", זייט 40).

„...דאָרטן (אין „לאָקיישן") קוקן די פענצטער מיט בלויזע לעכער, ווי פון אויסגעלאָשענע שאַרבן־אויגן". („קינדער", זייט 51).

„...שיטער־געקרייזלט, ווי אין בייטן פאַרזייטע ציבעלעס, האָבן זיך צו דער זון געהייבן שוואַרצע הערלעך אויף אַ רונדן קעפּל, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען ווי אַ גרויסע ריטער־בולאווע" („מאָגרעלס").

און אַזוינע פארגלייכן זיינען פאראַן אין די דערציילונגען אַ היפּשע צאָל.

ווען נ. לעווינסקיס לעבן וואָלט ניט פאַרשניטן געוואָרן אַזוי גיך, וואָלטן מיר געקאָנט דערוואַרטן נאָך א גרעסערן און וויכטיקערן צו־שטייער צו דער יידישער ליטעראַטור.

עס קומט א יישר כוח דעם פאַרלאַג „משפּחה" — און דאָס מיינט דער משפּחה גופא — פאַר ארויסברענגען אין בוך־פאָרעם די שטילע, אין טרויער־פאַרהילטע שאַפונגען פון נ. לעווינסקי.

מ. שור.

דער רעגן האָט פאַרשפּעטיקט

דזשאָזעף איז געזעסן לעבן זיין כאַטע, וועלכע ער האָט זיך אויפ־געבויט פון רויע ציגל און ליים, און האָט ביטער געטראַכט וועגן זיין גורל. מיט דריי חדשים צוריק האָט אים זיין באַלעבאָס, דער קרעמער, אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע.

„עס איז טרוקן און מען קאָן ניט זייען און קיין אנדער ארבעט איז איצט ניטאָ. אויב עס וועט רעגענען", האָט ער געזאָגט, „וועל איך דיר ווידער נעמען, אָבער דערווייל קאָנסטו זיך זוכן אן אנדער ארבעט".

ער האָט אים דעם פונט שכירות פאַרן חודש באַצאָלט. נאָך גוט וואָס ער האָט פארגעסן אראָפּרעכענען פאַר דאָס העמד, וואָס ער האָט אין קראָם געקויפט, און אויך פאַר די דריי „טיקיס" טאַבאַק און ליכט. און אפשר האָט ער גאָר ניט פארגעסן, נאָר ער האָט עס אים געשענקט — אַ מתנה פאַר דער ארבעט. דער רוח ווייסט זיי, די ווייסע, מאַנכע פון זיי זיינען בעסער, דערהויפּט די, וועלכע קומען פון יענער זייט — זיי שלאָגן כאָטש ניט. נאָר אַלע ווייסע נאַרן די שווארצע. דער פונט איז צוריק צו דעם יידן אוועק: אין די דריי חדשים געקויפט מעל, צוקער, זאַלץ. יאָ, די ערשטע וואָך אַ ביסל געלט צעטאָלעוועט: גאַנצע צוויי שילינג אויסגעגעבן אויף „קאַפער־ביר". ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: ניטאָ קיין אַרבעט — דאַרף מען די פענעס שאָנעווען, און אַ נס וואָס מען לאָזט אים נאָך וווינען אין דער הייזקע.

די זון גלעט. עס איז הייס און דושנע לעבן הייזל. ווען מתנות פליגן לאָזן זיך אַראָפּ אויף זיין נאַקעטן גוף, שלעפּט ער אויף זיך ארויף די אלטע קאָלדרע, אָבער די פליגן קומען דורך די לעכער — איז וואָס קאָן ער טאָן? געקויפט האָט ער די דעקע מיט אכצן חדשים צוריק. חדשים־לאַנג האָט ער געשפּאָרט און געקליבן שילינג צו שי־

לינג, עס באַהאַלטן אין אַ בלעכענער פּושקע, וואָס ער האָט איינגעגראָבן ערגעץ טיף אין דער ערד. דער ייד האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן אויף קרעדיט, אָבער דערפאַר, ווען ער האָט אָנגעטאָן די קאָלירטע דעקע... עס גייט אים נאָך איצט דורך אַ ציטער פון פאַרגעניגן דורכן לייב.

עס איז דעמאָלט געווען אַ פאַרנאַכט. די זון האָט אים באַשאָטן מיט אַ בינטל פאַרגייענדיקע שטראַלן, וואָס האָבן זיך געשפּילט און זיך געמיניעט אין דער רויט־געפאָרבענער דעקע מיט די גאָלדענע און פּורפּורנע פּאַסמעס. דאָס האָט אַזש אַרויסגערופן אַ פריידיק אויסגעשריי פון עקסטאַז ביי די צוויי נאַקעטע קינדער פון זיין פריינד האַלאַ. האַלאַ גופא איז צוגעקומען צו אים, אים באַקוקט, געקנאַקט באַגייסטערט מיטן צונג, באַטאַפּט די דעקע און מעשה מבין געשאַצט איר פּרייז פיל העכער ווי ער האָט באַצאָלט. האָט עס טאַקע דזשאָזעפן שטאַרק הנאה געטאָן און ער האָט צופרידן געלאַכט, זיך וויקלענדיק אין דער שיינער, וואַרעמער, וואָלענער דעקע. יענעם אָוונט האָט ער געגעסן און געטרונקען ביי האַלאַן אין הייזל און ביז שפּעט אין דער נאַכט געשמועסט וועגן זייערע היימען אין באַסוטאָלאַנד. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז נעכטן האָט ער ביי האַלאַן ניט געקראָגן גענוג צו עסן. האַננאַ, האַלאַס פעטע ווייב, האָט געקוקט קרום אויף אים. איז ער נעכטן געווען הונגעריק. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל קיי־טאַבאַק — האָט ער עס אַ גאַנצן טאָג געקייט.

אַן איינגעבויגענער איז ער אַריינגעקראָכן צו זיך אין כאַטע. דאָס הייזל איז געווען בלויז אַ פּאָר פוס הויך, צוגעדעקט מיט שטיקער בלעך און אויף זיי גרויסע שטיינער, דער ווינט זאָל זיי ניט אַוועקטראָגן. דער אַריינגאַנג איז געווען אַ גאָר קליינער, דורך אַ טירל אויפגעשלאָגן פון פּראָסטע ברעטלעך און פאַרהאַנגען מיט זעק. אינעווייניק איז געווען טונקל, די ערד אויסגעגראָבן עטלעכע פוס טיף, נאָר ביי דער וואַנט, וווּ זיין געלעגער איז געווען, איז עס אויסגעקומען העכער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס שטייט אַ נידעריק בעטל. אין דער ווירקלעכקייט איז עס געווען אַ גלאַט בערגל ערד צוגעדעקט מיט אַ פּאָר ברעטער, זעק און אַן אַלטער קאָלדרע. אין אַ צווייטן ווינקל איז געלעגן אַן אייזערנער טאָפּ, עטלעכע ליימענע שערבלעך און פּרוכט־בלעכלעך, וועלכע ער האָט גענוצט אַנשטאָט גלעזער, און עטלעכע אייזערנע דרענגלעך. דאָס אַלץ איז געווען

דזשאָזעפסווירטשאַפט. חוץ דעם האָט ער נאָך פאַרמאָגט צוויי שטעקנס מיט דיקע, אויסגעשניצטע, רונדע קעפּ — זיין געווער.

דזשאָזעף האָט געזוכט צווישן זיינע טראַנטעס אַ שטיקל טאַ־באַק. ער האָט געטרייסלט זיין צווייטע העמד, געגנישטערט אין בעט. קיין זאַך ניט געפינענדיק האָט ער מיט כעס געטאָן אַ שפּיי. די שפּייעכץ איז ארויס פון מויל מיט א דינעם שטראָם און איז געפאַלן ביים אריינגאַנג. זיינע אויגן האָבן עס נאָכגעפאָלגט. דערזען אז עטלעכע מוראַשקעס האָבן זיך פארהאלטן דערביי, האָט ער א ברום געטאָן און מיט צופרידנקייט צעטראָטן מיט די באָרוועסע פיס די מו־ראַשקעס צוזאַמען מיט דער שפּייעכץ.

דער טאָג איז אוועק. עס איז געוואָרן קיל. נאַכט האָט זיך שוואַרץ צעלייגט איבער די פעלדער, די הייזער, איבער דעם גאַנצן ארום. דזשאָזעף האָט זיך ניט געקאָנט באשליסן: אריבערגיין צו זיין פריינד האַלאַ, אָדער ניט? צום סוף האָט ער באשלאָסן בעסער אונטערצוהונגערן, ווייל מאָרגן וועט ער דאָך ווידער דארפן בעטן מילי־מעל פאר א וואָך. ער וועט פּרוּוון זען האַלאַן בעת זיין ווייב, טאַנטע האננא, וועט ניט זיין דערביי, דאַן וועט האַלאַ אים ניט אָפּ־זאָגן. ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון זיין הייזל, אויסגעשפּרייט די זעק אויפן געלעגער און זיך איינגעדעקט. ער האָט אוועקגעלייגט די דיקע שטעקנס לעבן זיך — פאַרט היימלעכער צו שלאָפן מיט „גע־ווער" ביי דער זייט...

ער איז באלד איינגעשלאָפן. אים האָט זיך געחלומט, אז ער האָט לעבן זיך אַ גרויסן טאָפּ פלייש. ער נעמט ארויס דאָס פלייש פון טאָפּ און טיילט עס אויף צוויי חלקים, איין טייל פאר זיך, דעם צווייטן פאר זיין הונט, דזשאַק. און אָט וויל ער זיך שוין נעמען צום עסן, דערזעט ער, אז דער הונט איז ניטאָ. אָן הונט איז דאָס עסן אים ניט ניחא, רופט ער דעם הונט, אָבער יענער איז נעלם געוואָרן. ווערט ער שוין אומרואיק און שרייט אויפן קול: „דזשאַק!" און כאַפּט זיך אויף. ער דערפילט אַ פּוסטקייט אין מאָגן און זיינע אויגן זוכן פאַרשלאָפע־נערהייט דעם טאָפּ פלייש. פון וויטן האָט זיך דערטראָגן דאָס בילן פון אַ הונט. איצט האָט דזשאָזעף זיך דערמאָנט, אז זיין דזשאַק איז שוין לאַנג טויט — און דאָס אלץ איז אַ חלום — צום טייוול!

אָבער עסן ווילט זיך. און וואָס איז אין דרויסן דאָס גערודער? ווידער די פאַרשאָלטענע הינט — געקומען רייסן שעפּסן. ער האָט

לאַנג געטראַכט: אויפשטיין און גיין זען וואָס די הינט טוען, אָדער בלייבן ליגן? אָבער אז ער האָט דערהערט א וואָרטשן לעבן זיין הייזקע, האָט ער זיך באַוואָפנט מיט ביידע שטעקנס, שטיל געעפנט די טיר און ארויסגעקוקט אין חושך ארום. נאָענט לעבן הייזל האָט ער דערזען דעם שאָטן פון אַ גרויסן הונט, וואָס האָט זיך געפּאַרעט ארום אַ שעפּס. פּאַכנדיק מיט די שטעקנס האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן און געוואָרפן איין שטעקן אויפן הונט. דער הונט האָט א ברום געטאָן מיט רציחה און איז אנטלאָפן. דזשאָזעף איז אים נאָכגע־לאָפן, אָבער דער הונט איז פארשוווּנדן אין דער פינצטערניש. דזשאָ־זעף איז געקומען צוריק. דער שעפּס איז געווען טויט, פון פעל און פון קערפּער האָבן געשטראָמט ריטשקעלעך בלוט. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אז ער האָט שוין דעם גאַנצן טאָג ניט געגעסן, און מאָרגן, אז מען וועט לעבן זיין הייזל געפינען דעם טויטן שעפּס, וועט ער האָבן אויסצושטיין צרות. אים האָט זיך געוואָלט אויסשניידן א שטיקל פלייש און עס אָפּבראָטן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, זיך געוואַקלט. אזוי איז ער געשטאַנען עטלעכע מינוט און ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו טאָן. סוף־סוף האָט דער הונגער געזיגט און פאַר־זיכטיק, כדי זיך ניט איינצוריכטן אין בלוט, האָט ער מיט זיין מעסער אויסגעשניטן א שטיק פלייש פון שעפּס. געשווינד איז ער אריין דערמיט אין הייזל, אויפגעזוכט עטלעכע שפּענדלעך, אָנגעצונדן א פייער און געבראָטן דאָס פלייש. דער הונגער האָט געקרעמפּט זיינע געדערים. דאָס בראָטן, האָט זיך אים געדאַכט, גייט צו לאַנגזאַם. דאָס פלייש האָט זיך געסמאַליעט, געררייצט זיין אַפּעטיט. ער האָט ארויסגעכאַפּט דאָס פלייש פון פייער און גענומען רייסן מיט די צייי־נער, זיך געבריט, געשלונגען די האַלב־רויע צוגעסמאַליעטע שטיקער און זיך באַלעקט.

אז דער הונגער איז געשטילט געוואָרן און ער האָט דאָס לעצטע שטיקל פלייש אראָפּגעשלונגען האָט ער זיך דערמאָנט, אז דער שעפּס ליגט נאָך לעבן זיין הייזל. ער איז אויפגעשטאַנען, פארלאָשן דאָס פייער און מיט די שטעקנס אין האַנט איז ער ארויס צום שעפּס. אין דרויסן האָט איצט גערעגנט. בליצן האָבן באַלויכטן די גאַנצע געגנט. ער איז געשטאַנען לעבן שעפּס און געטראַכט ווי פּטור צו ווערן פון אים. טראָגן אים האָט ער ניט געוואָלט — ער וועט זיך איינבלוטיקן, האָט ער אים גענומען פאַר די פיס און אָנגעהייבן שלעפּן. ס'איז געווען

אַ שווערע ארבעט, דער רעגן האָט געשמיסן אין פּנים און דער ווינט האָט אים אָפּט אָפּגעשטעלט, ווי פאַרצאַמענדיק דעם וועג. דערנער האָבן זיך אריינגעשטאָכן אין זיינע באָרוועסע פּיס, און כאָטש זיי זיינען געווען פאַרהאַרטעוועט, האָט ער אָפּט זיך געמוזט אָפּשטעלן און זיי ארויסשלעפּן. ווען ער איז שוין געווען אַ שטיק וועג פון זיין הייזל האָט ער ביים שיין פון אַ בליץ דערזען פון ווייטן די סילועטן פון עטלעכע מענטשן. איינער פון זיי האָט געהאלטן אַ לאַמטערן אין האַנט. עס האָט אויסגעזען אז זיי זוכן עפּעס. דזשאָזעף האָט גע־ ווּסט, אז דאָס בילן פון די הינט האָט אויפגעוועקט די ארומיקע שכנים און זיי זוכן די שעפּסן. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, גע־ לאָזן ליגן דעם שעפּס און גענומען לויפן צוריק. צו ערשט האָט ער געטראַכט, אז ער דאַרף אין גאַנצן אנטלויפן פון פאַרם, עס איז אים אָבער געווען אַ שאָד איבערצולאָזן זיין ביסל „האָב און גוטס" און זיין הייזקע. דערצו האָט ער אויך געוווּסט, אז דאן ערשט וועט מען אים באשולדיקן אין שעכטן דעם שעפּס. עס איז דאָך אויך מעגלעך, אז דער רעגן וועט דעם שפּור פון שלעפּן דעם שעפּס אָפּווישן. עס איז אויך מעגלעך, אז די מענטשן וועלן דעם שעפּס אין אזא פינצ־ טערניש ניט געפינען און מאָרגן וועט ער פאַרשיטן מיט ערד אלע בלוט־צייכנס. נאָך דעם וועט ער גיין בעטן אַרבעט ביים יידן — עס רעגנט דאָך!

ער איז געשווינד אריין אין זיין קאַמער, זיך צוריקגעלייגט אויף זיין געלעגער און אָנגעשטרענגט זיין געהער אויב עמעצער קומט ניט נאָענט צו זיין הייזל. עס האָט זיך נאָר געהערט דער דונער פון צייט צו צייט און ארום האָט גערוישט דער ווינט מיט כוואַליעס רעגן. עס האָבן זיך געגאָסן שטראָמען וואַסער דורך די לעכער פון דאָך און זיך געקליבן ארום זיין געלעגער.

* * *

עס האָט גערעגנט. מיט יעדן טראָפּן וואָס איז געפאַלן איז שלמהן, דעם קרעמער, לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. די וואָלקנס האָבן זיך געקליבן, געצויגן אין שוואַרצע טעפּיכער אויף אלע זייטן פון האָרי־ זאָנט, אראָפּגעהאנגען אין דיקע פרענדז אויף די ווייטע בערג און היג־ לען און זיך פאַרוואַנדלט אין טייכן וואַסער. שלמה איז געשטאַנען אין טיר פון קראָם און געקוקט אויפן רעגן, אויף די לוזשעס וואַסער,

וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט ארום קראַם, געקוקט אויף דיביימער, וואָס האָבן זיך געוויגט אין ווינט און געדרייט מיט די צווייגן־קעפּ, ווי איינער וואָס שטייט אונטער אַ שפּריץ. עס האָט אים אויסגע־וויזן, אַז יעדער בוים בויגט פריילעך דעם גרויסן קערפּער און רופט דעם רעגן צו זיך, מורמלענדיק: „ניט פאַרגעס מיך".

עס איז אים געווען אָנגענעם דער געדאַנק, אַז איצט וועט צוליב דעם רעגן אַלץ ווערן גרין און מען וועט אָנהייבן זייען אויף די פעל־דער און די בהמות וועלן האָבן פּאַשע אויף ווינטער. האָט טאָקע יע־דער טראָפּן רעגן אַ קנייטש פון שלמהס שטערן אראָפּגעוואַשן, יעדער וואָלקן, וואָס האָט פאַרכמאַרעט דעם האָריזאָנט, האָט אויף זיין פּנים אויפגעלויכטן. וואָלט עס ניט אויסגעזען משונהדיק, וואָלט ער איצט זיך געלאָזט אין דרויסן דעם רעגן אנטקעגן, איינצוזאַפּן די נאַסקייט ווי יענע ביימער אנטקעגן דער קראָם. ווי ליב ער האָט עס געהאַט נאָך אַ שווערן, הייסן טאָג צו פּליושקען זיך מיט וואַסער, צו שטעלן זיך אונטערן שפּריץ אין באָדצימער, בויגן און אויסדרייען זיין קערפּער אונטער די שנורן וואַסער און פילן מיט הנאה, אַז דער שטויב פון קראָם, פון די מילי־מעל און דער שוויס פון אָנגעהיצטן קערפּער ווערן אראָפּגעשווענקט.

נייַן חדשים איז דאָ טרוקן געווען. פאַר דער גאַנצער צייט האָט מען דאָ קיין גרין בלעטל אָדער גרעזל ניט געזען. אַלץ איז געווען פאַרברענט, פאַרדעקט מיטן שטויב פון דער צעהיצטער, צעשפּאָל־טענער ערד. יאָ, אָנצייליקע מאָל האָט ער מיט האָפענונג געפאָרשט דעם האָריזאָנט, און קוים פלעגט זיך באַווייזן אַ וואָלקן פלעגט תיכף קומען אַ ווינט און אים פאַרטרייבן.

שלמה איז געווען אַ קרעמער און ווי אַלע אנדערע קרעמער וואָלט אים געוויס דער רעגן ניט אָנגעגאַנגען. די שטראָמען וואַסער און די בלאָטע קעגנאיבער זיין קראָם וואָלטן פאַר אים געווען אַ שטער, אָבער שלמה האָט געהאַט אַ שטיק פעלד, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח. דאָס פעלד פלעגט ער אַקערן, ווען עס האָט גערעגנט. דאָס האָט געווירקט אַז שלמה זאָל זיין אַ קרעמער מיט אַ שטיקעלע נשמה. מיט זיין גאַנצן וועזן האָט ער געלעכצט נאָך ערד־אַרבעט. האָט אים טאָקע יעדער טאָג פון די נייַן טרוקענע חדשים איבערגעלאָזן אַ קנייטש אויף זיין פּנים און יעדע פאַרוויאַנעטע בלום — א ווייטאָג אין האַרצן.

היינט אָבער רעגנט. שוין פון מיטן נאַכט האָט עס אָנגעהויבן. דער רעגן, ווי מיט אייזערנע פויסטן, האָט אויסגעקלאַפּט אויפן דאַך אַ מאָדנעם געזאַנג און דער דונער האָט עס באַגלייט און אונטערגע־האַלפן. דער רעגן האָט שלמהן אויפגעוועקט. ער איז שטענדיק גע־שלאָפןביים אָפענעם פענצטער. דער ווינט האָט אָפּט אריבערגע־טראָגן פון דער צווייטער זייט, ווו עס האָט גערעגנט, שטראָמע־לעך וואַסער. שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפילט, אז זיין קישן איז נאַס. באַלד האָט אַ שטראָם אַ שווענק געטאָן איבער זיין פּנים, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קרוג וואַסער. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון בעט און פאַרמאַכט דאָס פענצטער. געשווינד האָט ער זיך אָנגעטאָן, ארויפגעוואָרפן אַ רעגן־מאַנטל איבער די פּלייצעס, אָנגעצונדן די לאַמטערנע און איז ארויס אויפן הויף און איז אוועק צו די בלעכענע געביידעס ווו זיין אינוועטאַר האָט זיך גע־פונען. די בהמות זיינען געשטאַנען און רואיק געקייט זייער פוטער. ער איז אוועק צום הינער־שטייג און מיט אַ פּאָר זעק אים צוגעדעקט. ער איז צוריק אַוועק צו זיך אין צימער, אראָפּגעוואָרפן די נאַסע בעטגעוואַנט און זיך ווידער געלייגט. עס איז נאָך געווען פרי, אָבער איינשלאָפן האָט ער שוין ניט געקאָנט. אים האָט זיך געדאַכט, אז קוים שלאָפט ער איין שטעלט זיך דער רעגן אָפּ. ער האָט זיך צו־געהערט צום קלאַפּן פון רעגן, און ווען עס פלעגט זיך אים דאַכטן, אז דער רעגן ווערט שטילער, פלעגט ער אין יאוש זיך אומדרייען אויף זיין געלעגער. דער רעגן האָט אָבער אָנגעהאלטן.

שפּעטער איז שלמה געשטאַנען אין טיר פון זיין קראָם און אַ צופרידן געפיל האָט אים ארומגענומען: די ערד האָט שוין איר חלק באקומען, זיך אָנגעזאַפּט, אָנגעטרונקען. די דאַמבע איז פול, גענוג פאַר באַגיסן די פאַרזייטע ערד, אויב אפילו עס וועט ניט רע־גענען פאַר אַ חודש אָדער צוויי. ער האָט געטראַכט, אז היינטיקס יאָר וועט ער פאַרזייען גאַנצע פופצן זעק ווייץ און אַ פּאָר זעק האָבער, און פאַר דער תבואה, וואָס ער וועט אראָפּנעמען, וועט ער קויפן אָדער דינגען א גרעסערע שטיק ערד, און פּטור ווערן פון דער קרעמעריי — ער וועט די קראָם פאַרקויפן, גענוג געקרעמערט. נאָר שאַט, מען גייט אהער — אוודאי קונדן, וועלכע קומען אין אזא וועטער צופוס. פאַרביי זיינע פּיס איז דורכגעלאָפן א גרויסער וואָלף־הונט, געבליבן שטיין אין מיטן קראָם, צעשפּרייט די פּיס און אָפּגעטרייסלט דאָס

וואַסער פון זיך. די שמוציקע וואַסער־טראָפּנס האָבן זיך פונאַנדער־געשפּריצט איבער דער גאַנצער קראָם און עטלעכע זיינען דערפלויגן ביז שלמהס פּנים. אַן אַנדערש מאָל וואָלט שלמה געוויס דעם הונט מכבד געווען מיט אַ גוטן בריק און אים ארויסגעיאָגט פון קראָם, אָבער היינט האָט ער אָפּגעווישט די טראָפּנס וואַסער פון זיין פּנים און געלאָזן דעם הונט באַשמעקן די זעק און די סחורה. עס האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געוואָלט אים מוחל זיין פאַרן נאַס־בלאָטיקן גרוס, וואָס דער הונט האָט געבראַכט פון דרויסן.

אין דער רגע איז אין קראָם אריינגעקומען א פּאָליציאַנט און אויף אַ שטריק, ווי מען ציט אַ בהמה, האָט ער געצויגן אַ דאַרן שוואַרצן. פון נאָז ביים שוואַרצן זיינען געהאַנגען פאַרטריקנטע שטיקער בלוט, די אויגן אונטערגעהאַקט. דאָס צעריסן־פאַרבלוטיקטע העמד האָט אַנט־בלויזט דעם לייב, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שנירלעך אש־קאָ־לירטע, אויפגעלאָפענע בלוט־קנוילן, ווי אַ צעשמיסענע פערדישע פעל. שלמה האָט באַקוקט דעם שוואַרצן מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: ער פאַרשטייט — דער פּאָליציאַנט פירט א גרויסן פאַרברע־כער, וואָס האָט שוין באַקומען א חלק פון זיין שטראָף. אָבער זיך גוט צוקוקנדיק האָט ער אויפגעהערט שמייכלען:

„דזשאָזעף! דזשאָזעף איז א פאַרברעכער? און וואָס האָט ער אזוינס געטאָן?" האָט ער געפרעגט ביים פּאָליציאַנט.

„ער האָט געשאָכטן א שעפּס פון הער דו טאָיט", האָט דער פּאָ־ליציאַנט מיט אַ זידל־וואָרט אויפן שוואַרצנס חשבון געזאָגט. „אין אזא וועטער געמוזט גיין זוכן, אָבער ער וועט זיך שוין פאַרזאָגן צו גיין שעכטן שעפּסן".

ער האָט אים דערלאַנגט א בריק. שלמה האָט זיך פאַרקרימט, ווי ער גופא וואָלט געפילט דעם ווייטאָג. נאָך אַלעמען האָט דאָך דזשאָ־זעף געאַרבעט פאַר אים צוויי יאָר, און ער, שלמה, איז דאָך געווען צופרידן פון זיין ארבעט און נאָר צוליב דער טריקעניש האָט ער אים אָפּגעזאָגט מיט דריי חדשים צוריק. איצט, מיט קלעמעניש און מיט פאַרדרוס האָט שלמה באַגריפן, אז פאַר דזשאָזעפן האָט דער רעגן פאַרשפּעטיקט.

רעגן

1

עס גיבן פרימאָרגנס, ווען די דעקע וואַרעמט ליב און איבער די ביינער צעגיסט זיך אַ מידע זיסקייט, אזש דער גוף איז ווי צוזאַמענ־געגאָסן מיט דער נשמה. און הגם אין מוח שלאָגט דער באַוווסטזיין פון א שיינעם דרויסן, פון א זוניקער, ליכטיקער וועלט, בלייבט מען דאָך ווי צוגעשמידט צום בעט און מען לייגט אָפּ די מינוט פון אויפ־שטיין, ביז עמעצער קומט אריין אין צימער, צעשטערט די חלומות, צערייסט די פעדעם פון דער לאַנגער נאַכט.

אין אזא צושטאַנד האָט זיך געפונען יאַן יענעם פרימאָרגן. ער איז געלעגן אויף דער ברייטער טאָפּעלער בעט אין זיין צימער, זיך געטוליעט אין דער דינער דעקע און געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט. ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען דעם לעצטן חלום, וואָס אים האָט זיך געחלומט אידער ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, אָבער עס איז אים ניט געלונגען. האָט ער זיך אויסגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, פאַרזשמורעט די אויגן און גענומען באַטראַכטן דאָס צימער: די ווייסע געקאלכטע ווענט, די פאָרהענגלעך אויף די פענצטער, די בילדער אויף די ווענט — די זעלבע בילדער, וואָס זיין מאַמע האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אויפגעהאַנגען, די זעלבע געלע פאָטאָגראַפיעס, פאַרגרעסערטע, וואָס זיינען אזוי ניט ענלעך צו דעם לעבעדיקן זיידן און דער באָבן דאָרט אין די בערג ביי קייפּטאָן.

די לעצטע וואַקאַציע האָט ער פאַרבראַכט ביים זיידן אויפן פאַרם, געמאָלקן די קי, געריטן אויף ווילדע פערד, געשאָסן האָזן ביינאַכט. ער דערמאָנט זיך, ווי איין נאַכט האָט ער געכאַפּט אַ לעבעדיקן האָז. ווי צעשראָקן און ווילד דאָס חיהלע איז געווען! ער האָט גוט פאַר־בראַכט ביים זיידן אויפן פאַרם. ער האָט גאָר ניט באַמערקט, ווי די אַכט פרייע וואָכן זיינען פאַרביי און ער האָט געדאַרפט צוריק פאָרן אין „סקול״. די ערשטע פאָר וואָכן איז געווען פריילעך אין שול — נייע פנימער, א סך איבערלעבענישן, און גענוג וואָס צו דערציילן. ער

איז אויך געווען פארנומען מיטן איינאָרדענען זיך. שפּעטער צו איז געוואָרן אומעטיק. א גליק, וואָס דעם לעצטן יאָר האָט ער זיך אויס־געצייכנט אין ספּאָרט, האָט מען אים אריינגעשטעלט אין דער ערש־טער ספּאָרט־מאַנשאַפט פון דער שול. איז ער טאַקע געוואָרן פרייער: שבת האָט מען געקאָנט פארברענגען אַ פּאָר שעה אין שטאָט, קויפן אַ פּאָר פּעקלעך פּאַפּיראָסן און פארשטעקן עס אין אונטערשלאַק פון וועסטל, עס זאָל קלעקן אויף אַ גאַנצער וואָך, אריינגיין אין אַ קאַפע און דאָרטן אויפעסן א צוויי־דריי פּאָרציעס אייז־קרעם, זיך דורכ־ווינקען מיט די קעלנערינס אָדער מיט אַ באַקאַנטער שילערין.

אזוי איז שוין דורכגעלאָפן אַ יאָר, אַן אַ׳מעטיקס, און ניטאָ ספּע־ציעל וואָס צו פאַרצייכענען, סיידן אפשר די עטלעכע נצחונות אין פוטבאָל און קריקעט. דאָס לערנען איז געגאַנגען ווי געוויינטלעך; אז מען געפינט זיך שטענדיק אונטער דער אויפזיכט פון לערערס האָט ער זיך געלערנט בעסער און געענדיקט גוט. אָבער טיף אין האַרצן איז יאַן ניט געווען צופרידן: נאָך צוויי יאָר אוועקזיין איז ער צוריק אהיים, אויפן פאַרם. דאָ איז אויך ניט ווי ער האָט דערוואַרט. דער טאַטע קלאָגט זיך אז די מיליס זיינען אויסגעטריקנט, די וואָל קאָן מען ניט פאַרקויפן. און תיכף ביים אָנקומען צו דער באַן־סטאַנ־ציע האָט אים געוווּנדערט פאַרוואָס זיין פאָטער איז געקומען אים אָפּוואַרטן מיט פערד און וואָגן:

„ווו איז דער אויטאָמאָביל?״ האָט ער געפרעגט.

זיין פאָטער האָט געענטפערט מיט אַ פארכמורעט פּנים:

„היינטיקע צייטן לוינט ניט צו פאָרן מיט „מאָטאָר־קאַרס״. אלץ איז טייער און קיין געלט איז ניטאָ, און ס׳וועט ניט זיין ביז די וואָל וועט ווערן פאַרקויפט״.

מיט די ערשטע ווערטער פון זיין פאָטער האָט אים דאָס האַרץ פאַרדריקט. ער האָט דאָך געיאָגט די צייט, געשטופּט די טעג, גע־לערנט, געוואַרט אויפן טאָג ווען ער וועט זיך אומקערן אהיים. דאָרטן, אין דער היים, וועט ער געניסן פון אַ סך פאַרגעניגנס: ער וועט פאָרן באַזוכן שכנים, זיך נעענטער באַקענען מיט די שיינע מייד־לעך פון „אום״ וואַן דער לינדע, וועמענס פאַרם איז ניט מער ווי אַ פופציק מייל פון זיין פאַטערס, און ארומיאָגן זיך מיטן אויטאָ, און מיט אמאָל — אזא שטראָף: מען טאָר דעם אויטאָ גאָר ניט נוצן! מיינט עס — ווידער פאַרשפּאַרט זיין, ווידער אין תפיסה! פּטור גע־

וואָרן פון דער שול־געפענגעניש און אריינגעפאַלן אויף די רחבות־דיקע פאַרם־שטחים צוריק אין טורמע! פאָרן צו וואַן דער לינדע מיט פערד דאַרף נעמען א טאָג. און בכלל, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס צו קומען מיט פערד, ווי עפּעס אַ פּראָווינציאַל, אַ „קאַונטרי פּאַמפּקין". ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָט דאָס בלוט יאַנען אַ שלאָג געטאָן אין פּנים און אַ צאַרנדיקער האָט ער זיך געזעצט אויפן וואָגן לעבן זיין פאָטער.

אין דער היים האָט זיין מאַמע, ארומגערינגלט פון אלע איינ־ווינער אויפן פאַרם, אים אָפּגעוואַרט אויף דער פאָדערשטער וועראַנ־דע, אים אויפגענומען מיט אזא וואַרעמקייט, וואָס האָט מאָמענטאַל צעטריבן יאַנס אומעטיקע מחשבות. זיין מוטער האָט אָנגעהייבן זיך אויספרעגן אויף דער גרויסער שטאָט, וועגן פריינד און באקאנטע, און האָט פלוצלונג א פרעג געטאָן:

„יאַן, האָט עס גערעגנט ביי אייך אין שטאָט?"

די פראַגע האָט שאַרף און טרוקן זיך אריינגעשניטן צווישן די אָנוועזנדיקע, ווי ניט קיין אָנגענעמע זאַך. אלע זיינען געבליבן שטיין שטיל מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס, ארומגענומען מיט אַן אומעט, ווי מיט אַן אייזערנעם רייף.

יאַן האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן, די פראַגע האָט אים צע־טומלט, אָבער באַלד איז ער געקומען צו זיך. אַ געדאַנק האָט אים אַ ברי געטאָן: אויב ער וועט זיי איצט זאָגן, אז דאָרט, אין דער וויי־טער שטאָט, האָט גערעגנט, אז די גערטנער דאָרטן זיינען גרין און דאָס גראָז איז זאַפטיק און שיין, וועט ער זיי דאָ אלעמען באַשטראָפן פאַר זיין נייער תפיסה, פאר זיין צוגערויבטער פרייהייט.

„יאָ", האָט ער געזאָגט, „אין שטאָט האָט גוט גערעגנט!" זיין שטים האָט געקלונגען מיט אַ מאָדנעם נקמה־טריאומף. עס האָט אים הנאה געטאָן צו זען ווי די בליקן פון די ארומיקע האָבן אויפגעבליצט מיט קנאה. זיין מאַמע האָט אומעטיק געזאָגט:

„און דאָ, יאַן, האָט די גאַנצע צייט ניט גערעגנט, מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט ביי גאָט", און ווי אַ רעפריין האָבן אלע, זיפצנדיק, נאָכ־געזאָגט: „ניט גערעגנט".

יאַנען גופא איז אויך געוואָרן אומעטיק. ער האָט געטראַכט: זיין וואַקאַציע וועט שוין זיין א פאַרשטערטע, א מרה־שחורהדיקע. אז אַ רעגן וואָלט קומען, וואָלט דאָ אין הויז אפשר אויך וועדן פריילעכער.

אין אָונט, איידער ער האָט געזאָגט א גוטע נאַכט צו טאַטע־מאַמע, האָט ער געבעטן מען זאָל אין דער פרי ניט ברענגען אים קיין קאַווע, אים ניט שטערן, ווייל ער וויל זיך גוט אויסשלאָפן. איז טאַקע דעם גאַנצן פרימאָרגן געווען שטיל אין הויז. די מאַמע איז ארומגע־גאַנגען אויף די שפּיצן פינגער, און די טאַנטע, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיי, האָט ברוגז געבורטשעט אויף דער שוואַרצער די־נערשאַפט טאַמער האָט פון זייער זייט זיך דערטראָגן אַ שטיקל טומל. דער טאַטע איז אוועק אין פעלד פאַרטאָג און וועט ניט זיין צוריק ביז מיטאָג.

2

איז יאַן איצט געלעגן אין בעט. און כאָטש דער פענצטער איז געווען פאַרהאנגען האָבן שטראַלן פאַרט זיך אריינגעריסן אין צימער, האָבן ארומגעטאַנצט אויף די ווענט, זיך צעגאַסן אין קאָלירטע פאַסן, זיך געררוקט אויפן דיל און געקראָכן צו יאַנען אויפן בעט. איינער אַ קונדסער שטראַל איז ארויף אויפן קישן, האָט אַ בלענד געטאָן אין די אויגן און איז געבליבן, ווי וואַרטנדיק, ליגן אויף זיין פנים. האָט יאַן פאַרזשמורעט די אויגן, האָט פּרובירט באַהאַלטן דעם קאָפּ אונ־טער דער דעקע, אָבער עס איז אים געוואָרן דושנע און אַ שוויס האָט אים ארויסגעשלאָגן אויפן פנים. ער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט, אראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּידזשאַמעס און איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער. אין דער רגע האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר, און איידער יאַן האָט נאָך באוויזן עפּעס צו זאָגן איז אויפן שוועל גע־שטאַנען די יונגע שוואַרצע לאַיזא מיט אַ גלאָז קאַווע אין האַנט. מיינענדיק, אז עס איז זיין מוטער, אָדער אן אנדער פרויענצימער פון הויז, האָט ער אויסגעשריען: „מען טאָר ניט!" אָבער דערזעענדיק די שוואַרצע האָט ער נאָר ארויפגעשלעפּט די דעקע אויף זיינע פּליי־צעס, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איר געהייסן אריינגיין און אוועקשטעלן די קאַווע אויפן שטול לעבן זיין בעט. לאַיזא, ווי ניט באַמערקנדיק יאַנס נאַקעטן קערפּער, איז אים פאַרבייגעגאַנגען און געזאָגט:

„גוט מאָרגן, באַאַס!"

יאַן האָט איר געענטפערט:

„גוט מאָרגן, לאַיזא", און בעת מעשה געטראַכט, אז לאַיזא איז פאַר דעם לעצטן יאָר גרעסער און שענער געוואָרן. עס האָט אים

איצט ניט געקימערט, וואָס ער שטייט אַ האַלב נאַקעטער לעבן דער יונגער שוואַרצער מיידל, אזוינס וואָס ער וואָלט זיך ניט דערלויבט אין דער קעגנוואַרט פון א ווייסער פרוי. זיינען דאָך די שוואַרצע נאָר דינער און דינסטן און אין זייער קעגנוואַרט דאַרף מען זיך ניט שעמען, מען דאַרף זיי גאָר ניט באַמערקן, אזוי האָט ער תמיד געטראַכט. אָבער היינט האָט זיך אים פאַרוואָלט זיין גוט און איידל, האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט:

„וואָס מאַכסטו, לאַיזא? ווי גייט עס?“

„גוט, באַאָס, עס גייט גוט“, האָט לאַיזא אַ שטראַלנדיקע געענטפערט, אַ צופרידענע דערפון וואָס יאַן האָט אַנגעהייבן ריידן מיט איר.

„און וואָס מאַכט דער קליינבאַאָס?“, האָט לאַיזא געקראָגן מוט און גענומען ריידן צו יאַנען, „אָ, אזוי לאַנג דיך ניט געזען, קליינבאַאָס. ווייסט, דיין צויג האָט שוין דריי מאָל געבוירן הינטעלעך, און דאָס פערדל, דאַלאָס, געדענקסט דעם יונגן לאַשיק, ער איז שוין אַ גרויסער פערד“, האָט זי אין איילעניש אַלץ אויסדערציילט.

יאַן האָט געטרונקען די קאַווע און פאַר די אויגן איז אים אויפגעשווומען די צויג, ספּאָטי, א גרויסע בול־צויג, וואָס פלעגט ניט אָפּטרעטן פון אים אויף אַ שריט, און זיין לאַשיקל, וועלכן ער האָט געקאָרמעט מיט צוקער און אים געפּוצט. איצט האָט זיך יאַנען געגלוסט ארויסגיין וואָס גיכער אין פעלד און א קוק טאָן אויף זיינע אמאָליקע ליבלינגען.

„לאַיזא, ברענג מיר מיינע אַלטע קליידער!“ האָט יאַן אַ צופרידענער אויסגעשריען. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס קאַווע קריגעלע אויפן שטול און איז אוועק אין וואַש־צימער. ארומגעוואַשן און פאַרקאַמט איז ער אריין צוריק אין זיין צימער, אויף גיך אָנגעטאָן די כאַקי־העמד און די קורצע הייזן פון זיין עלטערן ברודער, וואָס לאַיזא האָט אריינגעטראָגן. ער האָט געהייסן לאַיזאַן אָפּפּוצן די שיך, וואָס זיינען געשטאַנען ביים בעט. לאַיזא האָט זיך געשיקט איינגעבויגן און אויפגעהייבן די שיך. שטייענדיק לעבן אים האָט יאַן באַמערקט די קאָנטורן פון אירע נאַקעטע בריסט. אים איז פלוצלונג הייס געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אז אין שול האָט א חבר אים פאַרציילט, אז אין די לעצטע וואַקאַציעס האָט ער שוין געהאַט צוויי מיידלעך — אַ ווייסע און אַ שוואַרצע. ער געדענקט ווי ער האָט דעמאָלט אויסגעהערט די מעשיות און האָט דערנאָך א גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט

שלאָפן, עס האָבן זיך אים כסדר געחלומט נאַקעטע מיידלעך. איצט, פאַרנדיק אויף די וואַקאַציעס אהיים האָט ער געזאָגט זיין חבר, אַז דאָס מאָל וועט ער זיך שוין אויך באַזאָרגן מיט אַ מיידל. נעכטן, פאַרנדיק פון דער באַן־סטאַנציע, האָט ער אויך געטראַכט וועגן דעם. און אַן אַן אויטאָמאָביל האָט ער שוין ניט קיין האָפענונג צו טרעפן אַ ווייסע מיידל: זייער פאָרם איז אַ מהלך פון די אנדערע פאָרמס. פאָרן אין שטעטל אַן די עלטערן וועט ער ניט קאָנען. איצט, דער־זעענדיק לאַיזאַס נאַקעטן לייב, האָט דער געדאַנק וועגן א מיידל ווי־דער דערוואַכט אין אים. אים האָט זיך געגלוסט זי אָנרירן, זיך שפילן מיט איר, אָבער ער האָט זיך שנעל קאָנטראָלירט און א באַר־וועסער אריין אין די אַנדערע צימערן. ער האָט אויפגעזוכט און באַ־גריסט זיין מוטער מיט אַ „גוט מאָרגן!" זיך נאָכגעפרעגט וואָס זי מאַכט.

זיין מוטער איז געזעסן ביים טיש און געשטריקט. פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפן אומרואיקע בליקן אין דער ריכטונג פון קיך, פון וואַנען עס איז געקומען דאָס גערויש פון כלים און א כריפנדיק קול פון טאַנטע אננאַ, וואָס האָט אכטונג געגעבן אויפן קאָכן. ווען יאַן איז אריין אין צימער האָט זיין מוטער אים ליבלעך אונטערגע־טראָגן די באַק אַ קוש צו טאָן און ארויספלאָנטערנדיק די וואָל פון אירע פינגער האָט זי אים צערטלעך אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

„ביסט אַ גרויסער געוואָרן, יאַן, ווי דיין ברודער פיט, האָסטו שוין אַ מיידל אין שטאָט?" און זי האָט לאַכנדיק אַ קוק געטאָן אויף יאַנען.

יאַן איז רויט געוואָרן און פאַרשעמט זיך אָפּגעקערט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דעם שוואַרצן מיידל, אירע רונדע בריסט, וואָס ער האָט נאָר וואָס געזען, האָט ער בלויז געזאָגט:

„מוטער, איך דאַרף ניט קיין מיידלעך. חוץ דעם האָב איך איצט ניט קיין צייט צו שמועסן וועגן דעם, איך וועל גיין אין פעלד". ער איז גיך אוועק צו זיך אין צימער. לאַיזאַ האָט נאָך געפּוצט זיינע שיך. ער איז צו איר צוגעלאָפן און ארויסגעריסן די שיך פון אירע הענט, ער האָט געבורטשעט:

„פאַרדאַמטע קאַפּערטע! ווי לאַנג עס נעמט איר דאָס פּוצן די שיך! א פוילע צויג ביסטו, לאַיזאַ".

לאַיזאַ האָט אַ צעטומלטע אויסגעהערט די דאָזיקע ווערטער. זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און איז ארויס פון צימער.

3

די שאָטנס פון דער אָנקומענדיקער נאַכט האָבן זיך געלייגט אויפן פּאַרם, אויף די געביידעס, אויף די ביימער. אַן אומעטיקע שטילקייט האָט זיך צעגאָסן רונד אַרום. פון די רחבותדיקע פעלדער האָט זעלטן זיך נאָך געהערט אַ שטילער פויגל־צוויטשער. אַ קו ערגעץ ווייט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פאַרבענקטן „מו!" און איז באַלד שטיל געוואָרן, ווי פאַרשעמט פאַרן שטערן די אַרומיקע שטילקייט. ליכט האָבן נאָך ניט געברענט אין די הייזער, בלויז אין דער קליינער כאַטע, וואָס איז געלעגן ווייט אין פעלד, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע הייזלעך פון די שוואַרצע, האָבן שטיל זיך באַוועגט צוויי מענטשלעכע פיגורן. ביים אַריינגאַנג צו דער כאַטע האָט זיך געררויכערט אַ בלעך מיט קוילן, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ טאָפּ און זיך געקאָכט. לעבן פייער איז געלעגן אַ מאָגערער הונט און געדרעמלט מיט זיין מאָרדע אויף די צוויי פאָדערשטע לאַפּעס. די שטילקייט איז איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ זידל־וואָרט אין סעסוטאָ, און אַ קלאַפּ פון אַ פאַלנדיקן בלעך. לאַיזאַ איז אַרויס פון דער כאַטע, האָט זיך אָנ־געבויגן איבערן טאָפּ, דאָרט געמישט מיט אַ שפּענדל, זיך אויסגע־גלייכט, זיך אַרומגעקוקט און ווי ציענדיק אַ פריערדיקן שמועס געזאָגט:

„אַ פוילע צויג בין איך! דעם גאַנצן טאָג זיך ניט אָפּגערוט: אַלע צימערן אויפגעראַמט, געוואַשן די פּאָדלאָגעס, פאַרבעט די בעטן, געגעבן עסן די הינער, ריין געמאַכט דעם הויף, די כלים, די זילבער־וואַרג. איך בין אַ פוילע צויג, אָבער זיין מאַמע זיצט דעם גאַנצן טאָג אויפן שטול, ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק, זיצט און שטריקט און שרייט: „לאַיזאַ, פוילע צויג. דערלאַנג מיר אַ קריגעלע קאַווע! לאַיזאַ ברענג די וואָל!" הונדערט מאָל אַ טאָג: לאַיזאַ. און ער אויך. צוויי יאָר ניט געוועזן און באַלד דעם ערשטן טאָג זיך געזידלט, ווי זיין מאַמע, „פוילע צויג!"

„וואָס, טאָכטער, האָסטו דען דערוואַרט?" האָט איר מוטער גע־זאָגט. „נאָך גוט אַז דו האָסט ניט געקראָגן מיטן קאַנטשיק. אונדזע־רע באַלעבאַטים בילן נאָר, אַנדערע בייסן. אַ, בייסן זיי! איך גע־דענק נאָך ווי דער אַלטער וואַן אַסוועגן, דער הונט, האָט אָנגעבונדן מיין מאַמען צו אַ בוים און געשמיסן. דערנאָך, ביינאַכט, איז ער גע־קראָכן צו איר, דער פאַרדאַמטער שמוציקער חזיר", זי האָט הילכיק

אויסגעשפיגן. „זײ צופרידן, טאָכטער, דיר איז נאָך גרינגער, פיל גרינגער װי אמאָל אונדז, עלטערע מענטשן".

„אַ קאַנטשיק! אנו, זאָל ער נאָר פּרובירן. איך װעל אים מיט אַ מעסער דערשטעכן, די פאַרם־הויז פאַרברענען! אין שטאַט, זאָגט מען, איז אַנדערש, אין שטאַט לאָזן זיך אונדזערע מענטשן מער ניט טרעטן מיט די פיס. דער פעטער דערציילט אז דאָרט, אין שטאַט, איז אַן אַנדער לעבן. דאָ באהאנדלט מען אונדז ערגער פאר בהמות. װי ער האָט עס היינט געראַמט און געריייניקט זיין פערדל, געװאַשן זיין בולדאָג, אים געקאָרמעט, און מיר דאָס לעצטע ביסל זופּ פון טעפּל ניט געגעבן. איך בין אַ פוילע צויג! מאַמע, לאָמיר דעם אַנדערן זומער אװעק פון דאַנען!"

לאַיזאַ האָט גערעדט מיט היץ, האַסטיק, געפאָכעט מיט די הענט און געטרייסלט איר בייגעװודיקן קערפּער.

און װידער איז שטיל געװאָרן ארום. דאָס זידנדיקע טעפּל און דאָס קנאַקן פונעם פייער האָבן נאָך מער פאַרטיפט די שטילקייט פון דער סודותדיקער נאַכט.

4

דער װעג האָט זיך געשלענגלט צװישן היגלען, באַװאַקסן מיט בוש־ביימלעך, װאָס האָבן אויסגעזען װי בראָדעװקעס אויף א מענטש־לעכן קערפּער, באַפּוצט װו־ניט־װו מיט אַ גרויסן פעלדז, צעשפּאָלטן אין הונדערטער ערטער פון רעגן און װינט.

דער אַלטער פראַנס האָט אַנגעטריבן די פערד, געקוקט צעבייי־זערט ארום זיך, זיך געװויגט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיך אַנגעשלאָגן אָן דעם װייב, װאָס איז געזעסן לעבן אים אין „ספּיידער", און האָט געװוישט דעם שװייס פון פּנים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט שטוינונג און כסדר אים געװאָרנט:

„פּאַמעלעך, פראַנס. װאָס שאָקלסטו זיך אזוי? שוין אָפּגע־װוינט פון פאָרן אין „ספּיידער?"

„אװעק די גוטע יאָרן! דער מאָטאָר־קאר שטייט אין גאַראַזש. װער װייס װי לאַנג עס װעט נאָך אזוי שטיין? אָ, פאַרזינדיקט האָבן מיר זיך — ניטאָ קיין רעגן".

ביידע האָבן יאָושדיק געקוקט אויפן לויטערן הימל, געזוכט

אַ וואָלקן הינטער די היגלען, באַטראַכט די צעטריקנטע פעלדער, פאַרוויאַנעטע גראָז, און אַזוי ווייט ווי דאָס בליק האָט דערלאַנגט איז אַלץ געווען העל, לויטער, באַשטראַלט און צעפינקלט פון דער זון. וואָלקנס שטויב האָבן זיך געיאָגט הינטער זייער וועגל און זיך צע־לייגט אויף דערבייאיקע פעלדער.

פראַנס האָט יעדע ווײַלע געריקט זיין גראָבן פינגער הינטערן קאָלנער. ער איז געווען אויסגעפּוצט. ער האָט געהאַט אויפן האַלדז אַ ווייסן, הארטן קראַגן, וואָס האָט אים איצט געשטיקט, אָבער עס אויסטאָן האָט ער ניט געוואָלט: די שטאָט איז שוין געווען נאָענט. ער איז געפאָרן אין שטאָט ווו מען וועט בעטן אויף רעגן אין קירך. זיי זיינען ארויפגעפאָרן אויף אַ בערגל. אונטן, אין טאָל, האָבן זיי געזען נאָך אַנדערע וועגענער. יעדע עטלעכע מינוט איז אַן אויטאָ־מאָביל פאַרבייגעלאָפן, איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ וואָלקן שטויב און אַ ריח פון בענזין.

„זעסט, מוטער”, האָט דער אַלטער געזאָגט צו זיין ווייב, „אַלע פאָרן היינט, אַלע וועלן בעטן גאָט. מיר וועלן קריגן רעגן. געדענקסט, אין דער צייט פון דער מלחמה איז אויך געווען אַ טריקעניש, האָט מען דעמאָלט אויך געבעטן גאָט, און באַלד נאָכן ארויסגיין פון קירך האָט שוין גערעגנט. מיר פאַרדריסט פאַר וואָס מיר האָבן יאַנען געלאָזן אהיים, געדאַרפט אים אויך מיטנעמען — אַלע דאַרפן בעטן, אַלע זינדיקן מיר, אַלע. אַ שלעכטע צייט, מוטער. די קינדער פאָלגן אונדז גאָרניט, די שוואַרצע טוען וואָס זיי ווילן. זיי ווילן גאָר ניט אַרבעטן מער. די רעגירונג אפילו גיט זיי איין. אַ זינדיקע צייט, מוטער”.

„יאָ, פראַנס”, האָט זיין ווייב מסכים געווען, „מיר האָבן געזינ־דיקט, אָבער אויף יאַנען דאַרפסטו ניט זיין אין כעס. ער האָט זיך געפילט ניט מיט אַלעמען. חוץ דעם — עמעצער מוז דאָך אַכטונג געבן אויף דער פאַרם. טאַנטע אננאַ איז אוועקגעפאָרן און פיט איז די גאַנצע וואָך ניטאָ אין דער היים. יאַן האָט נעכטן געזאָגט אַז ער וועט היינט גיין שיסן שטעכלערס, ער וועט נאָך זיין נוצלעך אויף דער פאַרם”.

פראַנס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן:

„שטעכלערס, מוטער, קאָן ער שיסן, זיי פּלאָגן מיך שוין אַ לאַנגע צייט, אָבער גאָט בעטן האָט ער אויך געדאַרפט פאָרן”.

5

יאַן האָט זיך געלאַנגווייליקט אויף דער פאַרם. ער האָט געהאַט אַ סך פּלענער פאַרן טאָג: געדענקט צו פאַרריכטן דעם וואָגן, אָנ־שניידן אַ ביסל לוצערן; ער האָט געוואָלט ווייזן דעם טאַטן זיינעם אַז ער זאָרגט זיך וועגן דער פאַרם, אַז מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים. אָבער ווען ער איז ארויס פון הויז ארום צען אין דער פרי, האָט די זון שוין שטאַרק געוואָרעמט. אייניקע מינוטן האָט ער זיך ארומגע־פּאָרעט מיט די רעדער פון וואָגן, ער איז געוואָרן פאַרשוויצט און האָט עס אָפּגעלאָזן. ער איז אוועק צו דער סאַזשלקע זיך אויסבאָדן. דאָס וואסער איז געווען קיל און דערפרישנדיק. איז ער דאָרט ארומ־געשווומען און זיך געפּליעסקעט ביז ארום איינס דעם זייגער. ער איז געקומען אהיים אַ הונגעריקער. לאַיזאַ האָט אים דערלאַנגט דעם מיטאָג, וואָס זיין מאַמע האָט נאָך נעכטן צוגעגרייט פאַר אים. יאַן האָט געגעסן מיט אַפּעטיט. ער איז גיך פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און נאָך געגעבן אַ גרויסן טייל דערפון דעם בולדאָג. ער איז אריין צו זיך אין צימער, זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט מיט דער כוונה צו שלאָפן, אָבער עס איז געווען הייס און דער שלאָף איז ניט געקומען. איצט איז יאַן שוין געווען בייז אויף זיך למאי ער איז ניט געפאָרן מיט זיינע עלטערן אין שטאָט אריין. עס איז אים געוואָרן נאָך מער לאַנגווייליק. ער האָט זיך אויפגעהייבן, איז אריין אין זיין פאָטערס צימער, האָט פון וואַנט אראָפּגענומען די ביקס און איז אוועק אין קיך. די שוואַרצע קעכין מיט לאַיזאַן זיינען געזעסן אויף דער ערד ביי דער טיר און געגעסן, ריידנדיק, ווי זייער שטייגער, אויפן קול. ווען יאַן איז אריין זיינען ביידע פרויען שטיל געבליבן.

„לאַיזאַ, גיב מיר די אייל, איך וויל אויסשמירן די ביקס. אָט וועט איר זען ווי איך וועל היינטיקע נאַכט מכבד זיין די שטעכלערס מיט טאָמאַטן און סאַלאַט — זיי וועלן שוין האָבן דעם אמתן מאַלצייט".

ביידע פרויען האָבן גוטמוטיק געשאָקלט מיט די קעפּ און גע־לאַכט, הגם זיי האָבן ניט געוווּסט וועגן וועלכע טאָמאַטן יאַן רעדט. אָבער מען דאַרף צוליב טאָן דעם באַלעבאָס און לאַכן אויפן קול...

יאַן, אַ צופרידענער, האָט צענומען די ביקס, זי געפּוצט, געריי־ניקט, אויסגעשמירט מיט אייל. לאַיזאַ האָט געהאָלפן: געבראַכט שמאַטעס, געריבן געוויסע טיילן און געטראַכט אַז איר עסן ווערט קאַלט. זי האָט זיך דעריבער געאײַלט, געאַרבעט געשווינד, זיך גע־

דרייט פלינק ארום יאַנען, אים דערלאַנגט אלץ צו דער האַנט. עט־לעכע מאָל האָט יאַן זיך אַנגערירט אָן איר, אזוי זיך, אומגערן, אָבער באַלד האָט ער שוין געזוכט אַ געלעגנהייט זי אַנצורירן, כלומרשט אַ שטויס טאָן, זיך אריבערבייגן איבער איר. זיין בלוט האָט געזאָדן, עס איז אים געוואָרן הייס. עס האָט זיך אים געגלוסט אַ כאַפּ טאָן דאָס שוואַרצע, פלינקע מיידל און אריינפּרעסן זיינע הענט אין איר זאַפּטיק־שטייפן לייב, אָבער די קעכין איז געווען דערביי, האָט ער געריבן די ביקס מיט גרעסערער התמדה און געטראַכט, אז היינט ביינאַכט מוז עס געשען.

6

יאַן האָט שטיל געשפּרייזט אין דער געדיכטער פינצטערניש. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די ביקס, אין דער צווייטער אָן עלעק־טרישן לעמפּל וואָס האָט געוואָרפן א שמאָלן פּאַס ליכט פאָרויס. ער איז צוגעקומען צו לאַיזאַס כאַטע, האָט אַנגעקלאַפּט און געשריען:

„דזשאַן, קום מיט מיר שיסן שטעכערלעך". פון אינעווייניק האָט לאַיזא צוריק געשריען:

„קליינבאַאַס, דו מאכסט א טעות: דזשאָנס הויז איז דאָך אויף יענער זייט פאָרם".

יאַן האָט זיך כלומרשט אויסגעזידלט און געזאָגט:

„אויב אזוי וועסטו מיר שוין מוזן צולייכטן. איך וועל איצט ניט גיין זוכן דזשאָנען. קום געשווינד, לאַיזא, די שטעכלערס וועלן אויף אונדז ניט וואַרטן".

אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז לאַיזא ארויסגעקומען. זי איז געווען איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און בייז פאר וואָס יאַן האָט זי אויפגעוועקט פון שלאָף. זי האָט געשפּרייזט און געלויכטן דעם וועג מיטן עלעק־טרישן לעמפּל. הינטער איר איז געגאַנגען יאַן אַ צערייצטער. דאָס בלוט האָט געיאָגט צום האַרצן, זיינע ציינער האָבן געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע, ווי אין אַ פראָסט. און פּלוצלונג איז יאַן צוגעפאַלן צו לאַי־זאַן, זי ארומגעכאַפּט און מיט א פארשטיקטן קול ארויסגעהעשעט:

„לאַיזא, איך וויל דיך האָבן היינט, איך האָב דיך איצט ליב, קום!"

און ער האָט זי פּרובירט א וואַרף טאָן אויפן גראָז. דאָס לעמפּל איז ארויסגעפאַלן פון לאַיזאס האנט. א פארגליווערטער פּאַס ליכט האָט זיך קרום צעלייגט איבער אַ ברעקל פעלד. לאַיזא האָט זיך גענומען ווערן מיט אלע כוחות, בעטן און דראָען:

„באַס, לאָז מיך אָפּ! איך וועל שרייען!"

יאַן האָט ניט נאָכגעלאָזן. ער האָט זי שוין געהאַט אויף דער ערד, אָבער לאַיזא האָט זיך פלינק א דריי געטאָן און איז שוין ווידער געשטאַנען אויף די פיס. יאַן איז ווילד געוואָרן. ער האָט זיך גע־וואָרפן אויף איר, נאָך פעסטער זי געדריקט מיט זיין גאַנצן קערפּער. לאַיזא האָט אים געדראַפּעט מיט אירע נעגל, געבעטן אז ער זאָל זי אָפּלאָזן. ווען זי האָט געשפּירט אז אירע כוחות וועלן עס ניט אויס־האַלטן און זי וועט פאַלן, איז זי צוגעפאַלן צו זיין אָרעם און איינגע־ביסן זיך דערין מיט גאָר אירע כוחות. דער ווייטאָג האָט יאַנען אויף אַ מינוט צעטומלט און ער האָט זי אָפּגעלאָזט, אָבער ער איז תיכף גע־קומען צו זיך און ווידער זי פּרובירט אָנכאַפּן, אָבער לאַיזא איז שוין געווען ווייט. זי איז געלאָפן מיט האַרץ־קלאַפּעניש און געשריען. יאַן האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך דערמאָנט דעם פאָטער זיינעם, לאַיזא וועט אַלעמען דערציילן. יאַן האָט זיך גענומען איר נאָכיאָגן. אין קאָפּ ביי אים האָט געהאַמערט:

„ניין, זי טאָר ניט דערציילן, אלע וועלן לאַכן פון מיר, וואָס וועלן טאַטע־מאַמע זאָגן?"

יאַן איז געלאָפן און געשריען:

„לאַיזא, שטעל זיך אָפּ, איך וועל דיר ניט טשעפּן מער". אָבער לאַיזא האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון אים.

יאַן האָט אריבערגעהייבן די ביקס פון דער רעכטער צו דער לינ־קער האַנט און צוויי מאָס אויסגעשאָסן. עס האָט זיך דערהערט אַ פאַל. א ווייטאָגדיקער אויסגעשריי איז זיך צערונען אין דער ארומיקער פינצטערניש צוזאַמען מיט די עכאָס פון די שאָסן.

7

אין געריכט אויפן פאַרהער האָט יאַן דערציילט אז ער איז גע־גאַנגען שיסן שטעכלערס. לאַיזא האָט אים באַלויכטן דעם וועג. ווי עס האָט פּאַסירט, אז זי האָט זיך אונטערגעדרייט אונטערן ביקס און איז דערשאָסן געוואָרן קאָן ער ניט דערקלערן.

יאַן איז באַפרייט געוואָרן. דעם זונטאָג דערנאָך איז יאַן געזעסן אין קירך מיט די עלטערן, פרום געדאַוונט און געדאַנקט גאָט, וואָס האָט אים אויסגעהיט אז ער זאָל זיך ניט מטמא זיין מיטן קערפּער פון אַ שמוציקער „קאַפּערטע".

אַנטוישונג

א.

שוין ניין מאָנאַטן ווי עס האַלט אָן די טריקעניש אין דער אומגעגנט. די זון ברענט אומרחמנותדיק, אז דאָס באַוואַסערטע גראָז אפילו ווערט בייטאָג גלייך פארוועלקט און פאַרגעלט. די ביימער שטייען האַלב־נאַקעטע, אָן בלעטער און מיט אָפּגעטריקנטע צווייגן, ווי בעטלער ביי אַ לוויה. די ערד איז צעפּלאַצט מיט טיפע שניטן, ווי קנייטשן אין אַן אַלטן פּנים. וואָכנלאַנג ווי די בהמות אויף דער פאַרם גייען ארום האַלב־הונגעריקע און זוכן אַ גרין גרעזל צי עפּעס אַ געוויקס, וואָס זאָל זיי דערפרישן און שטילן דעם הונגער.

בען האָט נאָך פון פאַראַיאָרן גֶעהאַט אָנגעגרייט א גרויסן סטויג צונויפגעפרעסטע בעבלעך, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט פעט מאַכן עטלעכע אָקסן אויף צו פארקויפן די קצבים. אָבער אז די טריקעניש האָט אָנגעהאלטן, האָט ער באַשלאָסן צו פונאַנדערטיילן די פּאַשע צווישן די הונגעריקע בהמות. יעדן מאָרגן און יעדן אָוונט האָבן די שוואַרצע ארבעטער אונטער זיין אויפזיכט צעמאָלן די בעבלעך מיט שטרוי און עס אריינגעשאָטן אין די קאָריטעס פאַר די בהמות. עס איז נאָר געווען גענוג זיי אויפצוהאַלטן ביים לעבן, אָבער ניט זאַט צו מאַכן. בען האָט געהאָפט אויף רעגן, ווען ער וועט קאָנען זייען פּאַשע פארן ווינטער. איז אָבער פארביי דער דעצעמבער, און עס איז שוין געווען אין מיטן יאַנואַר, אָבער אויף רעגן האָט ניט געוויזן. בען און זיין פאַמיליע האָבן זיך כסדר צוגעהערט צום ראַדיאָ, כדי ניט אדורכלאָזן אפילו איין מעטעאָראָלאָגישן באַריכט, אָבער אויך די מעטעאָראָלאָגן האָבן קיין רעגן ניט פארשפּראָכן. איז ער און זיין גאַנצע הויזגעזינד אין אַ פראָסטן מיטוואָך אוועקגעפאָרן אין קלויסטער און צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע גלייביקע געבעטן אויף רעגן. אָבער נאָך דעם האָט ווידער די טריקעניש אָנגעהאַלטן ווי

פריער. דאָן האָט בען ענדלעך באַשלאָסן אַרויספאָרן זוכן פּאַשע. פון שכנים און פאַרבייפאָרנדיקע בורן האָט ער זיך דערוווסט ווו ס'האָט לעצטנס געדעגנט, האָט ער גערעכנט אַז ערגעץ ווו דאָרט וועט ער קריגן צו דינגען אַ פעלד מיט פּאַשע פאַר די קומענדיקע זעקס חדשים.

בען האָט מיטגענומען מיט זיך יאָנאַסן, איינעם פון זיינע שוואַרצע אַרבעטער. ער וועט שפּעטער דאַרפן טרייבן די שעפּסטן און בהמות צו דעם נייעם פּלאַץ און אויך אכטונג געבן אויף זיי אין די לאַנגע ווינטער־מאָנאַטן, בעת זיי וועלן בלייבן אויף די פרעמדע פעלדער. יאָרן לאַנג האָט שוין יאָנאַס געאַרבעט ביי בענען. ער איז געווען זיין פּאַרטרויטער „באָי" און געטראָגן די לאַסט פון פאַרם ווי זיין אייגענע. ער איז אפילו צופרידן געווען מיטן קליינעם געהאַלט פון צוויי פונט אַ מאָנאַט, מיט אַ האַלבן זאַק „מילי"־מעל און דאָס ביסל קאַווע און צוקער, וואָס איז אויך געווען אַריינגערעכנט אין לוין, און וואָס בענס ווייב פּלעגט אים צוטיילן ביים אָנהייב פון יעדן מאָנאַט. בען פּלעגט פון צייט צו צייט אים נאָך געבן אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע הויזן, אַמאָל אַ העמד אָדער אַ דעקע. און יעדן שבת ביי־טאָג, נאָך דער אַרבעט, האָט יאָנאַס באַקומען פון בענען אַ פּאַרציע געדערים פון אַ שעפּס צי פון אַן אַנדער בהמה. אָפּטמאָל אַ קאָפּ אַלס צולייג און אַ שטיק ראָל־טאַבאַק, דאָס איז געווען אַ געצאָלט פאַר דעם אָפּרו־טאָג. פּלעגט זיך טאַקע יאָנאַס דאַן פילן ווי אַ קעסט־קינד...

אַריינזעצנדיק זיך אין אויטאָ האָט בען אומעטיק באַטראַכט זיין פאַרם, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האַלב געזעגענענדיק זיך און האַלב מיט יאוש, צו זיין ווייב, וועלכע איז געשטאַנען ביים טויער און געוואַרט ער זאָל אַרויספאָרן. „זאָל זיין מיט גליק!" האָט זי אויסגערופן און פאַרבייגעלאָזן דעם אויטאָ. אַ שטיק וועג איז בען געזעסן שטיל, געווען פאַרטאָן מיט זיינע אומעטיקע געדאַנקען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגערופן, ווי פאַרענדיקנדיק אַ שמועס:

„יאָנאַס, בעט דעם אַלמעכטיקן, אַז ער זאָל אונדז צושיקן גוטע פּאַשע".

„באָאָס", האָט יאָנאַס זיך אָפּגערופן מיט מי, ווי פונאַנדערבינדנדיק זיין צונג, „ווי אַזוי וועט זיך די „יערע" צוהערן צו מיר, צו אַ שמוציקן קאַפער?"

בען האָט אַ הויכן שלוקערץ געטאָן, ווי ער וואָלט מיט דעם

געוואָלט באַשטעטיקן יאָנאַסעס ווערטער, און ווייטער שטיל געפאָרן.

„באַס״, האָט יאָנאַסעס אויסרוף אריבערגעשריען דעם גערויש פון אלטן מאָטאָר, „מײזין״ וועסטו ניט קאָנען מיטטרייבן, זי גייט זיך קעלבן אין אַ פּאָר וואָכן ארום. איך וואָלט געוואָלט זיין דערביי ווען „מײזי״ קעלבט זיך״. ער האָט טרויעריק אויסגעצויגן דאָס וואָרט „מײזי״, ווי ער וואָלט דערמאָנט עמעצן פון זיין הויזגעזינד. און אויף „בליו־פענס״ מוז מען אויך גוט אויפפּאַסן״, האָט ער ווייטער געלאָזט הערן זיינע זאָרגן, וועלכע דאַרפן באַלד ווערן בענס, — „בליו־פענס וועט ניט פּטור ווערן פון בראַנד סיקטע, אויב מען וועט אים יאָגן אויף אַן אַנדער פאַרם״.

דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן איבער די שטויביקע וועגן און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַ וואַנט מיט זאַמד, וואָס האָט איינגעוויקלט דעם וועג ארום אויטאָ ווי אין אַ נעפּל. די בריענדיקע זון האָט אָפּגעגלאַנצט אויפן שאָסיי ווי אין קליינע וואַסער־שטראָמען — דאָס האָט דער גלאַנציקער אַספאַלט געלויכטן און אָפּגעשפּיגלט די קליינע וואָלקנס פון הימל.

ווען זיי זיינען שוין געווען אַ פּאָר שעה אין וועג האָט זיך דאָס אויסזען פון דער גאַנצער אומגעגענט ארום מיט אַמאָל געביטן: די פעלדער זיינען דאָ געווען גרין, באַדעקט מיט גראָז, דיביימער האָבן געהאַט בלעטער און אין מאַנכע פאַרמס זיינען שוין געשטאַנען באַאַרבעטע לאַנגע רייען מיליס און קאָפּערקאָרן. בען האָט זיך ארומגעקוקט מיט הנאה, כאָטש ער אליין האָט שוין ניט געקאָנט דערוואַרטן קיין גרעטעניש, איז ער דאָך געווען צופרידן אז די טריקעניט האָט אהער ניט דערגרייכט.

„באַס״, האָט יאָנאַס זיך אָפּגערופן, „דאָ האָבן זיי געהאַט אַ סך רעגן און וועלן האָבן אַ גוטע גרעטעניש״.

„יאָ״, האָט בען געענטפערט, „מיר האָבן פאַרזינדיקט פאַר די „יערע״, דעריבער האָבן מיר קיין רעגן ניט געהאַט״.

„יאָ, באַס, מיר האָבן געזינדיקט״, האָט יאָנאַס פּאַמעלעך נאָכגעזאָגט זיין באַלעבאָס און זיך געוואָלט דערמאָנען וואָס ער האָט לעצטנס אזוינס געטאָן. אָט, מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק האָט ער טאַקע שטאַרק געשלאָגן זיין ווייב, אָבער וואָס האָט ער דען געקאָנט טאָן אַנדערש, אז זי האָט אזא מויל און לאָזט ניט רוען ביינאַכט. וויל זי, אַז ער זאָל איר נאָכאַנאַנד קויפן זאַכן, אויערינגלעך, קרעלן,

אַ נייע דעקע. אזא נאַרישע מויד מוז מען דאָך לערנען... און באַאַס בען, וואָס האָט ער געטאָן אזעלכעס ארויפצוברענגען אזא טריקעניש אויף דער פאַרם, עפּעס קאָן ער זיך ניט דערמאָנען... אין דעם מאָמענט אָבער האָט בען פאַרקירעוועט זייער אויטאָ אויף אַ פאַרם־וועגל, ווו ער האָט געהאַט אַן אַדרעס פון אַ פאַרמער, וועלכער האָט געוואָלט פארדינגען זיין פעלד.

ב.

ערשט אויף דער דריטער פאַרם האָט בען געקראָגן צו דינגען פעלד אויף צו פאַשען זיינע בהמות. שפּעט אין אָוונט האָט ער פארענדיקט די אונטערהאַנדלונגען מיטן פאַרמער, און ווען יענער האָט אים פאָרגעשלאָגן איבערנעכטיקן האָט ער זיך טאַקע ניט אָפּגעזאָגט. יאָנאַסן האָט ער געגעבן א גרעסערן טייל פון דאָס עסנוואַרג, וועלכע ער האָט געהאַט מיטגענומען און דערצו נאָך אַ שילינג ער זאָל זיך קויפן א „סקאָל" קאַפּער־ביר. יאָנאַס האָט זיך דערפרייט מיטן שילינג און אוועק אין דער ריכטונג פון די קאַפּער „האַטס".

אויף צו מאָרגן פרי האָט בען שוין געפונען יאָנאַסן פוצנדיק דעם אויטאָ. און ווען בען איז צוגעקומען האָט יאָנאַס סודותדיק אים פאַרטרויט, אז איינער פון די פאַרם־ארבעטער האָט עטלעכע גלאַנציקע שטיינדלעך, וועלכע ער וואָלט געוואָלט פאַרקויפן דעם באַאַס.

„גלאַנציקע שטיינדלעך?" האָט בען נייגעריק אויסגערופן, „וואָס פאַראַ שטיינדלעך זיינען דאָס, גאָלדענע?"

„ניין", האָט יאָנאַס שטיל געענטפערט, „זיי זעען אויס ווי גלעזלעך, אָבער דער „באַי" זאָגט אז זיי זיינען טייער און זיינען זייער מזלדיק".

„אָבער ווי קאָן איך זיי זען?" האָט בען געפרעגט.

יאָנאַס האָט אים געזאָגט, אז דער שוואַרצער וועט אויף זיי וואַרטן אויפן וועג פון פאַרם, און בען האָט איצט אייליק גענומען זיך גרייטן אין וועג אריין.

און אָט זיינען זיי שוין געווען אַ פּאָר מייל פון פאַרם, אָבער דעם שוואַרצן האָט מען נאָך אַלץ ניט געזען. בען איז געוואָרן אומגעדולדיק און זיך אָנגעהייבן בייזערן אויף יאָנאַסן, וואָס ער האָט זיך אזוי שלעכט אויפגערעדט מיטן „באַי". גראַד דאַן איז פון צווישן דעם

הייכן גראָז ארויסגעשפרונגען אַ שוואַרצער און איידער דאָס אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט איז ער אַ ווײַלע מיטגעלאָפן ביי דער זייט.

„דאָס איז ער, דער „באַי“ פון די מזלדיקע שטיינער“, האָט יאַנאָס אויסגעשריען. בען איז שטיין געבליבן און דער „באַי“ איז צוגעקומען. בען האָט אים געהייסן אריינגיין אין אויטאָ.

„באַאַס, איך האָב ביי זיך דאָס גליק, דעם מזל אליין, איך וואָלט עס ניט געוואָלט פאַרקויפן, אָבער וואָס טויג אַן אָרעמען קאַפער מזל אליין — אָן געלט?“

„ווייז מיר וואָס האָסטו צו פאַרקויפן?“ האָט בען אים איבערגעריסן.

דער שוואַרצער האָט פאַרזיכטיק ארויסגענומען פון זיין גאַרטל אַ טאַבאַק־פעקל, פון וועלכן ער האָט צו זיך אין האַנט־פלאַך ארויסגעשאָטן עטלעכע גרעסערע בלישטשענדיקע שטיינדלעך.

בענען האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם: „פון וואַנען קומט דאָס צו דיר? האָט ער געפרעגט דעם שוואַרצן.

„דאָס האָט מיין טאַטע באַקומען פון אַ גרויסן „וויטש“־דאָקטאָר, גליק שטיינער, זיי ברענגען מזל. דאָ האָבן זיי דעם רעגן געבראַכט, און מיין באַלעבאָס בהמות קעלבן זיך גרינג, און אָט האָבן מיר געגראָבן וואַסער און זע וואָס פאַר אַ שטראָם מיר האָבן געפונען, אָבער מיין באַאַס איז דאָס ניט ווערט, כ׳פאַרגין אים ניט אזא גליק. איך וועל דיר דאָס פאַרקויפן פאר ביליק, באַאַס, „טשיפּיסאַ“ — צען פונט“.

„ניין“, האָט בען געשאָקלט מיטן קאָפּ, „אזויפיל געלט וועל איך דיר ניט געבן“, און דערביי גיריק געקוקט אויף די שטיינדלעך. „היי, קאַפער, דו ווילסט מיך אָפּנאַרן, פאַר גלאָז בעטסטו אזויפיל געלט, דאָס זיינען דאָך גלעזערנע קרעלן“, האָט ער געחוזקט. „נאַר, מילא, אז דו זאָגסט זיי זיינען גליקלעכע שטיינער, וועל איך דיר געבן אַ פונט, און אז איך וועל זיי אויספּרובירן און זיי וועלן טאַקע זיין ווי דו דערציילסט מיר, וועל איך דיר געבן אַ שעפּס פון דער סטאַדע וואָס יאַנאָס ברענגט ביי אייך אויף דער פאַרם“.

דער „באַי“ האָט זיך נאָך געפּרוווט דינגען, אָבער בען האָט פון קעשענע ארויסגענומען אַ פונט און עס אים געוויזן.

„דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב און דאָס קאָן איך דיר געבן“, און דערביי אָנגעהייבן גיכער צו טרייבן דעם אויטאָ.

„און דעם שפּס?" האָט דער „באָי" ווי אין שרעק זיך גע־פרווט דערקונדיקן.

„דעם שפּס וועל איך דיר שיקן מיט יאַנאַסן", האָט בען אומ־געדולדיק געענטפערט.

דער „באָי" האָט אים דערלאַנגט דאָס טאַבאַק־זעקל מיט די שטיינדלעך, צוגענומען דעם פונט און ארויסגעקראָכן פון אויטאָ. בען האָט איצט געלאָזט גיין זיין אויטאָ מיט אַ גרויסער שנעלקייט. יאַנאַס איז געזעסן אומרואיק און זיך געוווּנדערט פאַרוואָס זיין באַ־לעבאָס איילט זיך איצט אזוי. אָפּפאָרנדיק עטלעכע מייל האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קנאַל און דאָס אויטאָ האָט זיך גענומען דרייען אויפן וועג. בלאַסע און צעשראָקענע זיינען ביידע געזעסן און ניט געוווּסט וואָס ס'איז פאָרגעקומען. אז דער מאָטאָר האָט זיך אָפּגע־שטעלט איז יאַנאַס דער ערשטער ארויסגעשפרונגען.

„אין ראָד איז אריין אַ טשוואָק", האָט ער געמעלדעט זיין באַ־לעבאָס. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט און זיי האָבן איבערגע־ביטן דאָס ראָד און זיך ווידער געלאָזט אין וועג אריין. עס איז אָבער ניט אריבער אפילו קיין האַלבע שעה און בען האָט דערפילט ווי דאָס אויטאָ וואַקלט זיך. און ווידער האָבן זיי דערזען אַן אויסגעבלאָזן ראָד, אָבער דאָס מאָל האָבן זיי שוין ניט געהאַט קיין רעזערוו ראָד צו בייטן און געמוזט פאַרריכטן דאָס זעלבע. עס האָט געדויערט אַ לענ־גערע צייט אידער זיי האָבן פאַרריכט דאָס ראָד. יאַנאַס האָט זיך געווישט דעם שווייס פון געזיכט און געזיפצט: „די שטיינער, באָאַס, דאָס זיינען ניט קיין גליקלעכע שטיינער, וואָס דו האָסט געקויפט". בען האָט אים ניט געענטפערט.

זיי זיינען ווידער געפאָרן, און וואָס נענטער זיי זיינען געקומען צו דער פאַרם, אַלץ מער פאַרוואָלקנט איז דער הימל געוואָרן. איצט האָט בען געהאַלטן די אויגן מער צום האָריזאָנט, ווי אויפן וועג.

ג.

ווען בען איז געקומען אויף זיין פאַרם, זיינען געדיכטע וואָלקנס געהאַנגען איבער די דעכער פון זיין הויז און די אַנדערע געביידעס. ער האָט אויפגעהייבן די הענט צו דער כמאַרע, ווי וועלנדיק אָנטאָפּן דעם רעגן. ערגעץ ווייט האָט אָנגעהייבן בליצן און דונערן און פון אַ מרחק האָט בען דערזען ווי לאַנגע פרענדז רעגן האָבן זיך גע־

קרייזלט און געצויגן פון דעם וואָלקן־טעפּיך. ער האָט אראָפּגעכאַפּט זיין הוט, ווי בעת א תפילה. אזוי איז ער געשטאַנען אין הויף אַ לענ־גערע צייט, אָבער קיין רעגן איז אויף דער פּאַרם ניט געפאַלן. דער שוואַרצער וואָלקן איז ביסלעכווייז געוואָרן העלער, און צולעצט האָט דער ווינט אים אין גאַנצן צעבלאָזן.

אַן אַנטוישטער איז בען אריין אין הויז. זיין ווייב האָט שנעל צוגעגרייט אַ גלאָז קאַווע און צובייסן פאר אים און אַ זאָג געטאָן: „די בהמות וועלן מוזן „טרעקן", עס רעגנט ניט ביי אונדז".

„קייטי", האָט זיך בען אָפּגערופן, „איך האָב היינט געקויפט ביי אַ קאָפּער עטלעכע בלישטשענדיקע שטיינער, גליקלעכע, מזל־דיקע שטיינער, האָט ער זיי גערופן. און איצט, קומענדיק צוריק, בין איך באמת געווען זיכער, אז זיי האָבן מיר געבראַכט גליק. דער ווינט האָט אָבער צעיאָגט דעם רעגן, וועל איך איצט זען, אפשר זיינען די שטיינער פּאַרט עפּעס ווערט".

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע דאָס טאַבאַק־בייטל, אויס־געשאָטן די גלאַנצנדיקע שטיינדלעך אין זיין האַנט־פלאַך אריין, אויסגעקליבן איינס און צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעהייבן קריצן מיטן שטיינדל אויפן גלאָז. עס האָט זיך געהערט א גרילצנ־דיקער קוויטש פון גלאָז.

„שניידט דאָס ?" האָט קייטי אויסגעשריען אומגעדולדיק.

„עס קוויטשעט און עס סקריפּעט, אָבער עס שניידט ניט — עס איז גלאָז, פּראָסטע גלאָז" האָט בען אנטוישט געמורמלט.

פון הויף האָט זיך דערטראָגן דאָס הונגעריקע מרוקען פון די בהמות.

אין פעלד

א.

פיעט מאַלאַדי האָט שוין אַ צייט מיט יאָרן געאַרבעט אויף וואַן ניעקערקס פאַרם, געקראָגן גאָר א קליינעם געהאַלט: איינגאַנצן אַ פונט אַ מאָנאַט, אַ האַלבן זאַק מילי־מעל, אַ ביסל צוקער, קאַפע און טאַבאַק. ער האָט געוווסט, אז אין שטאָט האָט ער געקאָנט פאַרדינען א סך מער — אפשר פינף מאָל אזוי פיל ווי אויף דער פאַרם. האָט ער אָבער פארמעגט צוויי פערד, אַ צענדלינג שעפסן, און א פינף קי און אָקסן, וועלכע האָבן זיך געפאַשעט אויף דער פאַרם און פאַר וועלכע ער האָט ניט געדאַרפט צאָלן קיין פאַשע־געלט און ניט געדאַרפט דינגען קיין פאַסטעך. די בהמות און שעפסן זיינען געלאָפן צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס׳ שעפסן און בהמות, פלעגן געדעקט ווערן פון באַלעבאָס׳ גרויסן בול־אָקס און פון זיין יחוסדיקן „ראַם“. יעדעס יאָר פלעגן צוואַקסן אַ פאָר קעלבער, וועלכע ער פלעגט פאַרקויפן צום באַלעבאָס אָדער צום דערבייאיקן קצב, אָדער גאָר אויסבייטן אויף אַ פאָר הויזן און אָפגעטראָגענע ש[illegible] די יונגע שעפסן און לעמער פלעגט ער שעכטן אויף יום־טובים, אָדער אויף „קריסטמעס“.

אויף דער פאַרם איז די אַרבעט געווען אַ שווערע, מען איז געווען פאַרנומען פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, אָבער ער האָט זיך געפילט פריי. ער איז ניט געווען געצווונגען צו טראָגן אַ גאַנצן טאָג מיט פאַפירן: פעסער, שטייער־קבלות און אַנדערע דערלויבענישן, ווי אין שטאָט. בכלל האָט ער קיין באַאַמטע אויף דער פאַרם ניט אָנגעזען אַ גאַנץ יאָר. איין מאָל אין אַ יובל פלעגט דורכפאָרן אַן אינספעקטאָר פון פי־צוכט אָדער א פאָליסמאַן, וועלכער פלעגט קומען זוכן פאַרפאַלענע בהמות אָדער אונטערזוכן א גנבה, האָט שוין וואַן ניעקערק געשמועסט מיט זיי, זיי מכבד געווען מיט אַ גלאָז ביר אָדער אַ טעפעלע קאַווע, און אלע שוועריקייטן פלעגן גאָר גיך דערליידיקט

ווערן. דערצו האָט פּיעט געהאַט דאָס רעכט צו מאַכן זיך קאָפּער־ביר וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. האָט טאַקע פּיעט געפּילט, אז ער איז גאָר ניט אזוי באַוואָלט מיט זיין קליינעם לוין. אין משך פון דריי יאָר האָט ער נאָך דערצו אָפּגעשפּאָרט 25 פונט און זיך איינגעשאַפט אַן אייגענע ווייב, א געזונטע יונגע קאָפּערטע, פאַר וועלכער ער האָט באַצאָלט צוואַנציק פונט און צוויי אָקסן. דאָס איז געווען די לאַבאָלאַ וואָס ער האָט געגעבן זיין שווער.

בעת זיין ווייב האָט אים געבוירן דאָס ערשטע קינד, אַ זון, איז ער געווען גאָר צופרידן מיט זיך און מיט זיין שטאַנד אין לעבן. ער האָט פון א שכנותדיקן פאַרמער אָפּגעקויפט אַן אַלטן ספּיידער: אַ וועגל אויף צוויי דינע הויכע רעדער מיט אַ געשפּאַן אלס אַ צוגאָב, און גענומען לערנען זיינע פערד פירן דעם וואָגן. עס איז געווען גאָר אַ שווערע אַרבעט: די פערד זיינען נאָך ניט געווען געוווינט צום געשפּאַן. זיי זיינען פאַר עטלעכע יאָר ארומגעלאָפן ווילד אין פעלד. איין מאָל אין אַ יובל פלעגט פּיעט כאַפּן זיין גרויען שימל, דאָס פערד מיט וועלכן ער האָט זיך אלעמאָל באַרימט, ארויפכאַפּן זיך אויף זיין רוקן און דורכרייטן זיך פאַר א שעה אָדער צוויי איבער די פעלדער. געריטן האָט ער אלעמאָל אָן אַ זאָטל און דאָס פערד איז צו קיין געשפּאַן ניט געוווינט געוואָרן.

האָט ער טאַקע איין זונטאָג שווער געהאָרעוועט; זיין ווייב און זיינע פריינד־ארבעטער אויף דער פאַרם האָבן אים געהאָלפן כאַפּן און שפּאַנען די פערד. עס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג לערנען די פערד פירן דאָס וועגל. איין פערד האָט גאָר גיך זיך באַרואיקט און פּרוּ־בירט ציען, אָבער דער שימל איז נאָכאַנאַנד געשפּרונגען אין דער לופטן און שיעור ניט צעבראָכן דעם וועגל. אז דאָס שלאָגן מיט דער בייטש האָט ניט געהאָלפן, האָבן אלע בייזועזנדיקע באַשלאָסן שטופּן דאָס וועגל און אזוי ארום צווינגען די פערד עס צו פירן. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. ביז איינער, אַן עלטערער שוואַרצער, האָט געגעבן אַן עצה: מען זאָל איינשפּאַנען א געלערנטן פערד מיט איי־נעם פון פּיעטס פערד. פּיעט איז טאַקע צום באַלד אוועק צום באַלעבאָס און אים דערציילט וועגן זיינע שוועריקייטן אויסצולערנען די פערד ציען דעם שפּאַן. וואָן ניעקערק האָט זיך אין אָנהייב געקווענקלט, ניט געוואָלט אז זיין טובה זאָל פּיעטן אָנקומען אזוי גרינג. ער האָט גע־טענהט, אז מען וועט נאָך קאַליעטשענען זיין פערד, ווען מען וועט

אים איינשפאַנען מיט פיעטס ווילדע פערד. סוף־כל־סוף האָט ער איינגעשטימט, ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. איז פיעט געלאָפן אין שטאָל און ארויסגעפירט וואָס ניעקערקס אַ פערד, אים איינגע־שפאַנט מיט איינעם פון זיינע פערד און געגומען די לייצעס אין האַנט. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט איידער די פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט, ווייל וואָס ניעקערק האָט אנגעזאָגט, אז מען טאָר זיין פערד ניט שמייסן. האָבן די פריינד פיעטן אונטערגעהאָלפן ווער מיט די הענט, געגומען שטויסן דאָס וועגל, אנדערע נאָר מיטן מויל; גע־ליאַרעמט און געמאַכט גוואַלדן — אזש די ערד האָט געציטערט. ענדלעך האָבן זיך די פערד גערירט און אָנגעהייבן לויפן. פון אָנהייב איז פיעטן שווער געווען איינצוהאַלטן די פערד, ער, וועלכער איז געוווינט געווען צו קירעווען מיט אַ שפּאַן פון פערצן אָקסן און אַ שווערן אַקער־אייזן, האָט אנגעשטרענגט זיין כוח איינצוהאלטן די לייצעס פון די לויפנדיקע פערד. דאָס וועגל האָט זיך געוואָרפן פון זייט צו זייט און געשפּרונגען איבער גריבער און בערגלעך ווי אַ שפּילצייג. גאָר גיך אָבער האָט ביי די פערד אָנגעהייבן שוימען פון די מיילער און פאַרשוויצטע, פאַרסאָפּעטע האָבן זיי איינגעהאַלטן זייער טראָט, אָנגעהייבן פאָלגן פיעטס בייטש און זיין קירעווען. אזוי איז ער דורכגעפאָרן אַ פּאָר מאָל מיט דעם ערשטן פערד, דאָן האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט מיטן צווייטן פערד. שפּעט אין אָוונט האָט פיעט איינגעשפּאַנט ביידע זיינע פערד אין וועגל און זיי גע־לאָזט גיין צוזאַמען, איצט זיינען זיי שוין געגאַנגען פּאַוואָליע און גע־צויגן דעם וואָגן ווי אַלט־געלערנטע פערד. עטלעכע מאָל האָט ער זיי געלאָזן דורכפאָרן איבער די וועגלעך פון פאַרם און צום סוף זיי אויסגעשפּאַנט, פאַרשוויצטע און פאַרסאָפּעטע. די פערד האָבן זיך אויסגעקייקלט אין זאַמד און אנטלאָפן אין פעלד.

גאַנץ פרי אויף מאָרגן האָט פיעט שוין געהאַלטן די הענטלעך פון אַן אַקער און מיט אַ לאַנגער בייטש אונטערגעיאָגט דעם שפּאַן אָקסן. „טייוואָלים", האָט ער געשריען, נאָר געמיינט האָט ער ניט די אָקסן, וועלכע האָבן שווער און לאַנגזאַם געשלעפּט דעם אַקער, „טייוואָלים, זיי האָבן דאָך געקאָנט דאָס וועגל צעטראָגן", האָט ער מיט כעס אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש. דער קנאַל האָט זיך צע־טראָגן איבערן פאַרם און דערגאַנגען צו וואָס ניעקערקס אויערן. וואָס ניעקערק איז געווען פאַרנומען אויפן טורעם פון אַ צעבראָכענער

ווינטמיל, האָט דער קנאַל פון בייטש אים דערמאָנט, אַז דער שפּאַן אָקסן באַוועגט זיך, אַז מען אַקערט דאָס לאַנד. „גאָר ניט קיין פוי־לער באַי — פּיעט", האָט ער געמורמלט צו זיך, „ער טוט זיין ארבעט און מען דאַרף אים גאָר ניט אַניאָגן. אָט וועל איך אים געבן אַ שטיק ראַל טאַבאַק אַ „פּאַסעלאַ". נאָכמיטאָג, ווען וואַן ניעקערק איז געקו־מען אין פעלד, איז פּיעט געווען פאַרנומען מיטן איינשפּאַנען די אָקסן, צוזאַמען מיט אַ קליין קאַפערל, וועלכער האָט געארבעט אלס פירער פון שפּאַן. זיי זיינען געלאָפן פון איין אָקס צום אנדערן און פאַרוואָרפן די רימענס אויף די הערנער און נאָך דעם אָנגעטאָן די יאָכן און פאַרבונדן מיט די רימענס. וואַן ניעקערק איז צוגעגאַנגען צום שפּאַן און געהאָלפן איינציען די רימענס אויף די לעצטע פּאָר אָקסן.

„ווי איך זע", האָט ער זיך געווענדט צו פּיעטן, „האָט איר שוין היינט צעאַקערט אַ גרויסע שטיק ערד, עס ווייזט אויס אַז די ערד איז היינט ווייך..."

„יאָ, באַאַס — האָט פּיעט געענטפערט — די ערד האָט אַ סך פייכטקייט. אַ גוט יאָר היינטיקס, מיר וועלן צעאַקערן גאָר אַ סך ערד היינטיקס יאָר. באַאַס, מיר וועלן קאָנען פאַרזייען זעק און זעק מיליס".

וואַן ניעקערק האָט אַ צופרידענער ארויסגעשלעפּט פון זיין קע־שענע אַ שטיק ראָל־טאַבאַק און עס דערלאַנגט פּיעטן. פּיעט האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט און זיי צוזאַמענגעלייגט ווי צו אַ געבעט און באַקומען די טאַבאַק אין זיינע גארשטשעס. זיין פּנים האָט אָנ־געהייבן שטראַלן און זיין „דאַנקי, באַאַס" איז ארויס פון זיין האַלדז מיט אַזאַ שמחה, ווי וואַן ניעקערק וואָלט אים באַשאָנקען מיט ווער ווייס וואָס פאַרא מתנות. איצט האָט ער צוגעטשעפּעט די קייט מיט די איינגעשפּאַנטע אָקסן צום אַקער, אַ ביס געטאָן פון שטיק ראָל־טאַבאַק, אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש, און די אָקסן האָבן זיך גע־רירט. דער אַקער האָט זיך טיף איינגעשניטן אין דער זאַפטיקער ערד.

ב.

עס איז נאָך געווען פאַרטאָג, הינטער די בערגלעך האָט דער טאָג אָנגעהייבן זיך ארויסרוקן מיט אַ פּאָר בלאַסע פּאַסמעס פון גרוי־קייט, וועלכע האָבן זיך געטוליעט צוזאַמען מיט כוואַליעס פון נעפּל און טונקלקייט אין די נידעריקע טאָלן פון פעלד.

פיעט איז געגאַנגען מיט אַ בינטל רימענס פּאַרלייגט אויף דער פּלייצע, ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, דער שלאָף איז נאָך געלעגן אויף זיינע אויגן, און ער האָט מיד געשטעלט די פיס, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט זיי פאַרנעצן אין דעם געדיכטן טוי, וועלכער איז געלעגן אויפן פעלד. ער איז געגאַנגען טרייבן די אָקסן צום ווינט־פּלומפּ, זיי געבן וואַסער. ביים צאַם פון קעמפּ, וועלכער איז געווען אָפּגע־טיילט מיט שטעכל־דראָט, זיינען שוין די בהמות געשטאַנען און גע־וואַרט מען זאָל זיי צולאָזן צום וואַסער. פיעט האָט אָפּגעבונדן דעם טויער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט דראָט, און אָנגעהייבן דורכלאָזן די אָקסן. אָט גייען זיי פאַרביי מיט אַן אימפּעט, ער קען זיי אַלעמען, פאַר יעדן אָקס האָט ער אַ נאָמען — און ווען ער רופט זיי — דעם „וויספּענס" און יענעם „קראַמניעס", אַ דריטן „אָהופּא" — דאַכט זיך, אַז זיי פאַרשטייען אים און הייבן אָן גיין לאַנגזאַמער, גיבן מיטאַמאָל אַ פּאָכע מיטן ווידל, ווי זיי וואָלטן געענטפערט אַן איבער־רוף פון זעלנער אויפן מושטיר־פּלאַץ. פיעט האָט אָבער פלוצלינג איבערגעריסן זיין אויסרופן די נעמען. צווישן די באַקענטע בהמות האָבן זיך געשטופּט עטלעכע פרעמדע, וועלכע פיעט האָט ניט געקענט און פאַר זיי קיין נאָמען ניט געהאַט. ער איז איצט וואַך געוואָרן און דער שלאָף איז אוועק. ער האָט די פרעמדע אָקסן געוואָלט אומקערן אין פעלד, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּטיילן פון דער גאַנצער סטאַדע און פיעט האָט זיי געלאָזט לויפן צום וואַסער.

ווען זיי זיינען אַלע געשטאַנען ביי די קאָריטעס און געשווינד געזופּט דאָס קאַלטע וואַסער האָט ער זיי געציילט און געזוכט די אויסגעברענטע צייכנס אויף די הינטערשטע פיס פון די אָקסן, ער האָט שטיל צו זיך גערעדט: „ניין, ניט באַאַס בעסטערס זיינען זיי, אויך ניט באַאַס דיו טאָיט. איך קען דאָך זייערע צייכנס". יאָ, כאָטש ער פּלאָנטערט זיך אַ ביסל אין אלפאַבעט, ווען עס קומט אים אויס עפּעס צו לייענען, דאָך די געשטעמפּלטע אויסגעברענטע בוכשטאַבן אויף די בהמות ווייסט ער גענוי. איצט האָט ער מיט פרייד זיך דער־מאָנט, אז דער צייכן איז דעם באַאַס' פון דער צווייטער פאַרם, ווו זיין ברודער אַרבעט שוין אַ פּאָר יאָר. ער האָט נאָך אַ מאָל באַקוקט די אָקסן און זייערע צייכנס און צופרידן אַ קנאַק געטאָן מיטן צונג אַן גור־מען, ווי ער וואָלט געלייזט אַ רעטעניש. די אָקסן האָבן זיך אָנגעטרונ־קען און אָנגעהייבן זיך פונאַנדערגיין, זוכן עפּעס צו קייען. פיעט האָט

גענומען יאָגן זיי אין פעלד אריין און ביסלעכווייז פאַרוואָרפן די ריי־מענס אויף יעדער פּאָר אָקסן, די פרעמדע אָקסן האָט ער געטריבן אָן אַ זייט. עס איז געקומען צו לויפן דער קליינער טיפּיני, וועלכער פירט פאר אים די איינגעשפּאַנטע אָקסן ווען ער אַקערט, האָט ער אים געהייסן אוועקיאָגן די פרעמדע אָקסן אין קעמפּ. דער קליינער האָט געכאַפּט אַ צווייג און געניט אוועקגעיאָגט די פארבלאָנדזשעטע אָקסן. עס האָט אים אָבער געדויערט אַ שטיק צייט ביז ער האָט זיי אריינגעיאָגט אין אַ קליינעם אָפּגעצוימטן פּלאַץ, ווו וואַן ניעקערק האָט געהאַלטן עטלעכע קי און קעלבער און א פּאָר שוואַכע אָקסן. דאָרט האָט ער זיי פאַרשפּאַרט.

פּיעט האָט שוין צעאַקערט אַ שטיק פעלד, ווען וואַן ניעקערק איז געקומען אַ קוק טאָן אויף זיין אַרבעט. פּיעט האָט אים באַגריסט מיט אַ לאַנגזאַמען „כויע מאָרע, באַאַס״, אָפּגעלאָזן די הענטלעך פון אַקער און אַ געשריי געטאָן צו די אָקסן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן. זיי האָבן אים געפאָלגט. „באַאַס״, האָט פּיעט זיך אָפּגערופן, „היינטיקע נאַכט האָבן צו אונדז פארבלאָנדזשעט זעקס אָקסן״. „פארבלאָנדזשעט?״ האָט וואַן ניעקערק געפרעגט, „האָט עמעצער געלאָזט אָפן דעם טויער פון פאָרם?״ — „ניין, באַאַס, איך האָב זיי געפונען אין קעמפּ צוזאַמען מיט אונדזערע בהמות״. „אויב אזוי״, האָט וואַן ניעקערק געזאָגט, „איז מיגלעך אז זיי האָבן צעריסן די דראָטן פון צוים און אַנגעטאָן א סך שאָדן. איך וועל טאַקע גיין אין קעמפּ א קוק טאָן ווי עס זעט אויס״. ער האָט געוואָלט גיין, אָבער ווידער זיך געווענדט צו פּיעטן: „ווייסטו ניט, פּיעט, וועמענס אָקסן דאָס זיינען?״ „יאָ, באַאַס, איך רעכן אז זיי זיינען פון שכנישער פאַרם „יאָזעפסרו״. „אָ, — האָט וואַן ניעקערק געזאָגט — ער האָט ניט צופיל אָקסן, מיט וואָס וועט ער היינט אַקערן?״ „באַאַס״, האָט פּיעט געזאָגט, „איך קאָן צושיקן אַ פּיקאַנין צו אים אויף אַ בייסיקל, וועט ער אים אָנזאָגן וועגן די אָקסן״. „יאָ״, האָט וואַן ניעקערק מסכים געווען, „טו דאָס טאַקע, מיטאָג־צייט״.

שפּעט פארנאַכט האָט זיך לעבן וואַן ניעקערקס הויז אָפּגעשטעלט אַן אַלטע קאַר, פון איר איז ארויס דער פאַרמער פון „יאָזעפסרו״ און צוויי שווארצע. וואַן ניעקערק איז אים אַקעגן געקומען, געגעבן די האַנט און באַגריסט. דער פאַרמער האָט אים דערציילט, אז פון פאַר־טאָג זוכט ער שוין די אָקסן און ער האָט וואַן ניעקערקן זייער גע־

דאַנקט, וואָס ער האָט אים געלאָזט וויסן וועגן די בהמות. „דו דאַרפסט דאַנקען מיין באַי, — האָט וואַן ניעקערק אַנגעוויזן אויף פּיעטן, וועל־כער איז גראָד אָנגעקומען פון פעלד, — ער האָט דערקענט זייערע אויסגעבערנטע צייכנס, אַניט וואָלט געדויערט טעג איידער מיר וואָלטן געוווּסט וועמענס אָקסן דאָס זיינען". דער פּאַרמער האָט פּיעטן צוגערופן נענטער, אַרויסגענומען זיין טייסטער און אים דערלאַנגט אַ שילינג און געזאָגט: „נאַ, באַי, אָט וועסטו זיך קאָנען קויפן אַ סקאָל ביר, און אַז דו וועסט קומען אַמאָל אויף מיין פאַרם וועל איך דיר נאָך געבן אַ פאַסעלאַ, אַ העמד". פּיעט האָט דעם שילינג צוגענומען און מורמלענדיק — „דאַנקי, גרויסער באַאס" — גענומען זוכן אַ קע־שענע צו באַהאַלטן זיין געווינס. ענדלעך האָט ער דאָס אַריינגע־שטופּט אין אַ טאַבאַק־זעקעלע, וועלכע איז געווען אָנגעהאַנגען אָן זיין גאַרטל. דער פּאַרמער האָט איצט זיך געווענדט צו וואַן ניעקערקן און אים געפרעגט וויפיל דאַרף ער באַצאָלן פאַר די אָקסן. וואַן ניע־קערק אָבער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ניטאָ וואָס צו באַ־צאָלן, זיי האָבן גראָדע קיין שאָדן ניט געמאַכט. צעריסן אַ דראָט פון קעמפּ, אָבער דאָס האָב איך פאַרריכט אין אַ פּאָר מינוטן. נעם דיינע אָקסן, וועסטו קאָנען מאָרגן אַקערן". דער פּאַרמער האָט אים באַ־דאַנקט און געשיקט זיינע שוואַרצע אַרויסטרייבן די אָקסן פון פאַר־צוימטן קראַאַל.

ג.

אַוועק איז די וואָך. די פעלדער אויף וואַן ניעקערקס פאַרם זיי־נען געלעגן ברייט צעשניטן אין לאַנגע שורות, אויף וועלכע דער אַקער און די בראָנע האָבן געלאָזן זייערע חתימות. פון אַ טייל פון די דאָזיקע צעאַקערטע און צעקרישלטע שורות האָבן זיך שוין געהויבן גרינע פעדעמלעך פון אויסגעשפּראָצטע מיליס, איבער וועלכע עס האָט זיך געיאָגט א שטיל ווינטל, וואָס איז געשפּרונגען פון מילי־שפּראָץ צו מילי־גרעזל און געבויגן די גרינע פעדעם, ווי אין א גע־וועט־געיעג. ווו ניט ווו איז געלעגן אַ פאַריתומטע זריעהלע געל און פאַרשעמט — ניט צוגעדעקט מיט דער ערד און אַ פאַרטריקנטע גע־וואָרט, אַז אַ פויגל זאָל איר אויפפּיקן און איינשלינגען. פּיעט איז אַ מידער, נאָכגעגאַנגען זיין באַלעבאָס אין די צעשניטענע פעלדער און זיך צוגעהערט צו זיינע באַמערקונגען ווי אַ געטרייער תלמיד, וועל־

כער האָט דערפּילט זיינע אויפגאַבעס. וואַן ניעקערק האָט אָנגעוויזן אויף אינדזלען און ניט־צעאַקערטע פעלד און געזאָגט: „אָט דאָ איז דער אקעראייזן ארויסגעשפּרונגען. פּאַרוואָס ביסטו ניט אריבערגעגאַנגען נאָך אַמאָל מיטן אקער?“ „באַאַס, די ערד איז דאָ געווען צו טרוקן, דער אַקער איז געשפּרונגען“, האָט פּיעט געזאָגט. „אַ תּירוץ, אויף אלץ האָט איר תּירוצים“ — האָט וואַן ניעקערק זיך אָפּגעשטעלט, „פּאַרוואָס איז דאָס שטיקל ערד טרוקן און יענע ניט, תּירוצים! איר זייט פויל צו טאָן אַ גוטע שטיקל ארבעט פאַרן באַלעבאָס, דער באַאַס אָבער מוז זאָרגן פאַר אייך, צאָלן אייך אייער געהאַלט, קריגן אייער מילי־מעל, אייער צוקער און טאַבאַק“.

פּיעט האָט פאַרגעסן זיין מידקייט, פאַרגעסן אז גאַנצע זעקס טעג איז ער נאָכגעגאַנגען דעם אַקעראייזן, געקערעוועט אים אין דער האַרטער ערד און ארויסגעשלעפּט דעם אייזן, ווען ער פלעגט פארזינקען אין אַ גראָבן. איצט איז ער געווען שולדיק: שולדיק אין איבערלאָזן אינדזלען ניט צעאַקערטע ערד, שולדיק אין ניט פאַרבראָגעווען יעדעס קערנדל. ער האָט געזוכט אַן ענטפער פאַרן באַלעבאָס און ניט געוווסט וואָס צו זאָגן, האָט ער פרום פארגלאָצט די אויגן און אַ זאָג געטאָן: „עס וועט זיין אַ גוט יאָר, באַאַס! איך בין זיכער, מיר וועלן האָבן אַ גוטע גערעטעניש, מיר וועלן געווינען א סך מיליס. ווו מיר האָבן פאַרזייט איז ניטאָ קיין ניט־אויפגעגאַנגענע ערטער, אז די „יערע“ וועט נאָר געבן רעגן, דאַן, אָ, באַאַס“.

אויף אזא צוזאָג האָט וואַן ניעקערק זיך ניט געריכט. ער האָט געשווינד אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ צום הימל, ווי וועלנדיק זיך איבערציִגן, אז דער רעגן קומט. דער הימל איז געווען העל־בלוי, באַשפּרענקלט מיט קליינע לייכטע וואָלקנדלעך, וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט די פאַרגייענדיקע זון־שטראַלן — אויף רעגן האָט זיך ניט געוויזן, אָבער דער ווינט האָט געבלאָזן פון דער ריכטיקער זייט, אפשר קומט יאָ אַן רעגן. וואַן ניעקערק האָט אַ טאַפּ געטאָן זיך אין קעשענע, דאָרט דערפּילט עפּעס, ארויסגענומען אַ פּאָר צעקנייטשטע סיגאַרעטן און עס דערלאַנגט פּיעטן: „נאַ, פּיעט, קאָנסט גיין רוען — מאָרגן ווילסטו פאָרן קיין „יאָזעפסרו“ צו דיין ברודער, יאָ? גוט, קאָנסט פאָרן. איך וועל דיר אָנשרייבן אַ פּאַס. אָבער, זע, מאָנטאָג זאָלסטו זיין צוריק, עס איז דאָ אַ סך ארבעט. פּיעט, זאָלסט זיך נאָר ניט אָנשיכורן דאָרט“. פּיעט האָט אראָפּגעשלעפּט פון זיין פאַר־

שטויבטן קאָפּ דאָס צעלעכערטע היטל און אַ שטראַלנדיקער נאָכגע־
געזאָגט: „יאָ, באָאָס, יאָ, באָאָס, דאַנקי באָאָס, אַ גרויסן דאַנק
דעם באָאָס!“

ד.

פּיעט איז אַרויסגעפאָרן פֿאַרטאָג, געהאַלטן די לייצעס אין איין
האַנט, מיט דער אַנדער האַנט געפאָכעט מיט דער בייטש און געקנאַלט
אין דער לופטן. ער האָט זיך געטרייסלט צום טאַקט פון די סקריפּנ־
דיקע רעדער, פון צייט צו צייט אַ סמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן
אָדער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן צונג אין גומען ---- ער איז געווען צופרידן.
היינט איז ער געפאָרן צו גאַסט צו זיין ברודער, וועלכער אַרבעט אויף
דער פאַרם „יאָזעפּסרו“. ער האָט געטראַכט, אַז איצט וועט ער אים
באַווייזן זיין גאַנצן ווילשטאַנד, און מיט איין אויג אַ קוק געטאָן אויף
זיין זון מאַפּוטאַ און סעלינאַן, זיין ווייב. פון זיי זיינען זיינע אויגן
אַריבער אויף די צוויי פערד, וועלכע האָבן געצויגן דאָס אָנגעלאָדע־
נע וועגל. ער האָט ווידער אַ קנאַק געטאָן מיטן צונג אָן גומען:
די וועלט איז גוט!

אַז ער איז אָפּגעפאָרן אַ פּאָר מייל האָט ער פון דערווייטנס
דערזען אַ באַקאַנטן שוואַרצן, וועלכער איז געזעסן אויף אַ שטיין און
זיך געוואַרעמט אין די אויפגייענדיקע זון־שטראַלן. פּיעט האָט אַ צי
געטאָן די לייצעס און, באַגריסנדיק דעם באַקאַנטן, געפרעגט וואָס
ער מאַכט — און מיט אַ ציטער אין האַרצן געוואַלט, אַז יענער זאָל
אים פרעגן וועגן די צוויי פערד און וואָגן. דער באַקאַנטער האָט טאָ־
קע באַלד אַרויסגעשריען אויפן קול, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער
די פרימאָרגנדיקע פעלדער מיט אַ ווידערקול פון אַ כאָר: „שיינע
צוויי פערד טרייבסטו! דער וויסער האָט דאָס דיר געוויס אַנטליען,
האַ?“ — „מיינע זיינען זיי, מיינע אייגענע!“ — האָבן זיך די ווער־
טער געריסן פון פּיעטס ברוסטקאַסטן, און ער האָט אַ קנאַק געטאָן
מיט דער בייטש. די פערד האָבן זיך דערשראָקענע אַ צי געטאָן פאָ־
רויס, אָבער פּיעט האָט זיי שטייף איינגעהאַלטן מיט די לייצעס, האָבן
די פערד אויסגעבויגן זייערע העלדזער און איצט אויסגעזען ווי פּאָ־
ראַדיסטע חיות. נאָך אַ צען מינוט אונטערהאַלטן זיך מיט זיין פריינד,
פון וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט נייעס און אים אויך איבערגעגעבן
אַלע זיינע נייעס, איז פּיעט געפאָרן ווייטער.

ביז „יאָזעפּסרו“ איז געווען אַרום צוועלף מייל. פּיעט האָט די

אומגעגנט גוט געקענט, געהאַט אַ סך פריינד, איז אים אויסגעקומען טאַקע זיך אָפּשטעלן אַ צענדליק מאָל. יעדן איינעם האָט ער באַ־גריסט און דערציילט ווו ער פאָרט. צו איינצלנע האָט ער גערעדט פון ווייטן, געשאָטן די ווערטער, ווי גאַרשטשעס קערנער אויפן פעלד. ענדלעך איז ער אַריינגעפאָרן אין פאַרם, צוגעפאָרן צו דער ריי ליי־מענע הייזקעס, ווו די שוואַרצע פאַרם־אַרבעטער האָבן געוווינט. דאָרט האָט זיך איצט לעבן יעדע הייזקע געוויכערט אַ פייער אונטער באַזונדערע טשוגונענע טעפּלעך, דאָס האָט מען געקאָכט מיטאָג. פּיעט האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין ברודערס הייזקע, וועלכע איז געווען ריין אויפגעראַמט און אויסגעקלעפּט מיט פרישן ליים. ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעשטיגן, האָבן אים אַרומגערינגלט אַ מענגע מענטשן, וועלכע האָבן אים און זיין ווייב באַגריסט, באַקוקט דאָס וועגל, דעם געשפּאַן און די פערד. יעדערער האָט געזאָגט מבינות, געשאַצט אַלץ וואָס דער גאַסט האָט געבראַכט. פּיעט האָט פון וואָגן אַראָפּגע־נומען דעם צוויי מאָנאַט אַלטן עקסל, וועלכן ער האָט געבראַכט אַ מתנה פאַרן ברודער. סעליגאַ האָט דערווייל צוגעבונדן מיט אַ דעקע צו איר פּלייצע דעם קליינעם מאַפּוטאַ, דאַן האָט זי אַרויסבאַקומען פון אונטערן געזעס צוויי צוזאַמענגעבונדענע הינער און אַ קאָטשקע מיט אַ טוץ אייער, דאָס איז געווען איר מתנה פאַר איר שוואָגערס הויזגעזינד. דער עולם האָט גערעדט הויך אויפן קול.

פּיעטס ברודער האָט גענומען אויסשפּאַנען די פערד, אָבער פּיעט האָט אים אָפּגעשטעלט: „וואַרט, איך וועל בעסער גיין פרעגן דיין באַלעבאָס, ער זאָל מיר דערלויבן אויסשפּאַנען און זיי פּאַשען אין לאַנקע". ביידע, פּיעט און זיין ברודער, זיינען אַוועק צום פאַרם־הויז.

דער פאַרמער איז געשטאַנען לעבן הויז אונטער אַ דעכל פון צינקענע בלעכן און פאַרריכט אַ צעבראָכענעם טייל פון אַ מאַשין. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט און האָט גאָר ניט באַמערקט ווי די שוואַרצע זיינען צוגעגאַנגען.

„גוט מאָרגן, באַאַס, — האָט פּיעטס ברודער אויסגערופן, — מיין ברודער פּיעט איז איצט געקומען פון וואַן ניעקערקס פאַרם מיך צו באַזוכן, ער וויל אויסשפּאַנען זיינע פערד, זיינען מיר געקומען בעטן אייער דערלויבעניש". דער פאַרמער האָט געוואָרפן אַ פאַרוווּנ־דערטן בליק אויף ביידע שוואַרצע און אויסגערופן — „אויסשפּאַנען, געוויס קאָנט איר אויסשפּאַנען. גראָז איז גאָט־צו־דאַנקען דאָ גענוג

אויף דער פֿאַרם״. און זיך ווידער געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט, נאָר אין מיטן זיך געווענדט צו פּיעטן: „נו, און ביים באַאַס וואן ניעקערק האָט איר שוין געענדיקט זייען?״ האָט ער געפֿרעגט. „יאָ, באַאַס, מיר האָבן שוין אַ סך מיליס פֿאַרזייט. עס איז נאָך געבליבן גאָר אַ קליין שטיקל לאַנד צו אַקערן. מיר וועלן דאָס פֿאַרענדיקן אין עט־לעכע טעג״. און ווי וועלנדיק צופֿרידן שטעלן דעם פֿאַרמער האָט ער צוגעגעבן: „באַאַס, איך זע איר האָט אויך אַ סך לאַנד צעאַקערט, די מיליס זיינען שוין הויך ביי אייך אויף דער פֿאַרם, איר האָט פֿרי גע־זייט״. „יאָ״, האָט דער פֿאַרמער צופֿרידן געענטפֿערט, „מיר אַר־בעטן״. מיט אַ „דאַנקי, באַאַס״, האָבן ביידע שוואַרצע זיך געלאָזט גיין צוריק.

ערשט ווען ער האָט אויסגעשפּאַנט די פֿערד און זיי געלאָזט לויפֿן אויפֿן גראָז, האָט פּיעט זיך צוגעזעצט ביי זיין ברודער אויפֿן נידעריקן בענקל, זיין שוועגערין האָט געבראַכט אַ קאַלאַבאַש אָנגע־פֿילט מיט זויער־מילך און אָנגעגאָסן טעפּעלעך פֿאַר די געסט. פּיעט האָט אויסגעטרונקען זיין טעפּל און אַ קנאַק געטאָן מיטן צונג און צו־פֿרידן צוגעגעבן: „קאַלט ווי דער פּרימאַרגנדיקער טוי״, און געבעטן מען זאָל אים געבן נאָך.

ה.

עס איז געווען פֿינצטער ווען פּיעט האָט איינגעשפּאַנט זיינע פֿערד, געזעגנט זיך מיט זיין ברודער און אַלע פֿריינד אויף דער פֿאַרם. ער האָט געוואָלט אַרויספֿאָרן ווען די זון איז נאָך געווען הויך, האָט זיין ברודער אים ניט געלאָזט פֿאָרן. ער האָט געטענהט, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך פֿאַר זיין איילעניש, אַז ער איז ניט זיכער ווי די פֿערד וועלן פֿאָרן ביינאַכט, האָט אים אָבער דער מרוטי, וועלכער איז געווען דערביי, פֿאַרזיכערט, אַז נאָך היינטיקן דאַוונען דאַרף ער ניט מורא האָבן פֿאַר די נישט־גוטע, דאָס געבעט האָט פֿאַרטריבן אַלע טיוואָ־לים און נישט־גוטע און ער קאָן פֿאָרן רואיק ביינאַכט: „די נישט־גוטע וועלן ניט האָבן קיין שליטה איבער די פֿערד״. האָט פּיעט גע־פֿאָלגט דעם פּרעדיקאַנט און געבליבן ביים ברודער ביז נאָך אָוונט־ברויט.

די פֿערד זיינען געווען אויסגערוט און האָבן געפֿילט אַז זיי פֿאָרן צוריק אהיים, זיינען זיי אַרויסגעפֿאָרן פֿון פֿאַרם מיט אַ גיכן טראָט.

פיעט האָט געמוזט איינהאַלטן די לייצעס, כדי ניט צו לאָזן די פערד פונאַנדערטראָגן דעם וואָגן. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַרואיקט און ער האָט זיך באַקוועמער געזעצט אויפן געזעס. סעלינא איז געזעסן איינגעוויקלט אין אַ דעקע און געגעבן די ברוסט מאַפּוטאַן.

עס איז געווען שטאַרק פינצטער און פון די זייטן פון וועג האָבן געפינקלט הונדערטער גליִ־ווערעם, וועלכע האָבן געבלישטשעט ווי קליינע ברענענדיקע פייערלעך. דער וואָגן האָט געסקריפּעט און זיך אָנגעהאַקט אָן שטיינדלעך און ווי צום טאַקט האָבן זיך געהערט פון ווייטן כאָרן פון קוואַקעדיקע פרעש, וועלכע האָבן זיך איבערגעשמועסט אין די פעלדער. פון אויבן האָט זיך געצויגן דער טעפּיך פון מילך־וועג מיט די אומציילבאַרע פינקלדיקע שטערן און שטערנדלעך. „דאָרט אויבן", האָט פיעטן דערציילט דער מרוטי, „גייט אָן די אַרבעט פון די נישט־גוטע". האָט פיעט זיך שאָקלענדיק אין וואָגן געהאַלטן אַן אויג ארום זיך און אַמאָל א קער געטאָן א בליק צום הימל. דעם מרוטיס פאַרזיכערונג וועגן די נישט־גוטע איז טאַקע געווען באַרואיקנדיק, אָבער אַן אויג דאַרף מען האַלטן אָפן, בפרט אז מען האָט אַ ווייב מיט אַ קינד מיט זיך.

די שיין פון אַן אָנקומענדיקן אויטאָמאָביל האָט פיעטן אויפגעוועקט פון זיינע געדאַנקען. ער האָט געשווינד אויסגעקערעוועט דעם וואָגן און אָנגעהויבן פאָרן ביי דער זייט פון וועג, כדי צו געבן וואָס מער וועג פאַרן אויטאָמאָביל. פאַר די פערד איז די פייערדיקע שיין פון די צוויי רויטע אויגן פון אויטאָמאָבילס לאַמטערנעס געווען בלענדנדיק און שרעקעוודיק. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט און פאַרבייסנדיק די צוים אָנגעהויבן לויפן און ציען דאָס וועגל פון זייט צו זייט. עס האָט געטרייסלט און געהויבן אין וועגל. פיעט האָט אָנגעשטרענגט אלע זיינע כוחות איינצוהאלטן די דערשראָקענע פערד, אָבער ער איז געווען הילפלאָז. „די נישט־גוטע טרייבן די פערד", האָט ער געשריען מיט שרעק צו זיין ווייב, אוןביידע זיינען געווען באַגאָסן מיט אַנגסטיקן שוויס. אז דאָס וועגל האָט זיך איבערגעקערט איבער א מוראַשקע־בערגל און ארויסגעשליידערט אים, זיין ווייב און קינד, האָט ער די לייצעס פון האַנט ניט ארויסגעלאָזן און די פערד, אין זייער ווילדן געלאַף, האָבן אים געשלעפּט איבער גריבער, שטיינער און מוראַשקע־בערגלעך. צוזאַמען מיט אים האָט זיך געשלעפּט דאָס צעשמעטערטע וועגל.

אין מיטן נאַכט האָבן עטלעכע פֿאַרבײַגײענדיקע געפֿונען פּיעטן אַ צעשעדיקטן לעבן די צװײ זיך רואיק פּאַשנדיקע פֿערד. זײ האָבן פּיעטן אַרױפֿגעזעצט אױף אַ פֿערדס רוקן, אים צוגעבונדן שטײף מיט די לײצעס, ער זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן. דעם גאַנצן װעג האָט ער שטאַרק געבלוטיקט, אָבער דאָס האָבן זײנע רעטער אין דער פֿינצטער ניט געזען. מען האָט פּיעטן געבראַכט צו יאָזעפֿסרו, בײַ זײַן ברודער אין „האָט". סעלינאַ און דאָס קינד זײַנען געקומען צופֿוס. דער פֿאַל פֿון װאָגן האָט זײ ניט געשאַדט, כאָטש זײ זײַנען געװען שטאַרק צעשראָקן.

אַז מען האָט פּיעטן אַרײַנגעבראַכט צום ברודער, האָט ער פֿון שװאַכקײט ניט געקאָנט רײדן, נאָר געקרעכצט. דער ברודער איז אװעק װעקן דעם באַלעבאָס, ער זאָל קומען העלפֿן. דער פֿאַרמער האָט שױן געהאַט געשלאָפֿן, און עס האָט געדױערט אַ היפּשע צײַט ביז ער איז געקומען. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ רענצל מיט דיזענפֿעקציע־מיטלען און באַנדאַזשן. אַז ער האָט דערזען דעם פֿאַר־װונדעטן האָט ער אים געהײסן אַרומװאַשן און געהאָלפֿן אױסרײניקן די װונדן. ער האָט צוגעזאָגט אַרױסרופֿן מאָרגן פֿרי דעם רעגירונג־דאָקטער, יענער זאָל זען צי פּיעט האָט ניט קײן צעבראָכענע גלידער. אין דער פֿרי האָט פּיעט זיך געפֿילט אַ ביסל לײַכטער, אָבער ער האָט ניט געקאָנט זיך רירן אױפֿן געלעגער. זײַן װײַב און זון זײַנען גע־זעסן אױף דער ערד נאָענט לעבן אים, האָט ער מיט פֿאַרשנדיקע בליקן באַקוקט זײַן זון, װי ניט גלײבנדיק, אַז זײַן זון איז גאַנץ און ניט גע־שעדיקט. בײַטאָג איז געקומען דער שװאַרצער פּרעדיקאַנט אױף אַ באַזוך צום פֿאַרװונדעטן. ער האָט זיך געזעצט אױף אַ קעסטל לעבן קראַנקן, און אױספֿרעגנדיק די אַרומיקע אַלע אײנצלהײטן װעגן דעם אומגליקספֿאַל, האָט ער זיך געװענדעט צו פּיעטן און געזאָגט: „ברו־דער, זאָרג זיך ניט, איך װעל בעטן מאָדימו און ער װעט דיר גע־זונט מאַכן גאָר אין גיכן". ער האָט צונױפֿגעלײגט די הענט, צוגע־מאַכט די אױגן און אין אַ הױכן קול אָנגעהײבן אַ געבעט. ער האָט געבעטן אַ לענגערע צײַט, איטלעך מאָל אַרײַנפֿלעכטנדיק פּיעטס נאָ־מען, זײַן ברודערס און די גאַנצע פֿאַמיליע. די אַרומיקע אַפֿריקער האָבן געהאַלטן די קעפּ געבױגן און די אױגן צוגעמאַכט, מאַנכע צו־נױפֿגעקנײטשט, װי מורא האָבנדיק צו זען צו װעמען דער מרוטי רעדט. אַז ער האָט געענדיקט, האָבן אַלע געזאָגט „אָמן" און אױפֿגע־

עפנט די אויגן. פיעט האָט אַ שמייכל געטאָן, און, ווי וועלנדיק אויס־פּרובירן דעם עפעקט פון גאָט־בעטן, האָט ער זיך געוואָלט איבער־דרייען אויפן געלעגער, ער האָט דאָס אָבער ניט געקאָנט טאָן און שטיל געקרעכצט. ערשט אויפן דריטן טאָג איז דער רעגירונג־דאָק־טער געקומען צופאָרן. ער האָט פיעטן אונטערזוכט און געפונען אז ער האָט צעבראָכן עטלעכע ריפּן און פאַרלאָרן א סך בלוט פון אינעווייניקסטע וווּנדן. ער האָט דעם פאַרמער דערקלערט, אז פיעט איז ערנסט קראַנק און מוז ליגן רואיק. ער וואָלט אים געשיקט אין שפּיטאָל, אָבער דערווייל איז ער צו שוואַך פאַר דער רייזע און ער מוז בלייבן דערווייל ביי זיין ברודער אין הייזקע.

דער געזונט־צושטאַנד פון פיעטן איז געוואָרן ערגער פון שעה צו שעה. מען האָט נאָך אַ מאָל גערופן דעם מרוטי. מען האָט גע־בראכט צו אים אַ מכשף, וואָס איז געווען באַוווּסט צווישן די שוואַר־צע אַלס אַ גרויסער ניאַנגאַ, וועלכער האָט געטאָן פארשיידענע סגו־לות, אים געגעבן טרינקען קרייטעכצער, און געפּרעפּלט נאָכאַנאַנד אַ געבעט, עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. פיעט איז אין אַ פּאָר טעג ארום געשטאָרבן.

קינדער

עלף יאָר איז האָססי אַלט געוואָרן און נאָך קיין איין מאָל פון זיין פאָטערס הויז ניט געווען אוועק. דאָס שטעטל, ווו זיי האָבן געלעבט, האָט ער גוט געקענט: געוווּסט ווו עס זיינען פאַראַן געשמאַקע פלוימען צו רייסן, ווו מען קאָן ווייִנטרויבן נאַשן, ווו אַ פּאַרקאַן איז צעבראָכן און מען קאָן גרינג דורכקלעטערן, ווו אַ טיפע גרוב איז פאַראַן און מען קאָן זיך דאָרט שפּילן מיט חברים, זיך באַהאַלטן פון שיכורן טאַטן, אָדער סתם אַזוי איבערשלאָפן אַ הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג. פלעגט אַמאָל אַ פרעמדער וועלן וויסן אַן אַדרעס, זיך נאָכפרעגן אויף עמעצן אין שטעטל: ווו יענער וווינט, וואָס ער טוט, האָט האָססי עס געוווּסט און איז גרייט געווען דעם פרעמדן אַליין אוועקצופירן צום נייטיקן אָרט. צו לויפן אין אַ שליחות איז ער אויך ניט געווען פויל. אָפט האָט ער פאַרדינט פאַר אַ גאַנג, פאַרן אָפּטראָגן אַ קליינעם פּעקל צו עמעצן, אַ צוקערל צי אַ פּעני.

געוווּסט האָט האָססי, אַז ערגעץ ווייט הינטער די בערג ליגן גרויסע שטעט, פונאַנדערגעוואָרפענע, מיט הויכע מויערן, מיט הייזער ווי גרויסע קאַסטנס, אָט ווי אין די בילדער פון די ביכלעך וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו בלעטערן. אָבער קיין גענויע פאָרשטעלונג פון די שטעט האָט ער ניט געהאַט. פרעמד און נעפּלהאַפט זיינען זיי אים אויסגעקומען. פלעגט ער אַמאָל, ליגנדיק אויפן הייסן זאַמד אין פעלד מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך פאָרשטעלן די שטעט און פלעגט צולייגן אַן אויער צו דער ערד, וועלנדיק איינזאַפּן כאָטש אַ מינדסטן קלאַנג, אַ געוואַלד וואָס קומט פון שטאָט. די ווייסע גרויסע שטאָט איז פאַר אים געוואָרן אַ טרוים, און ער פלעגט שעהנווייז אָפּזיצן אין אַ גרוב אָדער אויפן זאַמד און מאַכן פּלענער, ווי אַזוי דאָרט צו דער־גרייכן. אָבער ער איז געבליבן ביי זיינע טרוימען, ווייל אין שטאָט פאַרן האָט ער ניט געקאָנט, זיינע עלטערן זיינען געווען צו אָרעם.

דער פֿאָטער האָט געאַרבעט אויף אַ פֿאַרם און פֿאַרדינט קוים אויפֿן עסן, און אויסגעבן געלט אויף אַ בילעט אין שטאָט אַריין האָט ער זיך ניט געקאָנט דערלויבן, און וועגן מיטנעמען האַססין האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. טאָמער האָט זיך אַמאָל אין שטוב יאָ פֿאַרוואַלגערט ערגעץ אַן איבעריקער שילינג, האָט דער טאַטע אים תּיכף אַוועקגעטראָגן אין באַר, געקויפֿט אַ פֿלעשל ביליקן שנאַפּס און זיך אָנגעשיכורט. קומענדיק שיכור אַהיים פֿלעגט ער גלייך אָנשלאָגן זיין ווייב אָדער האַססין.

האַססי האָט געפּרוּווט אויסמיידן דעם טאַטנס קלעפּ. ער פֿלעגט דעם טאַטן נאָכשפּירן און אַז ער האָט געזען, אַז ער גייט אַהיים אַ שיכורער, פֿלעגט ער שוין ערגעץ ווו אַנטלויפֿן. אָבער אויך ניכטערערהייט פֿלעגט דער טאַטע אים שלאָגן. דאַן האָט האַססי דאָס ניט געקאָנט אויסמיידן. באַקומען די פֿאַרציע קלעפּ האָט ער אָפּגעריבן מיטן פּויסט די טרערן פֿון די אויגן און ווידער געלאָפֿן זיך שפּילן אין גאַס. ווען דער טאַטע האָט אים שטאַרק געשלאָגן, פֿלעגט ער נאָך אַזאַ עקזעקוציע אַוועקגיין צום עק שטעטל, דאָרט אויפֿזוכן אַ קליין שוואַרץ יינגל, אים אַ רוף טאָן צו זיך, דאַן אים אַ וואָרף טאָן אויף דער ערד און שלאָגן, אָפּטמאָל ביז בלוט פֿלעגט זיך באַווייזן, דערנאָך אַנטלויפֿן אַ צופֿרידענער. געהאַט האָט ער עטלעכע אַזעלכע קרבנות. גאַנץ אָפֿט פֿלעגט ער זיך שפּילן מיט זיי: כאַפּן פֿיש, פֿאַנגען זשאַבעס, רייסן פֿרוכט. זיי זיינען האַססין געווען געטריי און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ פֿירער, צונעמענדיק די קלעפּ, ווי אַ זאַך וואָס קומט זיי.

אין שול איז האַססי געווען אַ פֿלייסיקער תּלמיד, הגם געלערנט האָט ער זיך ניט פֿיל, נאָר ער האָט גרינג אַלץ באַנומען זיך ניט אָנשטרענגענדיק און די לעקציעס צוגעגרייט פֿינקטלעך און גיך. אָפּטמאָל פֿלעגט זיין מוטער אים מוסרן, ווען ער האָט זיינע אויפֿגאַבעס אָפּגעפּאַרטיקט אין אַ קורצער צייט. זי פֿלעגט אים ניט גלויבן, אַז ער האָט טאַקע זיין אַרבעט אָפּגעטאָן. זי פֿלעגט אים זידלען, רופֿן פֿוילער, אים פֿאַרווערן זיך שפּילן, אָבערביים סוף קוואַרטל (טערם), פֿלעגט ער מיט שטאָלץ ברענגען די שול־צייגעניש צו זיין מאַמען.

„זעסט", פֿלעגט ער זאָגן, „האַססי איז ניט קיין פֿוילער, האַססי לערנט זיך גוט".

פֿלעגט די מאַמע אים ליב אַ גלעט טאָן, אָדער אַ קוש טאָן מיט אירע פֿולע ליפּן און זאָגן:

„יאָ, לערן זיך, האָססי, װעסט קאָנען װערן אַ קלערק אין מאַגיס־טראַטס קאָנטאָר, אפשר אמאָל אַ מאַגיסטראַט אפילו". פלעגט האָססיס ברוסט־קאַסטן זיך הייבן פון פרייד, זיין האַרץ געשװינדער קלאַפּן און ער פלעגט אַ צופרידענער טראַכטן, װי שפּעטער, אין יאָרן אַרום, װעט ער דאָרטן אין דעם װייסן הויז זיצן, די מענטשן משפּטן, אין טורמע זיי זעצן און מיט געלט באַשטראָפן, אפילו קלעפּ געבן. אַלע װעלן פאַר אים דרך־ארץ האָבן, װי פאַרן אַלטן, גראָבן מאַגיסטראַט קופּער. זיי װעלן ציען די הוט פאַר אים און זיך אָפּשטעלן שמועסן.

ער פלעגט זיינע חלומות ניט קאָנען באַהאַלטן אין זיך, ער האָט געדאַרפט פאַר עמעצן אויסגיסן זיין האַרץ. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער זיך אַרויסגנבֿענען פון שטוב, דורכקריכן עטלעכע פּאַר־קאָנעס, אַראָפּגיין אין טאָל, צום טייכל, װו דער „לאָקיישן" מיט די קליינע, ליימענע הייזקעס איז געלעגן. דאָרט זיינען די דעכער באַ־דעקט מיט שטיינער און שטיקער ברעטער, דאָרט קוקן די פענצטער מיט בלויזע לעכער, װי פון אויסגעלאָשענע שאַרבן־אויגן, און דאָרט, אין גראָבן, װו מאַגערע הינט האָבן זיך געװאַלגערט צוזאַמען מיט דאַ־רע שװאַרצע קינדער, װאָס האָבן געזוכטביינער אין מיסט און זאַמד, פלעגט האָססי זיך אַראָפּקייקלען מיט אַ געשריי. ער פלעגט פונאַנ־דעריאָגן די הינט און די שװאַרצע קינדער פלעגן זיך אַליין צעלויפן. נאָר איין זולו פלעגט בלייבן. ער פלעגט זיך איינקאָרטשען אין צע־ריסענעם רעקל און װאַרטן אויף קלעפּ. אָבער האָססי שלאָגט הײנט ניט. ער נעמט זולון אָן פאַר אַ קנעפּל פון צעלאַטעטן רעקל און ציט אים מיט זיך.

דער זולו איז אַ שװאַרצער ייִנגל אין איין עלטער מיט האָססין, מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע, שװאַרץ פאַרפּלאָנטערטע אין רייען צע־באַרשטע האָר, װאָס דערמאָנט אָן בייטן אין אַ פּלאַנטאַציע. ער פלעגט נאָכגיין האָססין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, װי ביי אַ מאַלפּע, און קוקן מיט ברייטע, טרייע אויגן און ניט װיסן װאָס עס דערװאַרט אים, אַ שפּיל אָדער קלעפּ. האָססי און זולו זיינען ביידע געװען קליינגע־װיקסיקע, דאַרע, אומרואיקע שטיפערס. זיי האָבן זיך געחברט אָפּ־געזונדערט פון אַלע אַנדערע קינדער. געשפּילט צוזאַמען אין פערד, געגראָבן און געבויט, געכאַפּט פייגעלעך און נאַקעטע זיך געװאַרעמט אויף דער זון. און אַז דער גוטער מזל האָט צוגעשיקט אַ פּאַר צוקער־לעך זיינען זייערע ביידנס מיילער געװען פאַרשמירט פון דער זיס־

קייט מיט וועלכער זיי פלעגן זיך טיילן. די קלעפּ, וואָס האַססי האָט אים גאַנץ אָפט צוגעטיילט, האָט זולו צוגענומען מיט א גלייכגילטי־קייט, ווי עס וואָלט געווען אַ טייל פון שפּיל.

„זולו, דו ווייסט“, האָט אים האַססי אָפּגעשטעלט אויף דער אנ־דער זייט גראָבן, „איך וועל זיין א מאַגיסטראַט אזוי ווי מיסטער קו־פּער. מיין מאמע זאָגט, אז אויב איך וועל זיך לערנען גוט, וועל איך געוויס ווערן אַ מאַגיסטראַט. דו קענסט דאָך דעם „באַאַס“ קופּער? ווען איך וועל ווערן גרויס, וועל איך ווי ער משפּטן. ווי ער וועל איך מענטשן אין טורמע אריינזעצן. זולו, ווי געפעלט עס דיר? האַססי וועט זיין א גרויסער באַאַס, אַ מאַגיסטראַט“.

זולוס פּנים האָט זיך צעגאָסן אין אַ שטראַלנדיקן שמייכל:

„דאָס וועט זיין פיין. דו, האַססי, וועסט זיין א גרויסער באַאַס, אַ מאַגיסטראַט, וועסט פאָרן אין אַ מאָטאָר־קאַר. און מיר וועסטו אויך משפּטן, האַססי?“

„יאָ, זולו, איך וועל דיר אויך משפּטן. אז דו וועסט גנבענען אָדער ארומגיין אָן אַ פּאַס וועל איך דיך געוויס משפּטן, אָבער אין טורמע וועל איך דיר אויף לאַנג ניט אריינזעצן, אפשר אויף אַ פּאָר וואָכן“.

זולו פלעגט שטראַלן און א צופרידענער ארומטאַנצן ארום האַ־ססין און זינגען:

„האַססי איז א מאַגיסטראַט, האַססי וועט אלעמען משפּטן און זולון וועט ער באפרייען“.

„יאָ, זולו, דו וועסט טרייבן מיין מאָטאָר־קאַר, מיר וועלןביידע פאָרן, פאָרן אין שטאָט, אָדער איך וועל דיר גאָר מאַכן פאַר אַ פּאָלי־ציאַנט, אָבער אין שטאָט וועלן מיר ביידע פאָרן“.

פון אזא צוזאָג פלעגט זולו א צופרידענער זיך איבערקוליען אַ פּאָר מאָל, זיך שטעלן אויפן קאָפּ און זינגען:

„האַססי וועט זיין אַ מאַגיסטראַט און זולו אַ פּאָליציאַנט, און אין שטאָט וועלן מיר פאָרן ביידע“.

פלעגט האַססי זולון ארומכאַפּן ביים האַלדז און אים צודריקן מיט ליבשאַפט, און ביידע האָבן זיך שוין געקייקלט אין ווייסן זאַמד, ווי אַ שווארץ־ווייס פלאַקסענער קנויל...

* * *

געלעבט האָט דאָס שטעטל פון די פּאַרמערס. מענטשן האָבן זיך דאָ געפרייט מיט זייערע פריידן און געטרויערט אין זייערע ווייען.

אין די פרימאָרגנס, מיטן שלאָף נאָך אויף די ברעמען, האָט מען געקוקט אויפן האָריזאָנט, געזוכט אַ וואָלקן — אַן אָנזאָגער פון רעגן און געפילט דעם ווינט אויפן פנים, צי ער קומט פון דער רעגן־זייט. ווען דער רעגן האָט זיך אָפּטמאָל פאַרזאַמט, האָט מען געטרויערט און געחלומט צוזאַמען מיט די פאַרמערס וועגן שוואַרצע שטאָלענע וואָלקנס און בלייענע הימלען. ווען אַ קאַלב איז געבאָרן געוואָרן ביי איינעם, האָט דאָס גאַנצע שטעטל נאָך דעם געוווּסט וויפל עמער מילך די קו גיט, און אַז ביי אַ באַלעבאָסטע איז אַ הון אוועקגעפאַלן, האָבן אויף מאָרגן אַלע פרויען געקאָרמעט זייערע הינער מיט עפּסאם־זאַלץ... ביינאַכט, אַז מען פלעגט קומען צו גאַסט צו אַ שכן, האָבן אַלע — יונג און אַלט — געשמועסט וועגן רעגן, וועגן פאַרזייטן קאָרן, וועגן קי וואָס גיבן פיר־פינף עמער מילך, און וועגן שעפּסן וואָס זיינען פאַרצוקט געוואָרן פון פוקסן. מען האָט ווי אַ וווּנדער־מעשה אויסגעהערט וואָס אַן אַלטער בור האָט דערציילט, ווי די שעפּסן זיינען אויסגעשטאַנען אַ שווערע טריקעניש, און אַז אַ צווייטאָגיקער רעגן האָט געראַטעוועט אַ פעלד מיט מיליס...

אין אַזאַ סביבה האָט האַססי זיך געהאָדעוועט. געוווינט האָבן זיי אַן אַ זייט פון שטעטל, אין אַ נידעריקער הייזל מיט ביימלעך פאַרשטעלט. אין שטוב איז דאָס מעבל געווען אָנגעשטעלט איינס אויף דאָס אַנדערע. אויף די ווענט — אַ פּאָר בילדער פון אַלטע בורן, עטלעכע געמעלן פון אַלטע קאַלענדאַרן און אין מיטן אַ גרויס בילד פון גענעראַל דע וועט. דאָס אַלץ איז געהאַנגען אויף די ווענט יאָרן לאַנג, אויף די זעלבע ערטער. האַססי האָט די שמועסן איינגעזאַפּט, די זאָרגן געטראָגן צוזאַמען מיט די גרויסע, געקנייטשט זיין יונגן שטערן מיט די דאגות פון די אַלטע בורן, און אין הייסע טרוקענע זומערן געחלומט וועגן פייכטע לאָנקעס און גרינע פעלדער, און אויך פון די גרויסע פיל שטאָקיקע קאַסטנס, וואָס רופט זיך שטאָט.

איין מאָל איז זולו געקומען מיט אַ נייעס: אַ שול האָט מען געעפנט ביי זיי אין „לאָקיישן" און ער, זולו, גייט זיך לערנען. ער וועט זיך לערנען אַלץ, וואָס האַססי קאָן, און ווען, ווען זיי וועלן גרויס ווערן, מיט אים אין שטאָט פאָרן.

„יאָ, זולו, לערן זיך אויס געשווינדער, וועלן מיר צוזאַמען קאָנען פאָרן", איז האַססי מסכים און פרייט זיך מיט זיין פריינד.

די אַפריקאַנער זון בראָט דאָס ווייסע קערפּערל פון קליינעם האַ־

ססי, רויטלט אים, ברוינט אים, שוואַרצט אים, זיין לייב ווערט טונ־קעלער. די זעלבע זון בראָט און גליט אויך דאָס שוואַרצע קערפּערל פון זולו.

עס ציען זיך טעג און עס לויפן וואָכן. זולו טרעפט אָפט האַססין און דערציילט אים, חזרט איבער וואָרט נאָך וואָרט וואָס דער לערער האָט דערציילט. ער פרעגט זיך ביי האַססין, אויב אויך זיין לערער לערנט מיט אים אלץ וואָס די ווייסע לערנען. פול מיט ווערדע זאָגט האַססי ארויס זיינע מיינונגען און גיט אים עצות ווי ער זאָל זיך לערנען.

* * *

אין שטעטל האָט געלעבט האַססיס זיידע, אן אלטער בור, אַ געוועזענער מיסיאָנער. געלעבט האָט ער מיט זיין אלטער, האַססיס באָבן, אָפּגעזונדערט פון האַססיס עלטערן. עס האָט אים שאַקירט וואָס האַססיס פאָטער שיכורט אזוי פיל. דער זיידע האָט געטראָגן אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק מיט אַ האַרטן קאָלנער און אַ ווייסן שלייף. אַלע מאָל מיטגעטראָגן אונטערן אָרעם אַ געבעט־בוך. מען האָט אים ניט ליב געהאַט, עפּעס אזא שטרענגער איז ער געווען, אזא בייזן אויסזען האָט ער געהאַט. פלעגט האַססי זעלטן קומען צו אים און נאָך זעלטענער גיין צו דער באָבן זיינער, וועלכע איז מיינסטנס געלעגן אין בעט ארומגעשטעלט מיט פלעשלעך מעדיצין, מיט גראָזן און טעפּע־לעך וואַסער פון וואָס עס האָט געשלאָגן אַ מאָדנער ריח פון אַלטקייט.

אין טאָג האָט די מאַמע אים געזאָגט, אז די באָבע איז געשטאָרבן. איז ער דעם טאָג אין שול ניט געגאַנגען. די מאַמע האָט אים יום־טוב־דיק אָנגעטאָן, געקויפט אַ פּאָר נייע שיך פאר זיך, אַ שוואַרצע קלייד און אַ שוואַרצע הוט. דער טאַטע האָט אָנגעטאָן דעם זונטאָגדיקן אַנ־צוג, אָנגעגייט אַ קרעפּע־שלייף אויפן הוט און אויפן אָרעם, געקוקט ניכטער און בייז ארום זיך און אַלע צוזאַמען זיינען אוועק צום זיידן אין שטוב. דאָרטן איז געווען שטיל. די באָבע איז געלעגן אין קאַסטן באַדעקט מיט בלומען. אין און ארום הויז זיינען געווען אַלטע און יונגע בורעטעס אויסגעפּוצט אין שוואַרצן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן קליינע געבעט־ספרימלעך אָדער תנכלעך געבונדן אין לע־דער, צוזאַמען מיט זייערע שירעמס. זיי זיינען געזעסן לענגאויס דער וואַנט און אין מיטן צימער האָט זיך געפונען אַ גרויסער טיש אויף

וועלכן עס איז געשטאַנען די טרומנע מיטן טויטן קערפּער. איטלעך מאָל, ווען עמעצער איז אריינגעקומען אין צימער, פלעגט פאַלן אַ שטילקייט. אויב עס איז געווען אַ מאַן, פלעגט ער אראָפּנעמען זיין הוט, דריקן די הענט פון די שכנים און פרעגן שטיל וואָס מען מאַכט און אָנהייבן זיך באַקלאָגן אויף דער טריקעניש. דאַן פלעגט ווידער ווערן שטיל. אנדערע פלעגן זיך שאַרן פון איין גרופּע צו אַ צווייטער און ריידן וועגן וועטער. פלעגט אָבער אריינקומען אַ פרוי האָט זי באַלד געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ארומיקע מיט איר אָנ־טועכץ און וואָס פאַר אַ קראַנץ זי האָט געבראַכט. און ווען איינע האָט געבראַכט אַ קראַנץ, וואָס איז געווען בעסער און קונציקער גע־פלאָכטן מיט אַ רייכערער סטענגע, האָט זיך באַלד געהערט א צו־פרידענער מורמל פון די ארומיקע, זיך איבערקוקנדיק מיט קנאה בליקן מיט די פריינד פון דער טויטער.

האַססי איז געשטאַנען אין דרויסן לעבן בריקל, געפילט זיך אַ ביסל אומבאַקוועם אין זיינע נייע שיך און יום־טובדיקע קליידער. אים האָט זיך זייער געוואָלט שפּילן, אָבער ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין טאַטן און געקוקט מיט אינטערעס אויף אַלץ, וואָס עס קומט אין שטוב פאַר.

עס האָט געבלאָזן א שטאַרקער ווינט און דער שטויב האָט גע־שלאָגן אין די אויגן. האַססין האָט הנאה געטאָן, ווען ער געזען ווי מענטשן האָבן זיך געבויגן, געכאַפּט זייערע היט. די פרויען האָבן גע־טראָגן די קרענץ אויפן הינטן און פלעגן זיך דרייען דערמיט באַלד ווי דער ווינט פלעגט אָנקומען. האַססי איז צוגעלאָפן, געוואָלט זיי העלפן טראָגן די קרענץ, אָבער קיינע פון די פרויען האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיט איר קראַנץ, פאַרשטעלנדיק דערמיט זייערע שווערע דיקע קערפּערס. אריינקומענדיק אין הויז פלעגן זיי אויסציען זייערע פּני־מער און מיט אַ טרויעריקער מינע אװעקלייגן דעם קראַנץ לעבן דעם ארון, זיך זעצן און מיט אַ באַז־טיכל אָנהייבן רייבן די אויגן. עס פלעגן זיך באַווייזן טרערן, די נעזער פלעגן ווערן רויטלעך. מען האָט שטיל געשמועסט.

אַלע האָבן געוואַרט אויפן פּרעדיקאַנט. ענדלעך איז ער צוגע־פאָרן אין אַ קליינעם, בלישטשענדיק שוואַרצן אויטאָמאָביל. ער איז געקומען מיט זיין יונג ווייבל, ביידע אין שוואַרצן. ער איז צוגעפאָרן צום אריינגאַנג פון הויז, אָפּגעשטעלט זיין אויטאָ, אָבער ער איז ניט

ארויס. עטלעכע עלטערע בורן, א דיאַקאָן און דער קירך־עלטסטער זיינען צוגעלאָפן צום אויטאָ, געעפנט דאָס טירל און מיט יראת הכבוד געוואַרט אויף זיין ארויסגיין. דער פרעדיקאַנט איז נאָך געווען אַ יונ־גער, אָבער ער האָט שוין געטראָגן א דיקן גוף מיט אַ בויך, און ער האָט מיט מי זיך ארויסגעקראָגן פון אויטאָ. זיינע פאַרערער האָבן אים געהאָלפן ארויסנעמען זיינע רעליגיעזע ספרימלעך און א דיקן תנך אין אַ גאָלדענער ראַם און פול מיט פאַפירלעך פאַרלייגט צווישן די בלעטער. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די צוגעגרייטע דרשה. ער האָט יעדן פון די ארומיקע דערלאַנגט די האַנט און זיך נאָכגע־פרעגט: „הו כאַן דיט?" (ווי גייט עס?) ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן האַססין, אים געטאָן אַ גלעט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געגלעט אַ יתום. אָבער זיך דערמאָנענדיק אז די פארשטאָרבענע האָט נאָר דערוואַקסענע קינדער, איז ער געשווינד אריין אין שטוב. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער, באַגריסט אלעמען, צוגערופן אַ „דיאַקאָן" (שמש), אים עפּעס געזאָגט און גלייך נאָך דעם אָנגעהייבן די תפילות. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטילן געבעט, צומאַכנדיק שטייף די אויגן. אלע האָבן געהאַלטן די קעפּ אראָפּגעבויגן און שטיל, צערודערט נאָכגעזאָגט די תפילות. עס האָט געראַשט ווי אין אַ בינשטאָק.

האַססי האָט אין אָנהייב אויך געהאַלטן זיין קאָפּ אראָפּגעלאָזן און געפּרוווט נאָכזאָגן די תפילות, אָבער אים איז דאָס באַלד מיאוס גע־וואָרן. ער האָט אָנגעהייבן באַטראַכטן די ארומיקע, געזוכט מיט די אויגן אַ חבר, אָבער קיינעם ניט געזען. אויפן בריקל, ניט ווייט פון אים, איז געשטאַנען אַ קליין מיידעלע און געהאַלטן אונטערן אָרעם אַ תפילה־ספרל, עס געוויגט און געשאָקלט ווי אַ קינד. דאָס געבעט האָט זיך געענדיקט און אלע האָבן מיט הנאה אויסגעגלייכט די קעפּ, געעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן אז מען איז נאָך אויף דעם זעלבן אָרט ווו מען איז געווען מיט עטלעכע מינוט פריער. דער פרעדיקאַנט האָט אויסגערופן דעם נומער פון אַ קאַפּיטל תהילים און באַלד האָט א דיאַקאָן, וועלכער איז געשטאַ־נען לעבן אים, פאַרצויגן מיט א קרייענדיקן קול דאָס געזאַנג. די שטימע איז ארויסגעקומען פון צימער אזוי משונהדיק, אז דאָס מיידע־לע האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער. האַססי האָט זיך אויך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זייער געלעכטער האָט איבערגע־

הילכט דאָס זינגען פון טויטן־צימער. עמעצער האָט זיך אָנגעביי־זערט אויף האַססין, און דאָס מיידעלע, אַ דערשראָקענע, איז אַנטלאָפן.

נאָכן געזאַנג האָט דער פּרעדיקאַנט געהאַלטן אַ דרשה. האַססי האָט זיך צוגעהערט און געקוקט אויפן פּרעדיקאַנטס ליפּן, ווי ער זאָגט אַרויס זיינע ווערטער מיט אַזאַ לאַנגזאַמקייט, צעצויגן, ווי ער וואָלט געשטופּט עפּעס פון מויל. ער האָט לאַנג גערעדט. האַססי האָט ניט אַלץ באַנומען. צום סוף האָט דער פּרעדיקאַנט זיך געווענדט צום אַלטן מיסיאָנער, האַססיס זיידן, און צו די קינדער און מיט אַן אויטאָריטעטן קול געזאָגט, אַז זיי דאַרפן ניט טרויערן, ווייל זייער ווייב און מוטער איז אַוועק אין גן־עדן און זי לעבט איצט גליקלעך לעבן יעזוסן. ער האָט געוויזן מיט אַ פינגער צו אַ זייט הימל. האַססי האָט דעם פינגער נאָכגעפאָלגט, געזוכט עפּעס אין דער בלויקייט פון האָריזאָנט, אָבער קיין זאַך האָט ער ניט געזען. אים האָט זיך גענומען בענקען נאָך די גרויסע שטעט און אים האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער גן־עדן, וועגן וועלכן דער פּרעדיקאַנט רעדט איצט, איז אַזאַ מין שטאָט.

מענטשן האָבן אָנגעהייבן אַרויסגיין, אַנדערע האָבן זיך אַרויסגע־שטופּט צום אַרויסגאַנג. פּרויען האָבן געהאַלטן אין די הענט קליינע טיכעלעך און געווישט די נעזער. מען האָט אַרויסגעטראָגן די טרומנע, נאָך וועלכער דער אַלטער זיידע איז געגאַנגען און ביטער געוויינט. אויך די קינדער האָבן געוויינט. האַססי איז געשטאַנען אָן אַ זייט און זיך געוווּנדערט פאַר וואָס דער זיידע, וועלכער איז דאָך אַליין אַ פּרעדיקאַנט־מיסיאָנער, האָט איצט געוויינט, הגם דער יונגער פּרע־דיקאַנט האָט אָנגעזאָגט אַז מען דאַרף נאָך דער באָבן ניט טרויערן, ווייל די באָבע איז אַוועק אין אַ בעסערער וועלט, אין גן־עדן. ער האָט געפרעגט זיין מאַמען פאַר וואָס דער זיידע פאָלגט ניט דעם פּרעדי־קאַנט און וויינט אַזוי פיל, נאָר זיין פאָטער האָט אים אַוועקגערופן און געהייסן גיין זיך זעצן אויף איינעם פון די וועגענער, מיט אַן אַלטן מאַן. די פּראָצעסיע, אין אויטאָס און וועגענער, איז לאַנגזאַם אַוועק צום בית־עולם. דאָרטן האָט דער אַלטער אָפּגעשטעלט די פערד און דערלאַנגט די לייצעס האַססין. ער האָט אים אָנגעזאָגט ניט אָפּצולאָזן די פערד. האַססין האָט גאָר שטאַרק זיך געוואָלט נאָכגיין נאָכן עולם און זען ווי מען באַגראָבט דער באָבן, אָבער ער האָט מורא געהאַט איבערצולאָזן די פערד — איז ער געבליבן זיצן אויפן וואָגן.

• • •

דער בית־עולם איז געווען אַ מייל פון שטעטל, ארומגעצוימט מיט אַ שטיינערנער צוים, וואָס האָט געגלאַנצט פון ווייטן ווי אַ ווייס געמאָלענער קוואַדראַט. פון טויער האָבן געפירט אויסגעברוקירטע אַלייען מיט קליינע, צעשטויסענע שטיינדלעך, באַפּוצט פון ביידע זייטן מיט הויכע באַיאָרטע עקאַליפּטוס־ביימער. אין יעדער אַלייע אַ ריי קברים, אַנדערע אַלטע, איינגעפאַלענע, אַנדערע ארומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַבעס און באַפּוצט מיט מאַרמאָרנע מאָנומענטן, מאַנכע האָבן געהאַט גרויסע געמויערטע מצבות און קרייצן. שטיל־קייט האָט געהערשט אויפן בית־עולם. זעלטן האָט אפילו אַ פויגל אַ צוויטשער געטאָן און איז תיכף אַנטשוויגן געוואָרן.

האַססי איז געגאַנגען איבער די אַלייען און געזוכט דעם פרישן קבר פון זיין באָבן. נאָך אים האָט זיך פאַרזיכטיק נאָכגעשלעפּט זולו. ער האָט כסדר אומרואיק זיך ארומגעקוקט, וועלנדיק זיך פאַרזיכערן אַז קיין ווייסער זעט אים דאָ ניט. ער האָט געוווּסט אַז אויך דאָ, אויפן לעצטן רו־אָרט פון די ווייסע, איז אַ שוואַרצער אַן אומגע־וווּנטשטער גאַסט, און אויב מען וועט אים דאָ געפינען וועט ער כאַפּן קלעפּ. אָבער גיין האָט ער געמוזט, האַססי האָט אים גערופן, און ס׳האָט אים אויך געצויגן דער נייגער צו זען דעם „ווייסן" בית־עולם.

ביידע יינגלעך זיינען פאַמעלעך געגאַנגען אין די אַלייען, זיך אָפּ־געשטעלט פאַר די מאַרמאָרנע מאָנומענטן, געקוקט מיט נייגער אויף די קברים און גערעדט אין דער שטיל, ווי מורא האָבנדיק די טויטע זאָלן זיי ניט הערן. ענדלעך זיינען זיי דערגאַנגען צו אַ פרישן קבר, וווּ דאָס זאַמד איז נאָך ניט געווען איינגעפאַלן און צענדלינגער האַלב־פאַרוויאַנעטע בלומען־קרענץ זיינען געלעגן ארום.

„דאָ מוז מיין באָבע ליגן", האָט האַססי שטיל געזאָגט. „קיינער איז דאָ ניט באַגראָבן געוואָרן פאַר די לעצטע דריי וואָכן, און די בלו־מען זיינען נאָך ניט אין גאַנצן פאַרוועלקט. קום, זולו, שטעל דיך אויף די קני, לאָמיר בעטן פאַר דער באָבעס נשמה. די מאַמע מיינע האָט אַזוי געהייסן".

„אָבער, האַססי, דו האָסט דאָך מיר געזאָגט אַז דיין באָבע איז אַוועק אין גן־עדן און אַז זי איז גליקלעך, צו וואָס דאַרף מען בעטן פאַר איר?"

„יאָ, זולו, אזוי האָט טאַקע דער פּרעדיקאַנט געזאָגט, אָבער דער זיידע האָט אים ווייזט אויס ניט געגלויבט. ער האָט נאָך דער באָבעס טויט אַ סך געוויינט. אפילו היינט איז ער נאָך טרויעריק. מיין מאמע זאָגט, אז מיר זיינען אלע זינדיקע און מיר גייען ניט באַלד אין גן־עדן. מסתמא איז דאָרט מיין באָבע אויך ניטאָ".

זולו האָט זיך פאַרטראַכט פאַר אַ פּאָר מינוטן און געפרעגט:

„און אונדזערע שווארצע מענטשן, האַססי, גייען אויך אין גן־עדן?"

ביי האַססין האָט זיך דאָס מויל געעפנט פון פאַרוווּנדערונג, אָבער ער האָט זיך גלייך צוריק געפונען:

„מסתמא גייען די שווארצע אין גן־עדן־„לאָקיישנס" — דאָרט מוז דאָך אויך זיין אזא אָרט פאַר שוואַרצע צו וווינען".

זולו האָט אראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ און אויפהייבנדיק א שטיינדל פאַרזאָרגט געזאָגט:

„יאָ, עס איז אמת. דאָרט מוז אויך פאַר אונדז שווארצע זיין שלעכט. גאָט איז דאָך א ווייסער, און יעזוס זיין זון איז אויך געווען אַ ווייסער, און ווייסע האָבן ניט ליב די שוואַרצע. ניין, האַססי, איך וועל מער ניט דאַוונען צום ווייסן גאָט, איך דאַרף אים ניט".

האַססי האָט צעטומלט געקוקט אויף זולון, געוואָלט זיך אָננעמען די קריוודע פון גאָט און געוואָלט זולון שלאָגן. אָבער ער האָט מורא געהאַט טאָמער אנטלויפט זולו און ער וועט בלייבן אליין אויפן בית־עולם, האָט ער געשוויגן. אין עטלעכע מינוט ארום האָט זולו פאַרגעלייגט האַססין צו באזוכן דעם שוואַרצן בית־הקברות. האַססי האָט איינגעוויליקט.

זיי האָבן געקלעטערט איבער דער ווייסער שטיינערנער וואַנט, וואָס האָט צעטיילט די צוויי בית־עולמס. אויפן שוואַרצן בית־עולם האָבן די קברים זיך געטוליעט איינער צום אנדערן. ווו ניט ווו איז געשטאַנען א קליינער שטיין מיט אַן אויפשריפט. אויף אַנדערע זיי־נען געווען קליינע צלמים, צונויפגעשלאָגן פון קאַסטן־ברעטלעך. אויף איניקע האָט מען געקאָנט איבערלייענען דעם נאָמען פון אַ זייף־פירמע, פון וואַנען דאָס קעסטל איז געקומען. אויף כמעט יעדן קבר האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע טעלער, גלעזלעך, ליידיקע קאָנסערוון פּושקעס און צעבראָכענע טשייניקעס. יעדער קבר האָט

אויסגעזען ווי אַ פּאַגראַמירטעווירטשאַפט, מיטן זכר פון קיך־געשיר. זולו האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פון די קברים, וואָס איז געווען ארומגעצאַמט מיט די ווענטלעך און מיטן ראַם פון אַן אלט אייזערנע בעט, זאָגנדיק מיט שטאָלץ:

„זעסט, האַססי, דאָרט ליגט מיין טאַטע".

האַססי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן קבר, אַ קוק געטאָן מיט פאַרוווּנדערונג אויף זולון, אים דערלאַנגענדיק אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

„זולו, איז דאָס דיין טאַטנס קבר? און איך האָב געמיינט, אז דיין טאַטע לעבט. לאַנג איז ער שוין געשטאָרבן?"

„פאַראַיאָרן, פון דער כאָליערע. א סך מענטשן זיינען ביי אונדז אין לאָקיישן געשטאָרבן".

„זולו, דיין טאַטע איז מסתמא געווען אַ גוטער „באָי", איך וואָלט וועלן, אז ער זאָל דאָרט אין גן־עדן קריגן א גוטן „דזשאָב".

* * *

אויף ברעטלעך האַרטע שלאָפן מענטשן זאַלבע־פינפט, זאַלבע־צענט אין איין צימער. די הייזקעס וויגן זיך פון ווינט, די דעכער נידעריק, הייס־ברענענדיקע בלעכענע דעכער, וואָס ליגן האַרט איבערן קאָפּ און קילן זיך אָפּ, ווי מיט קנאַלן פון בייטשן. דאָ שלאָפן מענטשן טונקעלע ווי די נאַכט, שווארצע ווי די שאָטנס, און זיי חלומען ניט. פאַרמאַטערטע זיינען זיי פון ברענענדיקע טעג, פון ארבעט, פון שוויס־פאַרגאָסענע ביים גראָבן גערטנער, טראָגן שווערע זעק, האָדעווען ווייסע קינדער, פון האַמערן און בויען, פון קלעפּ און בזיונות. עס שלאָפן די מענטשן ביי טירן אָפענע, מיט פענצטער וואָס קוקן ווי בלינדע לעכער פון אויגן־שאַרבנס, און עס הערן זיך זייערע אָטעמס, באַפרייטע פון דער טאָג־שקלאַפעריי.

שטיל איז אין שטעטל. שוין לאַנג אַלע ליכט אויסגעלאָשן. די גאַסן ליידיק. ערגעץ ווייט, ביים ברעג טייכל בילט אַ הונט, וועקט זיך אויף אַ יונג הינטל און ענטפערט אָפּ מיט א הייזעריק־קוויטשיקן בילן.

אָבער האַססי שלאָפט ניט היינט. ער ליגט אזוי אַ האַלבע נאַכט און קאָן ניט איינשלאָפן. ער האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, געפּרווּט אוועקלייגן דעם קישן צופוסן און אראָפּוואַרפן די וואַרעמע קאָלדרע, אָבער דער שלאָף איז צו אים ניט געקומען.

דער לערער האָט היינט געזאָגט דעם קלאַס, אַז אין דריי חדשים אַרום וועט אין דער הויפּט־שטאָט פאָרקומען אַ ספּעציעלער צוזאַמענפלי פון אַלע שילער פון דער פּראָווינץ. דער טור וועט דויערן פיר טעג און די פּראָווינץ־שילער וועלן האָבן די געלעגנהייט באַקוקן אַלע מוזייען, געביידעס, פאַבריקן, ווי אויך די ספּעציעלע שול־אויסשטעלונג. דער לערער האָט אויך געמאָלדן, אַז יעדער שילער וועט דאַרפן באַצאָלן פינף שילינג פאַר די הוצאות, יעדערער מוז האָבן אַ נייעם גאַרניטער, גאַנצע שיך און אַ היטל. האַססי האָט אויסגעהערט דעם לערער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. ער האָט זיך קוים דערוואַרט די לעקציעס זאָלן זיך ענדיקן און ער איז געלאָפן אהיים. ער האָט געטראָפן זיין מוטער אין קיך, ווי אַלע מאָל, פאַרנומען מיט די טעפּלעך אין אויוון. ער האָט איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער וועט פאָרן אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ התלהבות, אַז די מוטער וואָס איז היינט ניט געווען ביים מוט האָט אים מיט אַ שמייכל אַ גלעט געטאָן. זי האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן אירע ספקות, כדי ניט צו צעשטערן זיין האָפענונג, אָבער ביי זיך האָט זי געטראַכט אַז האַססיס נסיעה וועט ניט קאָנען צושטאַנד קומען צוליב דעם קאָסטיום. מילא, די הויזן וועט זי שוין אַליין אויפנייען, אָבער אַ רעקל און שיך מוז מען דאָך קויפן, און די פינף שילינג איז אויך אַ שווערע הוצאה. זי האָט אים דאָס ניט געזאָגט — פאַרוואָס זאָל זי אים שוין איצט שווער מאַכן דאָס האַרץ?

פון דער מאַמען איז האַססי אוועקגעלאָפן צום גראָבן, געזוכט זולון, אָבער יענער איז נאָך ניט געווען געקומען, האָט ער געפּרוווט זיך שפּילן מיט אַנדערע שוואַרצע ייִנגלעך און ניט גערוט. ער איז געלאָפן אויפן וועג צום „לאָקיישן“, זען אויב זולו קומט. פון וויטן האָט ער טאַקע דערזען די קליינע פיגור פון זולון און ער איז אים אַנטקעגן געלאָפן. זולו איז אויך געלאָפן און אונטערגעשפּרונגען, נאָך יעדן שפּרונג האָט ער געגעבן אַ שאַר מיט דער פוס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ וואָלקן שטויב, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף די זייטן פון וועג. זולו האָט געשריען צו אים מיט אַ פאַרסאָפּעטן קול:

„איך קום איצט פון שול! ערשט איצט פון שול!“

„פאַרוואָס אַזוי שפּעט?“ וווּנדערט זיך האַססי, וואָס האָט דערוויל פאַרגעסן זיין אייגענע נייעס.

זולו האָט געענטפערט שטאָלץ:

„מיר גרייטן זיך צו דער בילדונג־וואָך, האָט דער לערער אונדז היינט געלערנט זינגען. האַססי, איך פאָר אין דער גרויסער שטאָט, אין שטאָט פאָר איך!"

האַססי האָט אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז, אַ שפּיי געטאָן מיט פאַראַכטונג: „איך דאַרף ניט זינגען, פונדעסטוועגן וועל איך אויך פאָרן צו דער בילדונג־וואָך אין שטאָט".

זולו האָט אויפגעהערט שפּרינגען און אויסגעהערט וואָס האַססי האָט געהאַט צו דערציילן. נאָך דעם האָט ער ווי אַ ווילדער קיזשאַק זיך איבערגעדרייט אויפן פעלד, איבערגעקוליעט זיך מיט אַ געפּיל־דער און זיך געווענדט צו האַססין:

„הייסט עס, האַססי, מיר וועלן ביידע פאָרן אין שטאָט, מיר וועלן האָבן אַ פיינע „האָלידיי". הער, וועלכע שיינע לידער איך האָב זיך היינט אויסגעלערנט".

מיט שיינענדיקע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט זיין פרייד פון דער צוקונפטיקער וואַקאַציע, האָט ער פאַרצויגן די ערשטע טענער פון אַ ליד וואָס די שוואַרצע זינגען. האַססי איז גרייט געווען איבער־צורייסן זיין געזאַנג, אָבער דאָס זינגען האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט אַז ער האָט שטילערהייט זיך צוגעהערט צו זיין חבר און אים אַפילו געפּרוווט העלפן.

אין דער שטילער נאַכט האָט איצט האַססי איבערגעלעבט דעם גאַנצן פריידיקן טאָג. ווען הינטער האַססיס צימער האָבן די הענער אָנגעהייבן פּאַטשן מיט די פליגל און מיט אַ קרייערייַ באַגריסט דעם פרימאָרגן, איז האַססי אַ פאַרמאַטערטער פון טראַכטן סוף־סוף איינ־געשלאָפן.

* * *

ביים קליינעם האַססין זיינען די דריי חדשים זייער לאַנגזאַם גע־קראָכן. ער האָט געשטופּט די טעג, געפּיבערט מיט האָפענונג. אַז זיין מאַמע האָט אים איין מאָל געזאָגט, אַז זי ווייסט ניט ווי אַזוי זי וועט קאָנען אים קויפן אַ רעקל, איז ער בלאַס געוואָרן און שטיל אָנגעהייבן וויינען. ער האָט אויסגעזען אַזוי הילפלאָז, אַזוי צעבראָכן, קליין, אַז זיין מוטער האָט זיך דערשראָקן וועגן דעם רושם וואָס אירע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אים. מיט אירע האַרטע, ברוינע פאַרהאָרעוועטע הענט האָט זי אים גענומען גלעטן, צערטלען און באַ־

רואיקן. דאַן האָט זי פאַרשפּראָכן אַלץ צו באַזאָרגן פאַר דער רייזע. לאַנג האָט נאָך האַססי געכליפּעט, געשלונגען די טרערן, נאָר ווען די מוטער האָט צום ווײַפלטן מאָל איבערגעחזרט איר צוזאָג צו קויפן דאָס רעקל איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער עפּעס אַן אומצוטרוי איז געבליבן ביי אים, אין ברוסט האָט אים וויי געטאָן, געצופּט מיט טרערן און ספּאַזמעס. ער איז שטיל אַרויס פון שטוב, זיך דורכגע־שאַרט די גאַס קיינער זאָל אים ניט זען, איז דורכגעקראָכן עטלעכע צעבראָכענע פאַרקאַנעס און זיך אַראָפּגעגליטשט אין גראָבן, וווּ עס האָבן, ווי אַלע מאָל, זיך געשפּילט אויסגעמאָגערטע שוואַרצע קינדער מיט הונגעריקע הינט. האַססי האָט זיי אויסגעמיטן. ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן זיין רויטן, פון טרערן פאַרפּאַטשקעטן פּנים. אָבער זולו האָט אים באַמערקט, און ווי שטענדיק אויפגעשפּרונגען און אים נאָכגעלאָפן:

„האַססי, ווו אַנטלויפסטו? ווילסט זיך היינט ניט שפּילן?“

זולוס קול איז האַססין פאָרגעקומען מאָדנע הויך און פול מיט זאָרגלאָזיקייט. ער האָט זיך בייז אויסגעדרייט, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין חבר און מיטן גאַנצן כוח אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים, אומגעשליידערט אויף דער ערד און אים גענומען שלאָגן מיט ביידע הענט. זולו האָט זיך ניט געוועהרט, ער האָט זיך נאָר געדרייט און געשריגן. האַססי האָט געשלאָגן מיט אכזריות, געשלאָגן און גע־ריטשעט, זייענדיק די ווערטער דורך די ציין: „או, קאַפער! או, קאַפער!“ און ווידער געשלאָגן. זיין האַנט האָט זיך מיט אַמאָל אָפּ־געקלאַפּט אַן זולוס האַרטן שאַרבן. אַ שאַרפער ווייטאָג האָט דורכ־געשטראָמט דורך האַססיס גלידער. ער האָט זיך פאַרקרימט און צוגעכאַפּט די האַנט, אַריינגענומען זי אין דער צווייטער און איז אַוועקגעלאָפן, נאָך אַלץ שרייענדיק: „או, או, קאַפער!“ ביים ברעג גראָבן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, באַקוקט דעם פויסט און געבלאָזן אויף אים, ווי וועלנדיק אָפּקילן דעם ווייטאָג. ער איז געווען פאַרמאַטערט און געסאָפּעט, ער איז אָבער געווען צופרידן און געטראַכט, אַז ער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט היינט זולון גע־שלאָגן. אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין: פאַרוואָס זאָל אַ קאַפער יאָ פאָרן אין דער שטאָט און ער, אַ ווייסער, קאָן עס ניט טאָן. ביי דעם געדאַנק, אַז ער וועט אפשר ניט פאָרן האָט אים פאַרדריקט דאָס האַרץ און גרויסע טרערן האָבן זיך אָנגעהייבן קייקלען פון זיינע אויגן.

ער האָט געפּילט אַזאַ ווייטאָג פון דעם, וואָס זיינע טרוימען וועגן דער רייזע ווערן צעשטערט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן וועגן דעם געשלעג. ער האָט זיך אויפגעהייבן זוכן זיין צעשלאָגענעם חבר. ער האָט אים געפונען ליגנדיק אויפן זעלבן אָרט, כליפּנדיק און זיך טרייסלענדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

ווען האַססי איז צוגעקומען האָט זולו אויפגעהייבן זיין שווארצן קאָפּ. דערזעענדיק האַססין האָט ער זיך באַשיצט מיטן אָרעם, זייענ־דיק זיכער אַז ער קומט אים געבן נאָך קלעפּ. זולוס פּנים איז געווען אויסגעשמירט מיט שטויב און מיט טרערן. איצט, זעענדיק זיין פּנים האָט האַססי אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער, אַזש זולוס ציינער האָבן אויך אָנגעהייבן בליצן מיט א שמייכל. אַ מינוט שפּעטער זיינען שוין ביידע געלעגן אין זאַמד און געלאַכט, צעשמירנדיק מיט די פינגער די ברודיקע טרערן אויף די פאַרוויינטע פּנימער.

* * *

זולו איז געקומען אהיים פאַרנאַכט. די זון האָט געוואָרפן גאָל־דענע פאַסן, אָפּגעלויכטן אויף די שפּיץ בערג און געזונקען אין וויטן האָריזאָנט. אין „לאָקיישן" איז שוין געווען פינצטער. אין זולוס כאַטע איז קיין פענצטער ניט געווען. דער דאַך איז געלעגן נידעריק איבער די ניט גלייכע ווענט. קיין פאַדלאָגע איז אין הויז ניט געווען, די ערד איז אָבער געווען האַרט און ריין אויפגעראַמט. אין די ווינקלען זיינען געלעגן עטלעכע אלטע מאַטראַצן פאַרשפּרייט מיט צעלעכער־טע דעקעס. אין איין ווינקל איז געשטאַנען א צעבראָכענע בעט אונ־טערגעשפּאַרט מיט אַ פאַראַפין־קעסטל — דאָס איז געווען זיין מאַמעס בעט.

אין צימער איז געווען פינצטער. לעבן שטיבל זיינען געזעסן זולוס צוויי עלטערע ברידער און א שוועסטער און גערעדט הויך אויפן קול. זיין מאַמע איז געשטאַנען ביי אַן אויוועלע פון ציגל און ליים און געקאָכט אין א גרויסן טאָפּ א מאָגערע וועטשערע און אָפּט זיך אריינגעמישט אין געשפּרעך פון אירע קינדער. זולו האָט איג־נאָרירט די ארומיקע. ער איז ארונטערגעקראָכן אונטערן בעט און אין א ווינקל ביים וואַנט אָנגעהייבן גראָבן מיט אַ שטיק אייזן. פון גריבל האָט ער ארויסגענומען א קליין, קיילעכדיק בלעכל און צוריק ארויסגעקראָכן פון אונטערן בעט. ער איז ארויס פון הייזל, פאַרביי־

געשאַרט זיך פאַרביי די קינדער און אוועק הינטער דער שטוב. זיך אויסציענדיק אויף דער ערד האָט ער זאָרגפול געעפנט דאָס בלעכל און ארויסגעשאָטן עטלעכע זילבערנע און קופּערנע מטבעות. ער האָט זיך גענומען זיי ציילן, באַקוקט יעדע מטבע באַזונדער, און מחמת עס איז שוין געווען גוט פינצטער האָט ער יעדע באזונדער צוגעטראָגן צו די אויגן, געטאַפּט עס און געמורמלט: איין שילינג און זעקס פּענעס, איין שילינג און זיבן, איינס און צען, ביז ער האָט אויסגעציילט צוויי שילינג און זעקס פּענעס. ער האָט געחזרט די סומע עטלעכע מאָל און געטראַכט, אז ער האָט אויפגעקליבן א סך געלט, גאָר א סך. זיין מאמע באקומט אזוי פיל פאַר א וואָך וועש וואַשן. דאָס געלט האָט ער געזאָלט מיטנעמען אין שטאָט. איצט האָט ער פון געלט אראָפּגענומען צוויי זעקס־פּענעס און דאָס איבעריקע צוריק אריינגעלייגט אין בלעכל, גוט פארמאכט מיטן דעקל, צוריק אריין אין שטוב און עס באגראָבן אויף דעם זעלבן אָרט אונטערן בעט. די צוויי שיינענדיקע זעקס־פּענעס, וואָס ער האָט אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, האָט ער איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקע און עס פאררוקט אין זיין קעשענע, באַטאַפּנדיק אויב זי איז ניט צעריסן. מאָרגן וועט ער דעם שילינג געבן האַססין. ער, זולו, טאָר ניט האָבן אזא גרויסן פאַרמעגן און זיך ניט טיילן מיט זיין חבר. אמת, עס איז אים אפילו אָנגעקומען שווער אויפצוקלייבן דאָס געלט, און ווי לאַנג ער האָט געקליבן געדענקט ער אליין ניט. זעקס פּענעס האָט ער באַקומען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פון אַ ווייסן פאַר טראָגן אַ פּעקל פון דער באַן־סטאַנציע. עס איז געווען שווער. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן. ער איז ניט געווען זיכער צי דער ווייסער וועט אים עפּעס געבן פאַר זיין מי: פאַראַן ווייסע, וואָס ניט נאָר זיי באַלוינען ניט פארן טראָגן זייערע פּעק, נאָר זיי דערלאַנגען נאָך אַ בריק אין הינטן און הייסן גיין. אָבער דער דאָזיקער ווייסער האָט אים דערלאַנגט זעקס פּענעס. און אזוי וואָכן און חדשים. איצט איז ער געווען שטאָלץ מיט זיין פאַרמעגן און דאָס פארגליכן צו די גראָשנס, וואָס זיין מאמע באקומט פאר איר שווערער ארבעט ביים וואַשן וועש, מאַנגלען, פּלעטן און פאַרריכטן. און אָט האָט ער באַשלאָסן א גרויסן חלק פון זיין פארמעגן צו שענקען זיין ווייסן חבר. אמת, פאר אַ ווייסן איז אַ שילינג א קליינע סומע, אָבער האַססין וועט עס געוויס צונוץ קומען.

פארגעסן האָט זולו די קלעפּ וואָס ער האָט פון זיין חבר באַקומען. עס איז אים ניט געווען שווער זיך צו שיידן מיטן שילינג. פון קינד־וויַיז אָן איז ער געוווינט געווען טיילן זיך מיט אַלץ. אַזוי טיילט זיך זיין מאַמע מיטן טעפּל מילי־פּאַפּ מיט אירע הונגעריקע שכנים, אַזוי פלעגט זיך טיילן זיין טאַטע מיטן לעצטן שטיקל קיי־טאַבאַק, וואָס ער פלעגט טאָג איין, טאָג אויס קייען.

* * *

זולו איז געפאָרן אין אַ וואַגאָן וואָס איז געווען נאָענט צום לאָקאָמאָטיוו. ער איז געפאָרן מיט אַ סך אַנדערע שוואַרצע קינדער. ביי יעדער סטאַנציע פלעגן אַריין אַלץ מער שוואַרצע קינדער מיט זייערע לערערס. אויפן גאַנצן וועג איז אין וואַגאָן געווען אַ גרויסע ענגשאַפט. מען איז געזעסן שטאַרק צונויפגעדריקט. עטלעכע לערערס האָבן אַפילו געפּרוווט עפּעס איינזינגען מיט די קינדער פון זייערע כאָרן, אָבער צוליב דער ענגשאַפט איז עס געווען אוממעגלעך.

האַססי איז געפאָרן אין דעם זעלבן צוג. ער איז געווען פאַרנומען מיט קוקן אין דרויסן. באַלד פון אָנהייב האָט ער פאַרנומען אַ פּלאַץ ביי אַ פענצטער, פעסט אָנגעהאַלטן זיך אָן דער ראַם פון פענצטער און זיך ניט געלאָזן אָפּשטויסן. ער האָט געשלונגען מיט זיינע אויגן אַלץ וואָס ער האָט געזען אויפן וועג. אַלץ האָט אים אינטערעסירט: די רעלסן, די טעלעגראַפן־סלופּעס וואָס האָבן זיך האַסטיק געשלייכט פאַרביי דער באַן, די מענטשן וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק באַגריסט, געפאָכעט מיט די הענט און געשריען צו דער פאַרבייגייענדיקער באַן פול מיט קינדער — אַלץ איז געווען ניי, אויף אַלץ האָט ער געוואָרפן זיינע נייגעריקע אויגן.

אין שטאָט האָט מען אַלע קינדער אָפּגעפירט אין אַ פּאַרק, ווו עס זיינען געשטאַנען לייוונטענע ביידלעך צוגעגרייט, מיט דעקעס און מיט שטרוי אויף דער ערד. פאַר די ייִנגערע קינדער זיינען געווען אויפגעשלאָגן הילצערנע בעטלעך־נאַרעס.

די שוואַרצע קינדער האָט מען אָפּגעפירט צום „לאָקיישן", ווו פאַר זיי זיינען אויך געווען צוגעגרייט לייוונטענע געצעלטן. דריי טעג האָבן די קינדער מאַרשירט אין גרופּעס באַגלייט פון זייערע לערערס, פון איין גאַס אין דער אַנדערער, באַזוכט דעם מוזיי, די בילדער־אויסשטעלונג, געווען אויף דער אַגריקולטור־אויסשטעלונג, אין עטלעכע קינאָס און אויך געזען אַ פאָרשטעלונג אין אַ טעאַטער.

האַססי האָט צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער מאַרשירט אין די רייען, געקוקט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צו די העכסטע שטאָקן פון די גרויסע מויערן, געקוקט אַ פאַרחידושטער אויף די טראַמווייען, וואָס האָבן מיט ליאַרעם און געקלינגעריי זיך געשאַרט איבער די רעלסן אין מיטן שטאָט. אים האָט פון דעם אַלעם געשווינדלט אין קאָפּ, אָבער קיין זאַך איז ניט געווען גענוג פאַר אים. ער וואָלט גע־וויס פאַרגעסן צו עסן ווען ניט די לערערס, וועלכע האָבן פּינקטלעך צוועלף דעם זייגער ביי טאָג און פינף פאַרנאַכט זיי אויסגעשטעלט אין רייען, אוועקגעפירט צו די פּאַלאַטקעס אין פּאַרק, ווו עס האָבן גע־וואַרט געדעקטע טישן און פרויען אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי באַרמהאַר־ציקע שוועסטער, האָבן באַדינט די קינדער: געשניטן לאַבנס ברויט, געשמירט מיט פּוטער, געטיילט פולע טעלער מיט זופּ, פלייש און גרינסן.

אין די דריי טעג האָט האַססי זולון ניט געזען, ווייל בעת די ווייסע קינדער האָבן מאַרשירט פון איין אויסשטעלונג צו דער צווייטער האָבן די שוואַרצע קינדער זיך געאיבט און רעפּעטירט זייערע גע־זאַנגען, וואָס זיי האָבן געדאַרפט זינגען אויפן קאָנצערט דעם דריטן אָוונט פון זייער אויפהאַלטן זיך אין שטאָט. נאָר אין דער צייט, וואָס די ווייסע קינדער זיינען געגאַנגען עסן, האָט מען די שוואַרצע קינ־דער געפירט צו די אויסשטעלונגען. מען האָט זיי געפירט געשווינד, געיאָגט פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין גאַס אין דער אַנדערער. נאָר אין איינצלנע פאַלן האָט מען זיי געגעבן דערקלערונגען וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען. שנעל האָט מען זיי געפירט פון איין גע־ביידע צו דער צווייטער, און צוויי אַזייגער נאָך מיטאָג האָט מען זיי שוין צוריקגעפירט צום „לאַקיישן“.

* * *

דער אָוונט פון דריטן טאָג איז געקומען אַ פאַרכמאַרעטער. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. אויף אַ גרויסן פּלאַץ ביים „לאַקיישן“ האָט מען אויסגעשטעלט צייטווייליקע זיץ־פּלעצער — ערטער פאַר ווייסע צושויער. עס איז זיך צונויפגעקומען אַ גרויסער עולם ווייסע מענטשן און זיי האָבן פאַרנומען די צוגעגרייטע בענק. די שוואַרצע זיינען דרך־ארצדיק געשטאַנען אָן אַ זייט. דער כאָר פון די שוואַרצע קינדער האָט זיך אויסגעשטעלט אין מיטן פון פּלאַץ אין רייען, ווי סאָל־דאַטן. עס זיינען געווען אַרום פופצן הונדערט שוואַרצע קינדער מיט

זייערע לערערס, וואָס האָבן געזאָלט באַווייזן די ווייסע זייער קונסט. דאָס האָט אויך געזאָלט זיין אַ דאַנקבאַרקייט־אויסדרוק פאַר דער גאַסטפרײַנדלעכקייט. די לערערס זײַנען פאַרסאָפּעטע און פאַרשוויצטע געלאָפן דורך די רייען, זיי אויסגעגלייכט און צום וויפלטן מאָל אָנגעזאָגט ווי זיך צו האַלטן. דער ווינט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און די קינדער האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט. אַנדערע, מוטיקערע, האָבן אָנגעהייבן טופן מיט די פיס און אונטערשפּרינגען, כדי זיך צו דערוואַרעמען. די לערערס האָבן אויף זיי געהאַלטן אַן אויג און תיכף אָפּגעשטעלט די ניט דיסציפּלינירטע זשעסטיקולאַציעס. מען האָט געוואַרט אויף עטלעכע הויכע געסט. ענדלעך, נאָך אַ פאַרשפּעטיקונג פון אַ האַלבער שעה, זײַנען עטלעכע אויטאָס אָנגעקומען אויפן פּלאַץ. דער שוואַרצער אָרגאַניזאַטאָר פון קאָנצערט האָט באַגריסט די געקומענע און געוואָלט זיי אָנווייזן זייערע ערן־פּלעצער, אָבער זיי האָבן זיי ניט געוואָלט פאַרנעמען: „אין אזא קאַלטער נאַכט", האָבן זיי געזאָגט, „איז באַקוועמער צו זיצן אין אויטאָ און פון דאָ הערן דעם קאָנצערט".

דער שוואַרצער דיריגענט האָט דאַן אַ פאַך געטאָן מיט זיין שטעקל און די קינדער האָבן אָנגעהייבן זינגען. עס איז געווען אַ לויבגעזאַנג פאַר די ווייסע, פאַרפאַסט פון איינעם פון די שוואַרצע לערערס. די ווייסע האָבן די ווערטער ניט פאַרשטאַנען, זיי האָבן נאָר געהערט טענער, וועלכע האָבן זיך געריסן פון פופצן הונדערט קינדערשע העלדזער אין דער ארומיקער לופט און זיך געפלאָכטן ווי שנירלעך פּערל. די טענער האָבן זיך געביטן, ווי בילדער אין אַ קינאָ, און דער עולם איז געזעסן פאַרכישופט, ניט געפילט די קעלט און פאַרגעסן אַן שניידיקן ווינט. זיי האָבן נאָר פאַרנומען דאָס האַרמאָנישע זינגען פון די שוואַרצע קינדער.

האַססי איז געווען איינער פון אַ פּאָר צענדלינג ווייסע קינדער, וועלכע מען האָט געבראַכט צום קאָנצערט. ער איז געזעסן און זיך איינגעהערט צום זינגען פון די שוואַרצע, אָנגעשטרענגט שאַרף זײַנע אויערן אויפצוכאַפּן דעם קול פון זיין חבר זולו. צום סוף האָט דער רעגן, וואָס האָט אָנגעהייבן גיסן מיט אַ טראָפּישער שנעלקייט, דעם עולם צעטריבן. מען האָט געזוכט ערטער זיך אויסצובאַהאַלטן, און איינער אַ ווייסער, וואָס איז געזעסן אין אַן אויטאָמאָביל, האָט באַפוילן פונאַנדערלאָזן די קינדער.

אויף מאָרגן איז האַססי מיט זיינע חברים געפאָרן אהיים. אין ערשטן וואַגאָן, לעבן לאָקאָמאָטיוו, זיינען געפאָרן די שוואַרצע קינדער, צווישן זיי אויך זולו, וואָס האָט זיך געהאַט שווער צוגעקילט אויפן קאָנצערט. ער האָט איצט געפּיבערט און זיך געטוליעט אין זיין דעקע.

דריי טעג נאָך זיין קומען אהיים איז זולו פון דער פארקילונג געשטאָרבן. האַססי האָט זיך וועגן דעם דערוווסט פון אנדערע קינ־דער, ביי וועלכע ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף זולון.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. א דערשראָקענער איז ער אוועק־געלאָפן אהיים. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער זיך ארומגעדרייט אין שטוב, ניט ווויסנדיק וואָס עס טוט זיך מיט אים. אויף מאָרגן, קוים האָבן די לעקציעס אין שול זיך געענדיקט, איז ער גיך אוועק אהיים, אָפּגעוואַרט ביז זיין מאַמע איז ארויס פון קיך, געכאַפּט א פּאָר טע־לער און זיי באַהאַלטן אין זיין העמד. אין הויף, אין אַ ווינקל, האָט ער די טעלער צעבראָכן אויף קליינע שטיקלעך און זיי פארבאהאלטן אין די קעשענעס. ער האָט זיך דאַן געלאָזט גיין צום בית־עולם. ער איז אריבער די וואַנט צום שוואַרצן בית־עולם און גענומען זוכן דעם פרישן קבֿרל פון זיין חבר. ער האָט געפונען צוויי נייע בערגלעך זאַמד. ניט וויסנדיק ווו זולו ליגט, האָט ער אויסגעליידיקט די קעשע־נעס און באַשאָטןביידע קבֿרים מיט די שערבלעך פון די טעלער...

געביטן דעם נאָמען

א.

יאָהאַנעס האָט געשטופּט זיין וועגל, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּרוכט און גרינס. ער האָט געשטופּט שווער, ווייל דער וועג האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף. פאַרביי אים זיינען פאַרבייגעלאָפן אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן טרומייטערט מיט חוצפּה, פאָדערנדיק דעם וועג. ער האָט מיט מי געקערעוועט דעם וועגל אָן אַ זייט אויף צו לאָזן דורכפאָרן די ליידיקע אויטאָס צום באַרג אַרויף. זיי זיינען געפלויגן ווילד, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ געלבן שטויב.

אַ שווערע פּרנסה האָט יאָהאַנעס זיך אויסגעקליבן: פאַרטאָג, אײדער די זון איז נאָך אַרויס, פלעגט ער אוועקגיין פון זיין היים, שטופּנדיק דאָס וועגעלע צום מאַרק. געווען טעג, ווען ער פלעגט איינקויפן די פּרוכט און די גרינסן געשווינד, און אָן אָנגעלאָדענער פירן זיין סחורה צו די קונדן. עס זיינען אָבער אויך געווען טעג, ווען מען האָט אויפן מאַרק קיין זאַך ניט געקאָנט קויפן און מען האָט געמוזט זיך ווענדן צו די הורט־הענדלער. ביי זיי האָט מען געדאַרפט צאָלן מער און וואַרטן ביז עמעצער פלעגט זיך אַרומקוקן אויף אים. ביי זיי האָט ער געמוזט שטיין אָן אַ זייט און וואַרטן ביז מען פלעגט אָנלאָדן די שווערע לאַסט־אויטאָס. די גרויסע קונים האָבן זיך ניט געדאַרפט בעטן מען זאָל זיי העלפן און צוטיילן אַ קעסטל עפּל, אַ פּאָר זעקלעך אַפּעלסינען און אַ ביסל גרינס. זיי, די ווייסע, איז מען געגאַנגען אַנטקעגן, געהאָלפן אײ אויסקלייבן, אײ אָנלאָדן. ער, יאָהאַנעס, האָט געדאַרפט שלעפּן אַליין און צונעמען מיט דאַנק וואָס מען האָט געגעבן, און אַלץ צוליב זיין נאָמען — יאָהאַנעס מעקאַטלאַנע — אַ נאָמען פון אַ שוואַרצן, וואָס אין זיין געבוירנלאַנד באַדייט עס: אַקערן, זייען, גראָבן און בויען. דאָרט זיינען אַלע מענטשן, די וועמענס קערפּערס זיינען שוואַרץ, ברוין, העל־ברוין, כמעט געלב־

לעך, ווי יאָהאַנעס. אפילו העל־ברוין, אָט ווי דער באַלעבאָס פון דער קאַפע, פארביי וועלכער ער שלעפט איצט זיין וועגל. דאָרט, אין דער קאַפע, שטייט א ווייסער, וועלכער איז, האָט יאָהאַנעס פיל מאָל גע־טראַכט, ניט פיל ווייסער פון אים, פון יאָהאַנעסן: די זעלבע געל־ברוינע הויט, שוואַרצע אויגן, גראָבע ליפּן, אפילו געקרייזלטע האָר. נאָר יענעמס נאָמען קלינגט אנדערש און ער געפינט זיך צווישן יענע גליקלעכע, וואָס האָבן אלץ, צו וועלכע עס געהערט דאָס בעסטע פון לאַנד. ער, מעקאַטלאַנע, דאַרף שווער שטופּן א וועגעלע און מיט מי זוכן זיינע קונדן. יענער, דער ווייסער, שטייט אין דער שיין־אויפ־געראַמטער, גוט־אויפגעלייגטער שאַפּ און וואַרט אויף זיינע קונדן.

מעקאַטלאַנע האָט שווער אָפּגעזיפּצט. ארויפקומענדיק אויפן שפּיץ באַרג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט איבערצוכאַפּן זיין אָטעם. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים. דאָ האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט געגלעט און געקילט זיין פּנים. זיך אָפּגערוט אַ פּאָר רגעס האָט ער ווידער זיך גענומען שטופּן דאָס וועגל: דאָ, לעבן קאַפע, האָט ער ניט געטאָרט זיך אָפּשטעלן, פּאָלי־ציי האָט אים שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט אז ער טאָר ניט שטיין און האַנדלען לעבן דער קאַפע־שאַפּ פון ווייסן. אַמאָל האָט ער ביי דעם דריטן הויז פון קאַפע געהאַט אַ פּאָר קונדן, וועלכע פלעגן פון אים קויפן פרוכט, האָט דער אייגנטימער פון קאַפע־שאַפּ אים פאַר־מסרט ביי דער פּאָליציי. זינט דאַן שטעלט ער זיך מער ניט אָפּ ביי יענעם הויז.

ער שטופּט ווידער זיין וועגעלע. ער גייט באַרג אראָפּ. מען מוז אים דאָ איינהאַלטן, טאָרמאָזירן, כדי עס זאָל זיך ניט אראָפּקייק־לען מיט אימפּעט. עס איז אים ווידער שווער. ער שוויצט און פרייכט. אין מיטן וועג שטעלט אים אָפּ א ווייסע פרוי. זי קויפט פּאָר א פּאָר שילינג גרינס און באַטראַכט אַפּריער גוט יעדן בינטל; זי וועגט דעם „קאָפּ" קרויט אין האַנט און זוכט אויס אַ שווערערן; זי זוכט אויס עט־לעכע גאָר גרויסע באַנאַנעס און באַצאָלט פּאָר אלץ. יאָהאַנעס וויל איר איינריידן צו קויפן נאָך, נאָר זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ווען זי גייט אוועק ציילט ער איבער דאָס געלט, ער נעמט ארויס צוויי פּענעס און לייגט עס זאָרגפעלטיק אריין אין אַ קליין בייטעלע, וואָס הענגט אויף אַ שטריקל ארום זיין האַלדז. דאָס איז געלט וואָס ער שפּאָרט. אַמאָל, ווען ער האָט געטראָגן צוויי גרויסע קוישן מיט פרוכט, פלעגט

ער אויך אָפּליגן זיינע פּענעס צו קויפן א שטופּ־וועגעלע. איצט, אז ער האָט שוין דאָס וועגל איז אים שווערער געוואָרן צו שפּאָרן, ווייל ער האָט חתונה געהאַט. זיין דזשעניע איז א העל־ברוינע מיידל מיט דינע ליפּן און א שמאָל נעזל. פריער האָט זי געארבעט אין אַ קליידער־פאַבריק און איצט העלפט זי מיט אין דער חיונה מיט וואַשן וועט פאר ווייסע באַלעבאַטים. עס איז א שווערע ארבעט. אַ גליק וואָס איר אלטע מאַמע גיט אכטונג אויף די פיר קינדער, וועלכע זיינען געקומען אין די זעקס יאָר נאָך דער חתונה. דער עלטסטער איז איצט פינף יאָר אלט און זעט אויס ווי זיין מוטער, נאָר האָט אַ העלערע הויט...

אין דעם אויגנבליק איז פארבייגעפאָרן א גרויסער משא־וואָגן און באלד זיך אָפּגעשטעלט מיט א סקריפּ און געררויש פון די טאָר־מאָזן. יאָהאַנעס האָט געזען ווי א קליין יינגל, ניט באמערקנדיק דעם אויטאָ, האָט זיך געיאָגט נאָך זיין פּילקע און איז קוים ניצול געוואָרן פון כמעט ארונטער די רעדער. זיין האַרץ האָט אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן פון שרעק און דערלייכטערונג, אז דאָס קינד איז ארויס ניט באַשעדיקט. אָט אזוי זעט אויס זיין דזשימי, און אזוינס קאָן זיך דאָך אויך טרעפן מיט אים, און אפשר נאָך ערגער. דזשימי שפּילט זיך אויך דעם גאַנצן טאָג אין גאַס מיט אַ פּילקע. ער האָט האסטיק אַ שטופּ געטאָן זיין וועגל, ווי וועלנדיק אוועקשטופּן די שלעכטע געדאַנקען. ווען ער וועט ווערן זעקס יאָר אלט וועט ער אים שיקן אין אַ שול. דאָרט וועט ער זיך ניט געפינען אין געפאַר פון איילנדיקע אויטאָמאָבילן, דאָרט וועט ער ווערן אַ מענטש און דערלעבן א בעסערע צוקונפט ווי זיין טאַטע. אייניקע קונדן האָבן אים אָפּגעשטעלט און געטאַפּט די סחורה, זיך שטאַרק געדונגען, און כאָטש ער האָט זיין סחורה היינט פארקויפט א סך ביליקער, האָט ער ניט פארגעסן אראָפּצונעמען די פּעני, צושטייער פאר זיין זונס בילדונג. אזוי איז ער געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, זיך אָפּגעשטעלט ביי הייזער, וווּ ער האָט געהאַט קונדן, איז אריין אין הויף, אָנגעקלאַפּט אין הינטערשטע טירן. אין מאַנכע הייזער פלעגט אמאָל די שוואַרצע דינסט צי די קעכין אים מכבד זיין מיט אַ טעפּעלע טיי, אָדער געבן עפּעס עסן. זעלטן ווען האָט א ווייסע באַלעבאָסטע גערעדט מיט אים, זיך אויסגעפרעגט אויף זיין פאמיליע. אָפט פלעגט ער אָפּקויפן פון די קונדן אלטע קליידער און שיך פאר זיינע קינדער. אין איינצלנע פאַלן האָט א באלעבאָסטע

אים געשאָנקען אַן אַלטן בגד. און שפּעט אין אָוונט פלעגט ער קומען מיט דעם האַלב־אויסגעליידיקטן וועגל צו זיך אהיים.

* * *

אין א וויטן געסל, אין דער גרויסער שטאָט, איז געשטאַנען דער אַלטער מויער מיט אַן איינגעפאַלענעם צעבויגענעם דאַך, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי א פרישטשעוואַטער באַרג באַדעקט מיט גרויסע בראָדעווקעס — די שטיינער און פאַרראָסטע בלעכן. די פענצטער האָבן ארויסגעקוקט פון צעבראָכענע ראָמען מיט שויבן, וואָס האָבן געטראָגן גרויסע לאַטעס פון טאָוול, ווי בעלמעס אויף אויסגעלאָשענע אויגן. אין אָט דעם מויער האָט יאָהאַנעס געהאַט זיין דירה — אַ צי־מער, וואָס איז געווען קליין און ענג ווי אַ קעסטל שוועבעלעך. דאָרט האָט ער געלעבט מיט זיין ווייב, פיר קינדער און דזשעניעס מאַמען. דאָס צימער איז געווען צו ענג פאַר אלעמען, זיינען זיי טאַקע דעם גרעסטן טייל פון טאָג געווען אין דרויסן. זיין ווייב און שוויגער זיי־נען געזעסן אויף א טרעפּל אין די טונקעלע פאַרנאַכטן און ביים שיין פון א דערבייאיקער גאַסן־לאַמטערן פאַרריכט צעריסענע מלבושים. אלע פיר קינדער האָבן געלעבט אין גאַס, זיך געשפּילט און זיך ארומ־געריסן מיט צענדליקער אַנדערע איינגעריכטע, צעמזיקטע קליינ־וואַרג.

יאָהאַנעסן פלעגן זיינע קינדער באַגעגענען מיט א פריידיקן ליאַ־רעם און מיט שיינענדיקע אויגעלעך שטרעקן זייערע הענטלעך צו די פּרוכט. יאָהאַנעס האָט פאַר די קינדער שטענדיק געהאַט פּרוכט. אמת, עטוואָס באַשעדיקטע, אָבער אַלץ בעסער פאַר די, וואָס די אַנדערע קינדער פלעגן קריגן. די שכנישע קינדער פלעגן טאַקע באַלד זיך ארומשטעלן ארום זיין וועגל מיט דער האָפענונג צו באַקו־מען אַ פאַרפוילטע באַרנע אָדער אַן עפּל. יאָהאַנעס פלעגט טאַקע עטלעכע פירות צעטיילן, די איבעריקע פלעגט ער אריינשיטן אין זעק און ארויפטראָגן צו זיך אין צימער.

נאָכן ארומוואַשן זיך און אָפּעסן פלעגט יאָהאַנעס זיך זעצן אי־בערציילן זיין פדיון פאַר דעם טאָג. באַלד דערנאָך האָט ער גע־ציילט דאָס אָפּגעשפּאָרטע פון בייטעלע: „נאָר צוויי שילינג און זעקס פּענעס", פלעגט ער טרויעריק שאָקלען מיטן קאָפּ, אָבער באַלד צור־געגעבן, זיך ווענדנדיק צו זיין פרוי: „בישקשה, ביסלעכווייז וועל איך

שפּאָרן געגנוג צו קויפן פאַרן יינגל נייע קליידער און ביכער פאַר דער שול". און ווי אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע רייד פלעגט ער אויפהייבן דעם פאַרפּאַטשקעטן בחורעץ אין דער הויך און זאָגן מיט שטאָלץ, ווי עס וואָלט שוין געווען פאַרווירקלעכט:

„אַט אזוי הויך, דזשימי, וועסטו זיין, און דו וועסט זיין א געביל־דעטער מענטש".

דזשימין איז געפעלן דאָס הייבן אים אין דער הויך, איז ער ארויס מיט א הילכיקן קוויטש:

„לאָמיר רייטן אויף דיר, דעדי!" יאָהאַנעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„געלערנטע יינגלעך רייטן ניט אויף מענטשן", האָט ער גע־זאָגט. „אז דו וועסט זיך לערנען גוט אין שול וועסטו קריגן אַ „ביי־סיקל" אויף צו רייטן". טאַטע און זון האָבן זיך געפרייט מיט דעם צוזאָג.

* * *

דאָס יאָר איז פאַרביי. דער לערן־זמן האָט זיך אָנגעהייבן. יאָ־האַנעס איז דעם טאָג אויפגעשטאַנען זייער פרי, זיך ארומגעוואַשן, אָנגעטאָן א ריינע העמד און אָנגעטאָן דזשימין זיינע נייע בגדים. נאָכן פרישטיק גענומען דעם זון פאַרן האַנט, אים ארויפגעזעצט אויפן וועגל אויף וועלכן ער האָט יעדן טאָג געפירט זיינע פירות און גרינצייג און אים אוועקגעפירט אין אַ שול פאַר קאָלירטע קינדער. אויפן הויף פון שול האָבן שוין צענדליגגער טאַטעס און מאַמעס גע־וואַרט אויפן פרינציפּאַל פון שול, כדי צו פאַרשרייבן זייערע קינדער. יאָהאַנעס האָט זיך געדולדיק געשטעלט וואַרטן. אז זיין ריי איז גע־קומען איז ער צוזאַמען מיט דזשימין אריין אין ביוראָ און געבעטן דעם לערער פאַרשרייבן זיין זון אלס תלמיד. דער לערער האָט געוואָרפן אַ פאַרשטאַנדיקן בליק אויף פאָטער און זון, ארויסגעצויגן פון אַ שופ־לאָד א געדרוקטן בויגן פּאַפּיר און געפרעגט יאָהאַנעסן, צי קאָן ער אויספילן די ענטפערס. יאָהאַנעס האָט שעמעוודיק געענטפערט, אז ער האָט זיך אויסגעלערנט נאָר ציילן און רעכענען, אָבער לייענען און שרייבן קאָן ער ניט. דער פאַרוואַלטער האָט גענומען זיין פעדער גרייט צו שרייבן פאַר אים.

„אייער נאָמען, ביטע", האָט ער געפרעגט.

„יאַהאַנעס מעקאַטלאַנע״.

דער לערער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„מיר נעמען ניט אָן קיין שוואַרצע קינדער, אונדזער שול איז נאָר פאַר קאָלירטע״.

„און וואָס בין איך דען, און וואָס איז דזשימי?״ האָט יאָהאַנעס געפרעגט. „אָט קוקט אונדז אָן, מיר זיינען דאָך כמעט ווייס״.

דער לערער האָט אָבער געהאַלטן כסדר אין איין איבערחזרן זיין נאָמען:

„מעקאַטלאַנע! ניין, דאָס איז ניט קיין נאָמען פון אַ קאָלירטן. ווענדט זיך בעסער צו אַ שול פאַר שוואַרצע, אפשר וועלן זיי אָננעמען אייער זון״.

יאָהאַנעס האָט נאָך געוואָלט ריידן און איינטענהן, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס וועט ניט העלפן, דער לערער וועט אים ניט הערן.

אַ פאַרקלעמטער איז ער אַרויס אין גאַס, צוריק אַרויפגעזעצט זיין זון אויפן וועגל, געשטופּט אים ווידער דורך די גאַסן פון שטאָט. באַלד איז ער צוגעקומען צו אַ שול פאַר שוואַרצע קינדער. ער האָט אָבער אָפּגעקערט זיין קאָפּ און פעסט געשטופּט דעם וועגל, כדי וואָס גיכער פאַרבייצוגיין די שול. אָבער באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם וועגל און איז צוריק אוועק צו דער שול פאַר שוואַרצע קינדער. דאָרט האָט ער ווידער לאַנג געוואַרט ביז ער איז צוגעקומען צום פאַרוואַלטער. יענער האָט נאָר אויסגעהערט זיין פאַר־לאַנג און אים גלייך געזאָגט, אַז פאַר קאָלירטע קינדער האָבן זיי קיין אָרט ניט אין דער שול.

„אָבער איך בין ניט קיין קאָלירטער״, האָט יאָהאַנעס אַ פאַר־צווייפלטער פּראָטעסטירט, „מיין נאָמען איז יאָהאַנעס מעקאַטלאַנע״.

„יאָ, אַ שיינער נאָמען פאַר אַ שוואַרצן״, האָט דער לערער אים געזאָגט, „אָבער אייער זון איז דאָך כמעט ווי ווייס, ער וועט זיין אומ־גליקלעך אין שול. אַ האַלב־ווייסער וועט ער זיך געוויס ניט צופּאַסן צו אונדזערע שוואַרצע קינדער״.

יאָהאַנעס האָט אַרויסגעשטופּט דעם וועגעלע אויף וועלכן דזשימי איז געזעסן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין היינטיקע משא איז אים שווערער ווי אַלע מאָל. שפּעט נאָך האַלבן טאָג האָט ער דזשימין אַהיים געבראַכט.

ב.

אַז מען פלעגט חיימען מאַנכמאָל זאָגן, אַז ער זעט ניט אויס ווי אַ ייד, פלעגט ער מיט צופרידנקייט שמייכלען. זיינע עלטערן האָבן אים אין זיין יוגנט געגעבן אַ יידישע דערציאונג: געשיקט אין חדר, מיט גרויס פּאַראַד געפּראַוועט זיין בר־מצווה, פרייטאָג אָוונט און שבת פרי געשיקט רעגולער אין שול דאַווענען. דאָס אַלץ האָט אָבער חיימען ניט געמאַכט פאַר קיין גוטן יידן. אין באַנק, וווּ ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן באַלד ווי ער האָט אויסגעהאַלטן זיין מעטריק־עקזאַמען, האָט ער זיך געפונען אין אַ ניט־יידישער סביבה: אַלע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע זיינען געווען ניט־יידן. ער האָט זיך באַ־פריינדעט מיט אייניקע פון זיי, אָנגעהייבן גיין מיט זיי צו טענץ און פאַרוויילונגען, געשפּילט צוזאַמען מיט זיי „טעניס" און „קריקעט" און כמעט ניט געקומען אין באַרירונג מיט יידישע חברים. טאַטע־מאַמע האָבן אים גערופן חיים, פאַר זיינע פריינד איז ער געווען קע־נעטהי. זיין טאַטע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס, הערנדיק דעם דאָזיקן נאָמען. ער האָט דערקלערט זיין זון, אַז דעם נאָמען חיים טראָגט ער נאָך אַ פרומען זיידן, אַ גרויסער למדן, אָבער דער זון האָט אים צוריק דערקלערט, אַז אין באַנק איז דער נאָמען חיים פאַר אים אַ שטער. עס איז גענוג אַז ער טראָגט אַזאַ עקזאָטישן פאַ־מיליע־נאָמען ווי באַבענטשינסקי. מיט אַזעלכע צוויי יידישע נעמען קאָן מען אין באַנק זיך ניט דערשלאָגן צו אַ העכערן פּאָסטן. איז ער שוין געבליבן ביי דעם נאָמען „קענעטהי", נאָר ווען טאַטע־מאַמע האָבן געשמועסט וועגן זון צווישן זיך איז ער ביי זיי געווען חיים.

* * *

אַז קענעטהי האָט זיך באַקענט מיט עוועלין, איז ער אין איר היים געוואָרן אַ גאַסט. אַלע פרייע שעהן האָט ער דאָרט פאַרבראַכט. עוועלין איז געווען שיין, שלאַנק, מיט אַ קאָפּ שוואַרצע האָר און בלויע אויגן. ער האָט זי געטראָפן אויף אַ טאַנץ און תיכף זיך אין איר פאַר־ליבט. ער האָט געטראַכט וועגן חתונה האָבן, אָבער ניט וועגן דעם אַז זיינע עלטערן וועלן דערפון האָבן פאַרדרוס. דאָס מיידל אָבער האָט מיט אַ יידן ניט געוואָלט חתונה האָבן, זי איז געווען אַן אַריערין, דערצויגן אין רוימיש־קאַטוילישן גלויבן און פרום. זי האָט קענעטהין טאַקע דערקלערט, אַז כאָטש זי האָט אים אויך ליב און פאַרברענגט

מיט אים גערן, דאָך וועט זי זיך ניט אָפּזאָגן פון איר רעליגיע און קאָן דעריבער מיט אים ניט חתונה האָבן. קענעטהין האָט די דאָזיקע דערקלערונג שטאַרק נידערגעשלאָגן. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען: איר זאָגן אַז ער וועט בייטן זיין גלויבן, ער וועט אָננעמען דעם רוימיש־קאַטוילישן גלויבן. ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ גיכער און גרינגער אויסבייט פון גלויבן וועט עוועלין ניט באַפרידיקן.

עס זיינען פאַרביי מאָנאַטן און קענעטהי איז אַלץ אַרומגעגאַנגען מיט עוועלין, פאַרבראַכט מיט איר אין אַלע זיינע פרייע מינוטן און דיסקוטירט זייערע שותפותדיקע פּראָבלעמען. ענדלעך האָט זי איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אים מיט דעם באַדינג: אויב זיי וועלן האָבן קינדער זאָל מען זיי אויפהאָדעווען אין רוימיש־קאַטוילישן גלויבן. האָט קענעטהי קיין גרויס פּאַראַד פון זיין חתונה ניט געמאַכט: זיי זיינען אַוועק אין מאַגיסטראַט און זיך רעגיסטרירט. שפּעטער געמאַכט אַ מאַלצייט אין אַ בעסערן האָטעל, צו וועלכן עס זיינען געווען געלאַדן זיינע פריינד און באַקאַנטע. קענעטהיס טאַטע־מאַמע זיינען צום מאַלצייט ניט געקומען...

עטלעכע מאָנאַטן האָט דאָס יונגע פּאָר פּאָלק געלעבט אין אַ דירהלע. עס איז פאַר זיי געווען באַקוועמער. ביידע האָבן געאַרבעט, ער אין באַנק און זי אַלס סטענאָגראַפיסטין. עטוואָס שפּעטער האָט קענעטהי געקויפט אַ הויז. עוועלין איז אַוועק פון איר שטעלע: זי האָט באַשלאָסן צו פירן די הויז־ווירטשאַפט. זי האָט באַזאָרגט די מעבל, געפּוצט און געריניקט, אויפגעהאַנגען בילדער און גאַרדינען, און צוויי מאָל אַ וואָך געפאָרן צום מאַרק איינקויפן פּרוכט און גרינס.

איין טאָג האָט יאַהאַנעס מעקאַטלאַנע אָנגעקלאַפּט אין קיך־טיר און פאָרגעלייגט זיין סחורה. עוועלין איז געווען צופרידן מיט די פּרייזן און זי האָט אים געבעטן קומען אָפטער, כדי זי זאָל זיך פאַרשפּאָרן דאָס פאָרן צום מאַרק. איין מאָל האָט זי באַמערקט, אַז פון דאָס געלט, וואָס זי האָט אים באַצאָלט, נעמט ער אַראָפּ עטלעכע פּעניס און לייגט זיי אַריין אין אַ ספּעציעלן בייטעלע, וואָס הענגט אַרום זיין האַלדז. זי האָט אים געפרעגט צוליב וואָס טוט ער עס.

„דאָס איז פאַר מיין עלטערן זון אויף צו באַצאָלן פאַר דאָס לערנען, מיין דזשימי מוז קאָנען לייענען און שרייבן און האָבן אַ בעסערע מערכה ווי זיין טאַטע“.

און איטלעך מאָל, ווען יאָהאַנעס פלעגט קומען, האָט ער געהאַט איר עפּעס וואָס צו דערציילן. איין מאָל איז ער געקומען מיט א טאָג שפּעטער. ער האָט זיך שטאַרק אַנטשולדיקט פאַר דער פאַרשפּעטי־קונג, דאָס איז געקומען צוליב דעם וואָס ער האָט פּרובירט אַריינגעבן זיין דזשימין אין אַ שול. אין איינער האָט מען אים ניט אָנגענומען, ווייל ער האָט אַ נאָמען פון א שוואַרצן, אין דער צווייטער — צוליב זיין קאָליר. ער האָט עס דערציילט מיט טרערן אין די אויגן און גע־וואַרט צו הערן וואָס זי וועט דערויף זאָגן. עוועלין האָט לאַנג גע־שוויגן, ניט געוווּסט וואָס אים צו זאָגן. און הגם דאָ אין לאַנד גע־בוירן און גרויס געוואָרן, האָט זי ווייניק געוווּסט וועגן די שוועריקייטן וואָס אירע שוואַרצע און ברוינע מיטבירגער מוזן דורכמאַכן כדי צו באַקומען בילדונג. מיט אמאָל האָט זי זיך דערמאָנט:

„איך וועל ריידן מיטן פאָטער פון אונדזער קירך, ער וועט געוויס קאָנען איינאָרדענען אייער דזשימין אין אַ מיסיאָן־שול".

יאָהאַנעס האָט איר באַדאַנקט מיט שמחה, אָבער באַלד מיט דעם געוויינטן אומצוטרוי געפרעגט: „אָבער, מאַדאַם, דאָרטן נעמט מען דאָך נאָר אָן קינדער פון אייער רעליגיע?"

„יאָ", האָט עוועלין געזאָגט, „אָבער דזשימי איז דאָך נאָך יונג און ער וועט געוויס ווערן א קאַטאָליק".

יאָהאַנעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

„מיין דזשימי", האָט ער געזאָגט, „וועט קיין קאַטאָליק ניט ווערן, אונדזער גלויבן בייטן מיר ניט. אַ דאַנק, מאַדאַם, פאַר אייער גוטס־קייט", און ער האָט אַרויסגעשטופּט דאָס וועגעלע פון הויף.

אין א צייט אַרום איז מעקאַטלאַנע אַריינגעקומען אין באַבענ־טשינסקיס הויף א מונטערער און א פריילעכער. עוועלין האָט עס באַ־מערקט און געוואָלט וויסן די סיבה פון זיין גוטער שטימונג. האָט יאָ־האַנעס אַרויסגענומען פון א קעשענע אַן אויפגעלייגטע בלאַט פון דער רעגירונגס־צייטונג און איר עס דערלאַנגט. דאָ זיינען געווען געדרוקט אַנאָנסן וועגן געביטענע נעמען. עוועלין האָט געלייענט:

„איך, יאָהאַנעס מעקאַטלאַנע, א קאָלירטער הענדלער פון פרוכט און גרינסן בעט די רעגירונג אומבייטן מיין נאָמען מעקאַטלאַנע אויפן נאָמען פון מיין טאַטן מאַטיא, וועלכער איז געווען א ווייסער. איך וויל בייטן מיין נאָמען, ווייל עס קלינגט ווי דער נאָמען פון א שוואַרצן און צוליב דעם קאָן איך ניט אַריינגעבן מיינע קינדער אין אַ שול פאַר

קאָלירטע; צווייטנס, צוליב זיין העלן קאָליר נעמט מען אים ניט אריין אין א שול פאר שווארצע".

עוועלין האָט פארוואונדערט געקוקט אויף מעקאַטלאַנען. זי האָט ווידער אַ בליק געטאָן אויף די אנאָנסן און באמערקט א נאָטיץ: „איך, קענעטהי (חיים) באבענטשינסקי, אן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, וויל בייטן מיין נאָמען אויף בעל. ערשטנס, ווייל איך געהער ניט צו דער יידישער געמיינדע; צווייטנס, מיין פרוי איז א קריסטין און מיין איצטיקער נאָמען פארשאפט איר אומאנגענעמלעכקייטן".

עוועלין האָט געקוקט אויפן זייטל פון די אנאָנסן און צום שטראלנדיקן מעקאַטלאַנע און איז רויט געוואָרן פון אויפרעגונג.

מאַנגרעלס

איבערגעוויקלט מיט אַ דעקע, וואָס איז געווען פארבונדן איבער אירע אקסלען און דערלאַנגט אונטער אירע אָרעמס, האָט סאָפיע גע־טראָגן איר קינד.

שיטער געקרייזלטע, ווי אין בייטן פאַרזייטע ציבעלעס, האָבן זיך צו דער זון געהייבן שוואַרצע הערלעך אויף אַ רונדן קעפּל, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען ווי א גרויסע ריטער־בולאַווע. דאָס אלץ וואָס האָט זיך ארויסגעזען פון דער דעקע.

אז סאָפיע פלעגט אָבער צוקומען מיט איר לאַנגזאַמען גאַנג, וויגנדיק דעם הינטער־חלק פון איר קערפּער מיט אן אומבאַוווסטזי־ניקן ארויסרוף, מיט אירע זיבן קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן יעדן טאָג פון יאָר, פלעגט מען דערזען, אז דאָס קינד איז געווען אנדערש פון די ארומיקע שוואַרצע קינדער: זיין פּנים איז געווען בלייך, דאָס נעזל שמאָל און די ליפּן זיינען ניט געווען קיין נעגערישע, נאָר דינע שנירלעך פון אַ ווייסן קינד. פלעגט מען טאַקע אָפּטמאָל סאָפיען אָפּשטעלן און פרעגן וועמענס קינד זי טראָגט אויף אירע פּלייצעס — פלעגט סאָפיע, באַנעצנדיק אירע גראָבע ליפּן און ארויסשטעלנדיק צוויי רייען ווייסע ציין אַ ברום טאָן: „מיינער!“, און וואַרפן דאָס וואָרט אזוי ווי מיט גארשטשעס, כדי אלע זאָלן עס הערן: „מיינער!“

„אָבער, סאָפיע“, פלעגט מען זי פרעגן, „ער איז דאָך ניט גאַנץ שוואַרץ, ער איז מער געראָטן אין אַ ווייסן?“ פלעגט סאָפיע, שמייכ־לענדיק און אנטבלויזנדיק אירע פּערלדיק־ווייסע ציין, צייגן מיט א פינגער אין ווייטן פעלד אריין, אויף א פיגור פון א שווארצן:

„אָט איז זיין טאַטע! מיינער און סעמס איז ער, סעם דער גרובן־ארבעטער. קאָנט איר דען ניט זען זיינע געקרייזלטע שוואַרצע האָר?“

„יאָ, אָבער די שטריכן פון זיין פּנים זיינען ווי פון א ווייסן?“

„אַ שוואַרצער איז ער, באַאַס, אַ שוואַרצער קאַפּער, פון מיין בויך ארויס", פלעגט זי דאַן ענערגיש אַ טרייסל טאָן מיטן גאַנצן קערפּער, איבעררייסן דעם שמועס און אוועקגיין וויגנדיק מיט אירע ברייטע היפּטן.

זי פלעגט אָפּט אריינקומען מיטן קינד צו מענדלען אין שאַפּ. מענדל, אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק מיט א גרויסן בויך, וואָס האָט זיך ממש געריסן פון וועסטל און פון די ברייטע, פאַרשמאָלצענע הויזן צו דער זוניקער וועלט, איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט פּאַקן סחו־רה: אויפלייגן דעקעס אויף די פּאַליצעס, און אנדערע סחורות. אז ער פלעגט דערזען סאַפּיען פלעגט ער זיך פאַרגיין אין אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך געקייקלט פון זיין האַלדז, ווי אַ בילן פון א יונג הינטל:

„געקומען מיט דיין ממזר, האַ? זאָג נאָר סאַפּיע, וועמענס וויי־סער ממזר איז ער, דיין זון?" און פלעגט ווידער פאַרגיין אין זיין שיטערן געלעכטער.

פלעגט דאַן סאַפּיע בייז אויסדרייען דעם קאָפּ און ארויסשרייען: „או, או מאַזשוטאַ" (ייד), ווייזן א פויסט און אַ שפּיי טאָן צו דער ערד, אן אויסדרוק פון האַס און עקל צו דעם אלטן קרעמער.

זומערס האָבן געגליט, ווינטערס האָבן געפרירט, חדשים און יאָרן זיינען אוועק אין דער אייביקייט. סאַפּיע האָט איר זון פון אירע פּליי־צעס אראָפּגעוואָרפן. איצט האָט זי אים געפירט פאַר דער האַנט צום יידן אין קראָם. זיין ברוינע, פון דער זון אָפּגעברענטע נאַקעטע הויט האָט געגלאַנצט. ווען סאַפּיע האָט שוין געהאַט איינגעקויפט אלע נייטיקע זאַכן און שוין געווען גרייט צו גיין, פלעגט דאָס קליין נפשל זיך אויפשטעלן אויף די שפּיץ פינגער פון זיינע פיסלעך ביים טאָמ־באַנק און אויסזיינגען מיט אַ דיך, בעטנדיק שטימעלע: „פּאַסעלאַ (מתנה), באַאַס". פלעגט מענדל, דער דיקער קרעמער, אמאָל אוועק־נעמען די האַנט פון האַרצן, פלעגט אריינשטעקן די פאַרפאַטשקעטע פינגער אין קעסטל פון די ביליקע צוקערלעך און ברייט אים דער־לאַנגען א האַלב־פולן הויפן, זאָגנדיק:

„נאַ, ווייסער „באַסטערד" (ממזר), לעב אַ טאָג, עס צוקערלעך!" און דערביי לאַכן, אז אלע, וועלכע האָבן זיך געפונען ארום — דער ווייסער אַנגעשטעלטער, דער שוואַרצער שיק־יינגל און קונדן — פלעגן מיט נייגער קוקן אויפן ברוינעם יינגל און מסכים געווען, אז

ער איז אַ ווייסער ממזר. דער קליינער פלעגט גיך אראָפּשאַרן די צו־קערלעך פון טאַמבאַנק, עטלעכע אריינפּאַקן אין מויל, אויפקלייבן די פּאַר, וואָס זיינען אראָפּגעפאלן אויף דער ערד, און לויפן, ווי אַ יונג פערדל, נאָך זיין מאַמען.

זיין מאַמע האָט אים גערופן ריטשאַרד, אָבער אלע אנדערע — ווייסער „באסטערד", אָדער ריטשאַרד „באַסטערד".

סעם, סאָפיעס מאַן, אַן ארבעטסזאַמער שוואַרצער, אַ הויכער מיט אַ מוסקלדיק שטאַרקן קערפּער פלעגט אויסמיידן צו קוקן אויף ריט־שאַרדן. אז ער האָט אים געדאַרפט עפּעס זאָגן, אָדער ערגעץ שיקן, פלעגט ער נאָר אַ געשריי טאָן: „העי, דו, קום אהער!" ריטשאַרד האָט שוין געוווסט ווען מען מיינט און געהאַרכזאַם, ווי אַן אויס־געלערנט הינטל, פלעגט ער צוקומען אויף זיין רוף.

אין אַ זונטאָג, ווען סעם האָט ניט געאַרבעט אויפן פאַרם, פלעגט ער זיך אויספּוצן אין זיין רעקל מיטן וועסטל און מיט די געקעסטלטע הויזן, וואָס ער האָט איינגעהאנדלט פון זיין באַלעבאָס, דעם פאַרמער, און מיט וואָס ער האָט שטאָלצירט, ווייל דאָס האָט אים געמאַכט אויס־זען איראָפּעאיש, ווי די קלײדער וועלכע ווייסע טראָגן ווען זיי גייען אויף אַ הוליאנקע. אין אַזאַ טאָג פלעגט סעם נעמען זיין שטעקן אין האַנט, ארויפזעצן אַ הוט מיט אַ העלן באַנד אויפן קאָפּ און אוועק־שפּריזן צו דער דערבייאיקער פאַרם, צו זיינע פריינד און באַקאַנטע. דאָרט פלעגט ער זיך אָנזויפן מיט „קאָפּער־ביר", אמאָל אויך אריינ־כאַפּן אַ טראָפּן „בראַנדי" (בראַנפן), אָדער עטלעכע גלעזער ווײן און קומען ביינאַכט אַ שיכורער אַהיים. פון ווייטן, אז סאָפּיע פלעגט דער־הערן דעם ווילדן מאַנאַטאָנעם געזאַנג פון סעמען, פלעגט זי גיך איינוויקלען ריטשאַרדן אין אַ קאָלדרע, אים ארויסטראָגן אין הויף, אים אוועקלייגן אין אַ ווינקל, צי אונטער אַ בוים און אים אָנזאָגן, אז ער זאָל שווייגן.

סעם פלעגט אריינפאַלן אין הייזקע, מיט ניט זיכערע טריט צוגיין צו סאָפּיעס געלעגער, איר באַטאַפּן אין דער פינצטער און אַ געשריי טאָן:

„סאָפּיע, דו הינטישע נשמה, גיב אהער דיין ווייסן „באַסטערד". איך וועל אים דערשטיקן און מאַכן אַ סוף צו אלעמענס געלעכטערס. אלע לאַכן דאָך פון מיר — גיב אים אהער".

סאָפּיע פּלעגט ניט ענטפערן, זיך מאַכן שלאָפנדיק, אָבער דער שיכורער סעם פּלעגט זי אָננעמען פאַר אַ האַנט אָדער פאַר אַ פוס, שלעפּן איבערן דיל פון דער הייזקע און שלאָגן, בריקן. סאָפּיע פּלעגט זיך ווערן אין דער שטיל, אָפּט זיך ארויסרייסן און אנטלויפן.

אויף מאָרגן פלעגט סאָפּיע ארומגיין אַ צעביילטע, אַ צעבלוטיק־טע, מיט אונטערגעהאַקטע אויפגעלאָפענע אויגן. סעם, אַ שווייגנ־דיקער, פלעגט אוועק צו דער ארבעט. ער פלעגט שפּייען מיט כעס יעדע פאַר מינוטן און בייז ברומען אונטערן נאָז, ווי ער וואָלט גע־וואָלט עפּעס זיך ארויסשלאָגן פון די געדאַנקען.

ריטשאַרד איז געווינט געווען צו שלאָפן אין פעלד, אָדער אונ־טער אַ בוים און אויפשטיין אַ מונטערער, א פריילעכער. ווען סאָפּיע פלעגט אָבער אמאָל ניט דערהערן סעמס קומען, דאַן האָט זיך אין דעם קלייִנעם הייזל אָפּגעשפּילט עפּעס מוראדיקס. סאָפּיע, מיט פארקרימטע, פארביסענע ליפּן, מיט ברענענדיקע אויגן, פלעגט גע־שווינד, ווי אַ קאַץ, כאַפּן שטיקער האָלץ, אייזנס, אלץ וואָס איז איר בעת מעשה געקומען אונטער דער האַנט, און פלעגט זיך וואַרפן אויף סעמען איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו מאַכן זיין אָנגריף. זי פלעגט אים שלאָגן ביז ער פלעגט אָפּטרעטן פון הייזל, שילטנדיק זי מיטן קינד. אין אזוינע מאָמענטן איז ריטשאַרד געלעגן אין אַ ווינקל, נאָענט צו דער וואַנט, און געפּרווט זיך פעסטער איינוויקלען אין דער קאָלדרע, ווי וועלנדיק זיך שיצן פון דעם שיכורן טאַטן. ער פלעגט זיך צוקוקן אַ דערשראָקענער, ווי זיין מאַמע הרגעט זיך מיט זיין טאַטן. זיין קלייִנער מוחל האָט אים אונטערגעזאָגט, אז דאָס שלאָגן זיי זיך איבער אים, ווייל ווען סעם איז אָפּטמאָל ניט געווען אזוי שיכור פלעגט ער צילעווען מיט זיינע פויסטן דווקא אין אים, אין ריט־שאַרדן, און ווען זיין מאַמע האָט ניט באַוויזן אים צו פאַרהיטן, פלעגט ער דאַן באַקומען זיין פאַרציע קלעפּ.

אזוי האָט ריטשאַרד געלעבט ווי אַ פרעמדער אין דער ארומי־קער וועלט. ער האָט געהאַט חברים, שוואַרצע קינדער פון די שכנישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך גערן געשפּילט מיט אים, אָבער קוים פלעגט ער זיך צעקריגן מיט זיי, אָדער זיין ניט געהאַרכזאַם, פלעגן זיי אים באַפאַלן און שלאָגן מיט זייער גאַנצער קינדישער רציחה. ריטשארד פלעגט זיך ווערן, שלאָגן און שטיל אָנגרייפן, אָבער קוים האָט עמע־צער אויסגעשריען „ווייסער באסטערד", איז ריטשאַרד געבליבן שטיין

אַפּהענטיק, אַפילו ווען ער האָט שוין געהאַט די אויבערהאַנט אין אַ געשלעג. דערהערנדיק זיין „צונאָמען" פלעגט ער באַלד אַנטלויפן.

איין מאָל האָט ריטשאַרד געזען צוויי שוואַרצע ייִנגלעך פון אַ דערבייאיקער פאַרם טראָגן קליינע הינטלעך. ער איז זיי נאָכגעלאָפן און פון זיי זיך דערוווסט, אַז זייער באַלעבאָס, הענדריק, דער פאַרמער, האָט זיי געגעבן זיי צו דערטרינקען אין דערבייאיקן טייך. ריטשאַרד האָט זיך אָנגעהייבן בעטן, אַז זיי זאָלן אים די הינטלעך אָוועקגעבן. די ייִנגלעך זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז זיי מוזן אויספירן זייער באַלעבאָס באַפעל.

אַז ריטשאַרד האָט זיי אָבער אָנגעבאָטן אַ פייפל, וואָס ער האָט אויסגעשניצט, און אַ פולע היטל שטעכיקע קאַקטוס־באַרנעס, זיינען זיי מרוצה געוואָרן אים אָפּצוגעבן איין הינטל און אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז דאָס הינטל באַהאַלטן, כדי דער פאַרמער זאָל זיך וועגן דעם ניט דערוויסן. ריטשאַרד האָט דאָס הינטל אַריינגערוקט אין בוזעם און איז אַוועק אַהיים. דאָרטן, אין אַ ווינקל, וווּ זיין מאַמע האָט גע־האַט אַ צענדלינג מאָגערע הינער, האָט ער אויפגעבויט אַ קאַנורע פאַר זיין הינטל. ער האָט געבראַכט גראָז און מיט שטיקלעך בלעך און ברעטלעך האָט ער עס פאַרפעסטיקט, אויפגעזוכט אַ טיפן בלעכל, עס אָנגעפילט מיט וואַסער, און אונטערגעטראָגן עטלעכע סקאָרינקעס ברויט. דאָס הינטל איז אָבער צו קליין געווען עס צו עסן. ער האָט אומגעוואָרפן דאָס בלעכל מיט וואַסער און דאָס ברויט ניט אָנגערירט. האָט ריטשאַרד גענומען די נאַסע סקאָרינקעס, צעקייט און דערמיט געקאָרמעט דעם הינטל.

ביינאַכט האָט ער גענומען דאָס הינטל צו זיך אונטער דער דעקע. סאָפיע האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן פון הייזל, אָבער זעענדיק אַז ריטשאַרד איז גרייט צו גיין שלאָפן מיטן הינטל אונטער אַ בוים, האָט זי אים געלאָזן צורו.

אַזוי האָט ריטשאַרד אָנגעהייבן האָדעווען זיין „וואַכטער", ווי ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן. אַז „וואַכטער" איז אונטערגעוואַקסן האָט ריטשאַרד אים אָנגעהייבן לערנען אַלערליי קונצן: שפּרינגען איבער אַ שטעקל, זיך שטעלן אויף די הינטערשטע פיס, אָנטראָגן שטיינדלעך און אַנדערע קונצן. „וואַכטער" האָט געפאָלגט ריטשאַרדן אויפן וווּנק, איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. ריטשאַרד האָט איצט זיך שוין ניט געפילט איינזאַם, ער האָט שוין געהאַט אַ חבר.

* * *

די פעלדער זיינען געווען גרין, באַשפּרינקלט מיט געלע בלומען, וואָס האָבן זיך געשאָקלט און געהייבן ווי ים־כוואַליעס. שוין אַ צייט ווי עס האָט אַזוי פיל ניט גערעגנט, ווי היינטיקס יאָר. די בהמות אויף די פעלדער זיינען געשטאַנען טיף אין גראָז און געגעסן. זייע־רע פעלן האָבן געגלאַנצט פון זעטיקייט און אָפּגעשפּיגלט די זון־שטראַלן.

הענדריק איז געזעסן ביים רעדל פון אויטאָמאָביל, געקירעוועט מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געהאַלטן די ליולקע. כסדר האָט ער זי צוגעטראָגן צום מויל, דערלאַנגט אַ ציִ טאַבאַק און איינ־געאָטעמט די נאָך־רעגן לופט. ער איז געפאָרן צום יאַריד פון בהמות. זיינע בהמות האָט ער שוין אוועקגעשיקט פאַרטאָג, זיי אָנגעפּאַשעט, אָנגעטרונקען און זיך אוועקגעלאָזט אין וועג אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע שוואַרצע.

ער איז צוגעפאָרן ניט ווייט פון דער באַן־סטאַנציע. אויפן מיטן פעלד זיינען געווען אויפגעשטעלט די שטיין־קראַאַלן, אין וועלכע ס'האָבן זיך אומרואיק אַרומגעדרייט אָקסן און קי. אין אַ קליין ביידל איז געזעסן דער אַקציאָנער מיט זיין געהילף. דער געהילף האָט פאַר־שריבן די פרייזן פון די פאַרקויפטע בהמות און די נעמען פון די קויפער און פאַרקויפער. פון ביידע זייטן פון אַקציאָנער און קעגן אים זיינען געזעסן סוחרים, קויפערס און פאַרקויפערס, צום גרעסטן טייל אַרומיקע פאַרמערס, קצבים און ספּעקולאַנטן.

ווען הענדריק איז צוגעקומען האָט דער אַקציאָנער פאַרקויפט שעפּסן. ניט האָבנדיק בדעה צו קויפן שעפּסן איז ער זיך דורכגע־גאַנגען צו די קראַאַלן, וווּ זיינע בהמות האָבן זיך געפונען. אויפן וועג האָבן אים שכנים־פאַרמערס באַגריסט, געצויגן די היט מיט דרך ארץ, געדריקט זיין האַנט און געשמועסט וועגן בהמות און די פרייזן וואָס מען וועט היינט צאָלן.

הענדריק איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט אַרום פאַר אַ קלוגן, אַרבעטזאַמען פאַרמער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט האָדע־ווען ראַסאַווע קי, אָקסן און פערד. ער איז געווען אַ גרויסער מבין אויף בהמות און אויף זיין אייגענער פאַרם האָט ער געהאַט עטלעכע ראַסאַווע בול־אָקסן, וואָס האָבן געהאַט אַ שם ווייט אַרום און פאַר וועלכע ער האָט באַצאָלט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק טויזנט פונט. זיינע

קי זיינען טאַקע געווען די איינציקע, וואָס פלעגן אָפטמאָל באַקומען ערשטע פּרייזן אויף אגריקולטורעלע אויסשטעלונגען. חוץ דעם האָט ער נאָך געהאָדעוועט הינט — אויך ראַסאָווע, געפירט די הינט אויף אויסשטעלונגען און געקראָגן פּרייזן פאר זיי. ער איז ניט זעלטן אויך איינגעלאדן געוואָרן צו אורטיילן און ארויסזאָגן מבינות אויף אויסשטעלונגען און קאָנקורסן. פאַרמערס האָבן געלויבט הענדריקס שיינע בהמות און פערד. פון גאָר ווייטע שטרעקעס איז מען געקומען קויפן זיינע קעלבער און לאָשיקלעך. גרויסע פּרייזן פלעגט מען צאָלן פאר לאָזן זיינע בול־אָקסן זיך פּאָרן מיט קי פון אנדערע פאַרמערס. ער פלעגט אַנאָנסירן, אז ער האָט יונגע הינטלעך צו פארקויפן — הינטלעך פון זיינע ראַסאָווע צויגן און האָט געהאט א סך קונים פאר זיי. אָבער ער איז געווען פאַרזיכטיק אין וועמענס הענט די הינט וועלן אריינפאַלן. איז ער געווען זיכער אז מען וועט די הינט גוט אויפּפּאַסן, פלעגט ער אויסשרייבן זייער יחוס־בריוו און איינוויליקן זיי אָפּצוגעבן. צו פארקויפן זיינע בהמות האָט הענדריק ניט געדאַרפט קיין אקציאָנער, אָבער עס האָט אים געצויגן צו קומען צו אן אויספאַרקויף. אויך היינט האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט, אז דער אַקציאָנער זאָל ענדיקן פארקויפן די שעפּסן.

ער איז געגאַנגען פארביי די שטייגן און קראַאַלן, באַקוקט די בהמות און פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט, ווען זיין געניט אויג האָט אויפגעכאַפּט א שיינע בהמה. ניט צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון די ארומיקע, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אויסקלאַפּן אויפן אָפּצאַס פון זיין שוך די ליולקע און ווידער אמאָל זי אָנפילן מיט טאַבאַק און פאַררויכערן, און אין דער אייגענער צייט באַקוקן די בהמות, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו קויפן.

דער אַקציאָנער האָט פארקויפט די לעצטע פּאָר שעפּסן און געבעטן די פאַרמערס אָנטרייבן זייערע בהמות נענטער. קוים זיינען הענדריקס בהמות געקומען פאר דעם אקציאָנער, איז דער עולם געוואָרן נייגעריק. אלע אָנוועזנדיקע זיינען צוגעקומען צו די באַריערן אָנקוקן הענדריקס בהמות, די קויפערס האָבן געבאָטן מיט היץ, די פּרייזן זיינען געשטיגן. ווען הענדריק איז געווען צופרידן מיטן לעצטן אָנבאָט, פלעגט ער טאָן אַ ווונק צום אַקציאָנער, אז ער זאָל פארקויפן. האָט ער געוואָלט א העכערן פּרייז, פלעגט ער שרייען צו זיינע שוואַרצע אז זיי זאָלן ארויסטרייבן די בהמות פון צירקל.

די שווארצע האָבן ארייַנגעיאָגט אין צירקל א בול־אָקס, א יונגן שייִנעם ראַסאָוון אָקס, וואָס האָט געקוקט אויף די פארזאמלטע מיט האַלב פאַרמאַכטע, פון פעטס פארגאָסענע רויטע אויגן. הענדריק האָט אים עטלעכע מאָל אַ דריק געטאָן מיטן „שאַמבאָק״ (לעדער־קאַנטשיק), געוואָלט ער זאָל זיך אויסדרייען צו די קויפערס, אָבער דער בול־אָקס איז מיט פונאַנדערגענומענע פיס פעסט געשטאַנען און זיך ניט גערירט פון אָרט. דער אקציאָנער האָט אָנגעהייבן אויסזינגען די אָנבאָטן און די פרייזן האָבן זיך געהייבן. מיטאַמאָל איז געוואָרן א מהומה: פון די ארומיקע קראַאַלן איז אין צירקל ארייַנגעשפרונגען אַ יונגע שוואַרצע קיעלע און זיך צוגעדריקט צום בול־אָקס, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אומבאַוועגלעך און פארעקשנט. אין איין סעקונדע איז דער אָקס געוואָרן לעבעדיק־באַוועגלעך, ער האָט אָנגעהייבן לעקן דאָס קיעלע און איר באַשמעקן מיט גייגער. דער עולם האָט געלאַכט. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן: הענדריק, דיין ראַסאָווער בול־אָקס וועט זיך פאַראומרייניקן מיט א שוואַרצער, פראָסטער קו! אַ שוואַרצע קו האָט זיך פארליבט אין הענדריקס אָקס...

הענדריקן האָט זיך אויסגעוויזן, אז די צווישנרופן און די געלעכטערס צילן אויף אים גופא, אויף זיין חשבון. אַ קאַלטער שווייס האָט ארויסגעשלאָגן פון זיין לייב. צערייצט האָט ער גענומען שלאָגן די שוואַרצע קו, אָבער עס איז ניט געלונגען זי ארויסצוקריגן פון צירקל.

דער אַקציאָנער איז אָנגעגאַנגען מיטן פארקויף, אָבער הענדריק האָט דערקלערט אז ער האָט באַשלאָסן דעם רעשט פון זיינע בהמות ניט צו פארקויפן היינט. ער האָט געהייסן זיינע שוואַרצע ארבעטער זיי זאָלן טרייבן די בהמות צוריק אהיים.

הענדריק האָט דערליידיקט זיין חשבון מיט דעם אקציאָנערס געהילף און איז אוועק צו זיין אויטאָמאָביל. אינעווייניק, פון שטיין שעהן אויף דער זון, איז געווען הייס, דאָס געזעס האָט געברענט ווי אונטערגעהייצט מיט הייסע קוילן. הענדריק האָט א צופרידענעם שלוקערץ געטאָן: ענדלעך פאָרט ער שוין אהיים.

ער איז געפאָרן לאַנגזאַם, געטראַכט וועגן דעם היינטיקן אויספאַרקויף, געחשבונט און באַרעכנט די רווחים פון זיינע פאַרקויפטע בהמות און בעת מעשה געזויגן די אויסגעלאָשענע ליולקע. די שוואַרצע קיעלע איז אים געקומען אויפן זינען. ער האָט אָנגעהייבן פיבערן:

אפשר זיינען זיינע יוגנט־זינד זיי באקאנט. מיט כעס האָט ער אַ דריק געטאָן דעם גאַז־פּעדאַל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון זיינע אייגענע געדאַנקען און זכרונות. אז ער האָט דערזען „וואַכ־טערן״, ריטשאַרדס הינטל, אויפן וועג האָט ער אויפגעציטערט. ער איז געפאָרן צו גיך, אז ער זאָל אים קאָנען אויסמיידן. אָבער ער האָט אויך גלייך דערזען, אז א קליינער יינגל יאָגט זיך נאָכן הונט, האָט ער אַ דריי געטאָן דאָס רעדל און איז אראָפּ פון וועג...

ווען מען האָט הענדריקן אַרויסגענומען פון אונטער דעם איבער־געקערטן אויטאָ איז ער געווען טויט. די דערבייאיקע האָבן זיך גע־סודעט, אז הענדריק האָט זיין לעבן פארלאָרן צוליב צוויי מאַנגרעלס — צוליב ריטשאַרדן און זיין הונט...

פ יי ע ר

א

אין האָטעל האָט געררוישט, די געסט האָבן געאַרבעט מיט גאָפּל־מעסער, געגעסן און געקוקט מיט אומגעדולד אויף די פאַרבייגייענדי־קע קעלנער, וועלכע האָבן געשפּאַנט אָנגעלאָדן מיט טעלערס עסנ־וואַרג. פון צייט צו צייט האָט ערגעץ ביי אַ טיש זיך געהערט דאָס לאַכן פון די געסט פון אַ וויץ, אָדער אַ קאָמישער מעשה וואָס עמע־צער האָט דערציילט.

אין קעלנער האָט געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמ־קייט מיט דער פּאַרזיכטיקייט מיט וועלכער ער האָט געטראָגן די מאכלים צו די טישן, זיי אויסגעטיילט צווישן די געסט און יעדערן געפרעגט צי דאָס עסן געפעלט אים. באַקומען אַן ענטפער מיט אַ פולן מויל, פלעגט ער צופרידן שאָקלען מיטן קאָפּ און אנטבלויזן אַ מויל ווייסע ציין אין אַ צופרידענעם שמייכל. ער, דזשיימס, האָט גע־האַט הנאה, אז זיינע טיש־געסט זיינען צופרידן מיט דעם עסן און דער באַדינונג. ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אין האָטעל ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק. פריער איז ער קיין קעלנער ניט געווען, נאָר גע־אַרבעט ביים האָפן, געשטופּט וועגעלעך אָנגעלאָדן מיט סחורה, אויס־געלאָדן וואַגאָנעס מיט אייזן. ער האָט פאַרדינט בלויז אויף עסן און צו צאָלן פאַר אַ צימער. טאָמער האָט ער זיך גענייטיקט אין אַ פּאָר שיך, אַ מלבוש פלעגט ער אנטלייען ביי אַ חבר און אָפּצאָלן צו עט־לעכע שילינג אַ וואָך.

איינער פון זיינע באַקאַנטע האָט אים דערציילט, אז די באַלעבאָ־טים פון האָטעל, ווו ער אַרבעט, זוכן אַ קעלנער. האָט ער גערעאָטן דזשיימסן גיין זיך אָנדינגען דאָרט. אמת, עס איז אַ שווערע אַרבעט, אָבער אויסער דעם געהאַלט באַקומט מען אויך אַ צימער און עסן. וועגן עסן האָט דער פריינד גערעדט מיט באַגייסטערונג און גע־

קנאָקט דערבײַ מיטן צונג, ווי איבערקערנדיק אין מויל אַ פײַנעם ביסן:

„פלייש קריגן מיר דרײַ מאָל אַ טאָג און ניט קיין ברעקלעך, נאָר טאַקע דאָס זעלבע וואָס די ווײַסע עסן". דזשיימס האָט זיך שטאַרק געקווענקלט צי ער זאָל בײַטן זײַן אַרבעט. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט קומען אין באַרירונג מיט אַ סך ווײַסע מענער און פרויען און ער וועט ניט זײַן אומשטאַנד זיי צופרידנצושטעלן, וועט ער האָבן צרות.

זײַן פרײַנד האָט אים איבערגערעדט און ער האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אַלס קעלנער. די ערשטע פּאָר טעג האָט מען אים אוועקגעשטעלט וואַשן טעלערס, ראַמען די דילן און די טרעפּ. ער האָט זיך געהיט ניט צו ברעכן די פּאָרצעלײַ און דאָס גלאָזוואַרג. געראַמט און געשײַערט די דילן מיט התמדה. די באַלעבאָסטע האָט באַלד באַמערקט, אַז דזשיימס אַרבעט פלײַסיק, האָט זי אים געשטעלט בײַ די טישן צו באַדינען די געסט. איז פאַר דזשיימסן געווען שווערער צו טראָגן די פיר, פינף טעלער, ווי פריער בײַם האַקן די שווערע זעק מיט קײַלן אָדער מיט תבואה. עס איז געווען שווער צו באַלאַנסירן די טעלער אויף איין האַנט און זיי בשלום דערטראָגן צו די טישן, ניט באַגיסנדיק אַ טישטוך אָדער די קליידער פון אַ גאַסט. זײַן חבר האָט אים פריער אָנגעזאָגט וועגן אַלץ און אים געוואָרנט וועגן די שטרויכלונגען וואָס אַ קעלנער קאָן אָנטרעפן אין די ערשטע טעג אַלס קעלנער. איז טאַקע די ערשטע וואָך אַלס קעלנער געווען פאַר דזשיימסן אַ שווערע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זײַן קאַריערע פון אַ קעלנער הענגט אָפּ פון אַ צעבראָכענעם טעלער און ווען דער טעלער איז געבליבן גאַנץ אויף זײַן אויסגעשטרעקטער דלאָניע האָט ער עס פאַררעכנט פאַר אַ וווּנדער. אָבער לאַנגזאַם איז זײַן גוף געוואָרן בויגזאַמער, די הענט האָבן אים אָנגעהייבן פאָלגן און ער איז געוואָרן זיכערער אין זײַן אַרבעט. די ערשטע וואָך, אַז ער האָט באַקומען זײַנע צוויי פונט לוין, האָט ער איין פונט געשיקט צו זײַן טאַטן אין „רעזערוו" (אויסגעטיילטע ווינערטער פאַר שוואַרצע). ער האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל עס האַלטן פאַר אים — ער וועט שיקן געלט יעדע וואָך: ער וויל אָנקלײַבן גענוג פאַר „לאַבאָלאַ" (נדן צו קריגן אַ ווײַב). איצט איז ער דאָך אַ מענטש מיט אַ געזיכערטער צוקונפט, דאַרף ער טראַכטן וועגן אַ ווײַב. איז דאָס געווען דער ערשטער פונט צושטײַער פאַר זײַן צוקונפטיקער פאַמיליע.

די טעג האָבן זיך געדוקט געשווינד, ארבעט איז אין האָטעל געווען א סך. אָפט זיינען געקומען גוטע געסט, וואָס האָבן ניט אויפגעגעבן קיין איבעריקע ארבעט, פלעגן נאָך דערצו פארגיטיקן פאר דער באַדינונג און איבערלאָזן עטלעכע שילינג פארן אוועקפאָרן. אנדערע פלעגן אפילו שענקען א העמד, א פּאָר שיך.

אין אָוונט, נאָך דער ארבעט, פלעגט ער ארויסגיין אויפן ראָג פון דער גאַס און זיך צוזעצן צו די אנדערע אָנגעשטעלטע פון די האָטעלן. אהער פלעגט אויך קומען זיין פריינד מאַזימקאַזע, וועלכער האָט פארמאָגט א גרויסע גיטאַרע. ער פלעגט מיט פלייס ציען די סטרונעס און שפּילן אָן אויפהער איין און דעם זעלבן ניגון. די באַקאַנטע פלעגן איבערשרייען די גיטאַרע, הויך אויפן קול דערציילן וואָס עס האָט פּאַסירט אין זייערע האָטעלן, און נאָך דעם איבערגיין צו די אייגענע נייעס, צו מעשיות פון פריינד און באַקאַנטע. דזשיימס האָט אלעמאָל הנאה געהאַט צו דערציילן וועגן זיין „קראַאַל", זיין היים אין די הויכקייטן פון די „טויזנט בערג", א פערציק מייל פון דערבן, דאָרטן ווו ס'איז געווען זיין געבוירן־אָרט. ער פלעגט באַגייסטערט דערציילן זיינע חברים, אז גאָר הויך, ווי אַ היטל אויפן קאָפּ פון באַרג, שטייט זיין הייזל און דאָס פון שטרוי און שטעקלעך אויסגעפלאָכטענע קיילעכדיקע הויז פון זיין טאַטן, און ווי שווער עס איז צוצוקומען אַהין. ער האָט דערציילט וועגן לעבן אין „קראַאַל", וועגן זיין טאַטן, וועלכער פלעגט אויסארבעטן וווּנדערשיינע פעלן און אויסשמידן „אַסעגאַיס" (שפּיזן), מיט וועלכע די זולוס גייען אויף געיעג אויף ווילדע חיות. און ער פלעגט דאָס אלץ פארציילן מיט אזא פּאַרנעם, אז אָפטמאָל פלעגט זיך זיי דאַכטן, אז זיי זיצן אין „קראַאַל" ארום א פייער און הערן זיך איין צו זייערן אַן אלטן מאַן, וועלכער דערציילט די וווּנדער פון זייער שטאַם און פון זייער לעבן פון אמאָל. ארום ניין אזייגער פלעגן זיי זיך פונאנדערגיין צו זייערע האָטעלן און זיך לייגן שלאָפן.

אז דזשיימס האָט געהאַט אויפגעקליבן 25 פונט פאר „לאַבאָלאַ" האָט מען שוין כמעט ניט דערקענט אין אים דעם אַמאָליקן האָפּן־אַרבעטער. ער האָט איצט פארמאָגט עטלעכע אַנצוגן, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון האָטעל־געסט, א טוץ העמדער און א פּאָר טוץ זאָקן, אויך זאַכן וואָס געסט האָבן אים געשאָנקען. זיין גוף האָט זיך אויסגעפילט און ער האָט פאַרלאָרן דעם הונגעריקן אויסזען.

ב

װען מערי איז אָנגעקומען אַרבעטן אין האָטעל האָט דזשיימס זי גאָר ניט באַמערקט, װאָרעם װאָס א שטײגער האָט ער געהאַט גע־מײנזאַמעס מיט אן אינדישער מײדל, װאָס האָט אויסגעזען װי א דין באַמבו־בוימל און האָט ניט געהאַט דעם חן פון די זולו־מײדלעך מיט זײערע פולע בריסט, ברײטע היפּטן און לאַכנדיקע אויגן. מערי אַלײן האָט אָבער אויסגעמיטן אַלע זולו־באַדינער פון האָטעל, געטאָן איר אַרבעט אין די צימערן, געראַמט, פאַרבעט בעטן, געשטויבט, געריי־ניקט. בײ דער אַרבעט פלעגט זי זיך שטיל אונטערזינגען אַן אומע־טיקן אינדישן ניגון, פול מיט יאוש. האָבן די שטילע טענער בײ דזשיימסן אַרויסגערופן אומעט און בענקשאַפט צו זײן היים.

אײן מאָל, אין אַ פרײען נאָכמיטאָג, איז ער אַװעק באַזוכן אַ פרײנד, װעלכער איז אָקאָרשט געקומען פון זײן „קראַאַל". ער האָט געװאָלט אָפּנעמען א גרוס און הערן נײעס פון זײן היים און פון באַ־קאַנטע. ער האָט זיך פאַרזאַמט און ניט באַמערקט, אז עס איז שױן שפּעט. ער האָט אָנגעהײבן גײן צום האָטעל, אָבער דער װעג איז געװען װײט און ער האָט מורא געהאַט טאָמער קומט ער צו שפּעט און דער הױפּט־קעלנער װעט אים שטאַרק אויסרײדן. איז ער גע־שטאַנען און געװאַרט אויף אַן אָמניבוס. אין דער הױך, אויפן צװײטן שטאָק איז אױך געזעסן מערי, די אינדישע האָטעל־באַדינערין. ער האָט זי באַגריסט, אָבער זי האָט אים כמעט װי ניט געענטפערט אויף זײן באַגריסונג. דעם גאַנצן װעג זײנען זײ געזעסן און ניט גערעדט אײנער צום צװײטן. קומענדיק צום האָטעל איז מערי געשװינד אויפ־געשטאַנען און אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ. װען דזשיימס איז אַראָפּ האָט ער געזען א צוזאַמענלױף פון מענטשן בײם אָפּשטעל, אויפן װעג. דערבײ איז מערי געלעגן װי א צונױפגעװאָרפן בינטל װײסע קלײדער. מענטשן אַרום האָבן דערצײלט: די אינדיערין איז אַראָפּגעשפּרונגען אײדער דער אָמניבוס האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט און איז געפאַלן. דזשיימס האָט געהאָלפן אַרײנטראָגן מערין אין אַן אַפּטײק. דאָרט האָט מען זי פּרובירט אָפּמינטערן, אָבער אָן דערפאָלג. עמעצער האָט אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנס און מען האָט זי גענומען צום שפּיטאָל. פון שפּיטאָל האָט מען שפּעטער געלאָזט װיסן אין האָטעל, אז מערי האָט צעשעדיקט דעם שאַרבן און זי װעט דאַרפן בלײבן אין שפּיטאָל עטלעכע װאָכן.

ווען דזשיימס׳ פרייער נאָכמיטאָג איז געקומען, האָט ער זיך גע־איילט פרי צו ענדיקן זיין ארבעט. ער האָט זיך ארומגעוואַשן, אָנגע־טאָן די בעסטע קליידער און געבעטן די באַלעבאָסטע זי זאָל אים געבן די גוטע זאַכן, וואָס זי האָט געהאַט צוגעזאָגט צו שיקן פאַר מערין אין שפיטאָל. די באַלעבאָסטע האָט טאַקע מיטגעגעבן אַ גאַנץ פעקל.

„און דו, דזשיימס״, האָט זי געזאָגט, „נעם מיט אַ בינטל בלומען. פאַר אַ יונגן מאַן פאַסט־זיך מיטצוברענגען בלומען פאַר אַ קראַנקע מיידל״.

„בלומען?״, האָט דזשיימס זיך געוווּנדערט, „וואָס קאָן מערי טאָן אין שפיטאָל מיט בלומען?״

דזשיימס איז געקומען צום שפיטאָל, אויסגעפונען די אָפּטיילונג אין וועלכער מערי איז געלעגן און האָט זיך געזעצט וואַרטן ביז מען וועט ארייַנלאָזן. ארום, אויף דער ערד, זיינען געזעסן גאַנצע פאַמי־ליעס. פרויען האָבן געזויגן עופּהלעך, קינדער האָבן זיך געגראָבן אין זאַמד, מענטשן האָבן געשמועסט צווישן זיך, דערציילט וועגן קראַנקע און קראַנקייטן, רפואות און דאָקטוירים. דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ טרויעריק פּנים פון אַן אויסגעצערטער פרוי, אַ יאָושדיק בליק פון אַ פאָטער אָדער אַ מאַמען, וואָס זיינען געקומען זיך זען מיט אַ נאָענטן.

דזשיימס האָט צווישן דעם עולם געזוכט אַ באַקאַנט פּנים, אָבער די הונדערטער פאַר בליקן, וואָס ער האָט זיך אויף זיי אָנגעטראָפן האָבן פרעמד פארבייגעקוקט, ווי ער וואָלט גאָר ניט עקסיסטירט. אים איז געוואָרן אומעטיק קוקנדיק אויף די יאָושדיקע אויסגעמאָ־טערטע פּנימער פון די וואַרטנדיקע באַזוכער. אָבער באַלד האָט זיך געהערט דער קלונג פון אַ גלאָק און די מענטשן־מענגע האָט זיך אַ וויג געטאָן. די־יעניקע וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו די שפּי־טאָל־טירן האָבן אָנגעהייבן אריינגיין אינעווייניק און די וועלכע זיי־נען געזעסן אויף דער ערד, האָבן זיך געשווינד אויפגעהייבן, אויס־געגלעט און אויסגעגלייכט די קליידער און האָבן זיך געשטופּט צום אריינגאַנג. דזשיימס, מיט די אַנדערע, איז אויך אריין דורך דער ברייטער טיר. עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די ריחות פון דיזענ־פעקציע און רפואות, אויסגעמישט מיטן ריח פון שוויס פון די ארו־מיקע מענטשן. צום סוף האָט ער זיך דערשלאָגן צום זאָל ווו מערי איז געלעגן. ער איז לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר, געזוכט דאָס באַ־

קאַנטע פּנים, אָבער פון די שמאָלע, ווייסע בעטן האָבן געקוקט אומ־באַקאַנטע אויגן. ער האָט זיך געווענדט צו א קראַנקן־שוועסטער און זיך נאָכגעפרעגט ווו מערי געפינט זיך. זי האָט אים אָנגעוויזן אויף איינער, וועמענס קאָפּ איז געווען באַנדאַזשירט, דאָס פּנים וואָס איז אַלעמאָל געווען שוואַרץ־בלייך האָט איצט געהאַט אַן אַש־קליר. דזשיימס איז צוגעקומען נאָענט צום בעט. מערי האָט אים אָנגעקוקט מיט שרעק, אָבער אז ער האָט אַן ווערטער און שטאַרק פאַרלעגן אויסגעפּאַקט דאָס עסנוואַרג און פרוכט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געשיקט, האָט זי געשמייכלט. זי האָט דאַנקנדיק עפּעס געמורמלט אין דער שטיל און פאַרזוכט פון דאָס צוגעשיקטע. דזשיימס, ווי עס איז געווען זיין געוווינהייט, האָט געפרעגט צי דאָס עסן איז געשמאַק?

„געשמאַקער ווי דאָס עסן וואָס מען גיט דאָ אין שפּיטאָל”, האָט מערי געזאָגט און דרייסט אים געדאַנקט.

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף נייעס פון האָטעל און ער האָט איר אַלץ פאַרציילט. די האַלבע שעה פאַר באזוכער און געסט איז גיך פאַרביי. זיי האָבן זיך געזעגנט ווי צוויי אַלטע גוטע פריינד. דזשיימס האָט פאַרשפּראָכן צו קומען אַ צווייטן מאָל.

די צווייטע וואָך איז ער ווידער געגאַנגען זי באַזוכן. אויפן וועג איז ער אריין אין אַן אינדישער קראָם און געקויפט ספּעציעלע אינדישע צוקערלעך. איצט האָט ער שוין געפונען מערין זיצנדיק אויף אַ שטול. לעבן איר איז געזעסן אַן אַלטע אינדישע פרוי, וועלכע האָט אויף אים געקוקט בייז. מערי האָט אים פריינדלעך באַגריסט און גע־בעטן זיצן. ער האָט זיך געזעצט לעבן איר. מערי האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט די אַלטע פרוי — איר טאַנטע. דזשיימס האָט פאַר זיי פאַרגעלייגט די צוקערלעך. די אַלטע האָט גערן גענומען איינס און באַדאַנקט. אויך מערי האָט זיך געשמאַקעוועט מיטן צוקערל און אים אָנגעזאָגט די שמחה, אז אין צוויי טעג ארום וועט זי ארויס פון שפּי־טאָל. דזשיימס׳ פּנים האָט אויפגעלויכטן:

„קומסט צוריק אין האָטעל?”, האָט ער זי געפרעגט.

„איך ווייס ניט, מיין טאַנטע וויל איך זאָל קומען וווינען מיט איר, אָבער איך צווייפל עס צו טאָן, ווייל זי ארבעט אזוי שווער אין איר גאָרטן פאַר אַ שטיקל ברויט, וויל איך איר ניט זיין צו לאַסט”.

אָבער די אַלטע איז באַשטאַנען דערויף, אז מערי מוז קומען זיך אָפּרוען פון איר קראַנקייט ביי איר אין הויז.

דזשיימס איז געזעסן און אנטוישטער. ער וואָלט געוואָלט מערי זאָל וואָס גיכער קומען צוריק אין האָטעל, אָבער אין דער אייגענער צייט האָט ער געוווּסט, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר מערין אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון איר טאַנטע.

ג

ברוך איז געקומען קיין דערבן זיך אָפּרוען צוזאַמען מיט זיין ווייב רחל. אָבער זי איז געקומען ניט צוליב וואַקאַציע, ווי זי האָט געזאָגט, נאָר כדי צו האַלטן אן אויג אויף איר מאַן, ער זאָל טאַקע רוען. זיינען ביידע יעדן פרימאָרגן מיטן זון־אויפגאַנג געגאַנגען זיך אונטערטונקען אין ים. דאָס האָט, לויט רחלען, געדאַרפט שאַפן דעם אַפּעטיט ביי זיי און העלפן פאַרדייען דאָס עסנוואַרג. רחל איז געווען אַ גענייטע באַלעבאָסטע און צו דעם עסן אין האָטעל האָט זי זיך באַ־צויגן מיט אומצוטרוי. ברוך האָט אויך ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן די גערייכטן אין האָטעל. זיין זאָרג און זיין טענה איז גע־ווען, אַז מען קאָרמעט אים דאָ מיט מוסטערן (סאַמפּלס), ווי ער האָט עס אָנגערופן, מיט צו קליינע פּאָרציעס. ביים ערשטן מאָלצייט, אַז דזשיימס איז צוגעקומען מיט דער שפּייז־קאַרטע, האָט ברוך אַרויפ־געלייגט לעבן זיך אויפן טיש פינף איינצלנע שילינגס:

„דאָס איז פאַר דיר, דזשאָרדזש“, האָט ער געזאָגט, „און אַז דו וועסט אונדז גוט אויפפּאַסן, געבן גוטע עסן און דער עיקר פולע טע־לערס — וועסטו פאַר מיין אוועקפאָרן קריגן א גאַנצן פונט, — דו הערסט, צי ניין?“

„יאָ, באַאָס“, האָט דזשיימס געזאָגט אנטבלויזנדיק זיינע ציין, „איך וועל דיר גוט באַדינען“, און ער האָט שנעל אַראָפּגעשאַרט די פינף שילינג פון טיש און עס באַהאַלטן אין אַ קעשענע.

די ערשטע וואָך האָט ברוך פאַרבראַכט די פרייע שעהן צווישן די מאָלצייטן אויפן זאַמד, ביים ברעג ים. ער איז געלעגן און זיך גע־ברענט אין זון, אריינגעזאפּט אירע דערבענער הייסע שטראַלן און געאָטעמט מיט געזאַלצענער לופט, וואָס האָט געבלאָזן פון ים. ער האָט אַ ביסל געלייענט, געשמועסט מיט באַקאַנטע און זיך געבאָדן. ביים סוף וואָך איז דער אָרט לעבן אים שוין געוואָרן נמאס. ער איז אלע מאָל געווען אַן אַקטיווער מענטש, געוווינט צו ארבעט, איז דאָס פוילע ליגן אויפן זאַמד אים געוואָרן דערווידער און ער האָט פאַרגע־

לייגט רחלען, אז זיי זאָלן גיין און זיך באַקענען מיט דער שטאָט און איר אומגעגנט. רחל האָט פּראָטעסטירט, זיי זיינען דאָ געקומען זיך אויסרוען, ניט ארומשמייען, שוויצן און אָנווערן זייער געזונט אין דערבענער היצן.

„גוט", האָט ברוך געזאָגט, „דו קאָנסט רוען, איך וועל אליין ארויספאָרן".

האָט רחל מסכים געווען בתנאי, אז זיי זאָלן אין די פרימאָרגנס פאַרברענגען ביים ים און יעדן נאָכמיטאָג ארויספאָרן אויף אַ רייזע.

די ערשטע טעג האָבן זיי באזוכט עטלעכע פאַבריקן, געווען אין מוזיי, געפאָרן צום האַפן און ארויפגעגאַנגען אויף עטלעכע שיפן. אויפן אינדישן מאַרק האָבן זיי געקויפט מתנות פאַר די קינדער און פריינד. סוף וואָך זיינען זיי שוין אָבער געווען אין אלע ערטער וואָס ווערן אנאָנסירט ווי אַטראַקציעס פאַר טוריסטן. האָט ברוך מיט אַמאָל אויסגעפונען, אז ער האָט שוין גאָרניט ווו צו גיין און וואָס צו זען. איז ער געזעסן און שטודירט די צייטונג, אפשר וועט זיך יאָווען עפּעס אַן אַטראַקציע. אַזוי לייענענדיק האָט ער, ניט טראַכטנדיק, אָפּגעשטויסן דאָס עסן, וואָס דזשיימס האָט אָקאָרשט אוועקגעשטעלט לעבן אים. דזשיימסן האָט עס ווי געטאָן: זיינע געשמאַקע מאכלים שטופּט ער אָפּ. האָט ער געזאָגט:

„דער באָאָס פילט זיך היינט ניט געזונט? ער עסט דאָך גאָרניט".

ברוך האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף:

„ניין, דזשיימס, איך בין געזונט, נאָר איך בין ניט הונגעריק".

אז דזשיימס האָט זיך געגרייט אוועקגיין האָט ברוך זיך געווענדט צו אים:

„איך האָב געהערט, אז איר זולוס האָט אָפט עפנטלעכע טענץ צו וועלכע די ווייסע ווערן אויך צוגעלאָזן. טאָ זאָג מיר ווען און ווו קומען די דאָזיקע טענץ פאָר? מיר וואָלטן עס גערן געפאָרן זען"

„די וואָך זיינען קיין טענץ ניט פאָראַן", האָט דזשיימס געזאָגט, „אָבער זונטאָג בייטאָג קומט פאָר דער אינדישער פייער־שפּאַציר".

„דער פייער־שפּאַציר", האָט רחל געזאָגט, „וואָס מיינט עס?"

דזשיימס, באַלאַנסירנדיק די טעלער אויף איין דלאָניע, האָט אָנגעהייבן טאָפּטשען מיט קליינע טריט אויף איין אָרט:

„די מאַדאַם האָט ניט געהערט, אז אינדיער גייען דורך באָרוועס דורך אַ לאַנגן גראָבן פון ברענענדיקע קוילן?" ער האָט צוגעגעבן, אז

דעם זונטאָג איז ער פריי, און אויך מערי, די אינדיער מידל וואָס אַרבעט אויך אין דעם זעלבן האָטעל, וועלן זיי טאַקע פאָרן צום טעמפל ווו די צערעמאָניע וועט פאָרקומען. אויב ברוך איז וויליק קאָן ער מיטפאָרן מיט אים און ווייזן דעם וועג. ברוך האָט פאַרגעלייגט, אַז בײדע, ער און מערי, זאָלן מיטפאָרן מיט אים אין זיין אויטאָ.

ד

עס איז געווען אַ זונטאָג נאָך מיטאָג. דערבענער זון האָט אומ־רחמנותדיק געברענט און געבראָטן. אויפן צעגליטן אַספאַלט פון וועג האָבן זיך הונדערטער אויטאָמאָבילן געצויגן צום אינדישן טעמפל פון „סעקאָנד־ריווער״. ביים טעמפל איז געשטאַנען פאַרקער־פּאָליציי און מיט גרויס מי געקערעוועט און קאָנטראָלירט דעם שטראָם אויטאָס און מענטשן — ווייסע, שוואַרצע און אינדיער. אַלע זיינען געקומען זען די אויסטערלישע צערעמאָניע פון פייער־שפּאַציר. די גרויסע מאַסע איז געשטאַנען אין געדיכטע רייען לענגאויס אַ גרויסער גרוב, אין וועלכער עס האָבן געברענט און געגליט אַ מאַסע מיט קיילן. ברוך איז געשטאַנען נאָענט צו דער גרוב. יעדע פּאָר מינוט האָט ער געגלעט די קני, ווי וועלנדיק אראָפּשאַרן די היץ וואָס איז געקומען פון גרוב. ער האָט זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט, אָבער ווייט אָפּ־טרעטן האָט ער ניט געקאָנט, די הינטערשטע רייען האָבן געדריקט און אים האָט זיך ניט געוואָלט אָנווערן דעם פּלאַץ פון וואַנען מען האָט אַלץ געקאָנט זען. רחל איז געשטאַנען מיט מערין עטלעכע רייען הינטער אים, געהאַלטן איר שירעם הויך איבער זייערע קעפּ, זיך שיצנדיק פון די הייסע זונשטראַלן.

מיט אַמאָל האָט פון ברעג טייך זיך דערטראָגן אַ פּויקעריי פון אינדישע פּויקן, וואָס האָבן מיט יעדער מינוט אָנגענומען אַ געשוויג־דערן ריטעם. דער געפּויק האָט באַגלייט אַ פּראָצעסיע פון פרויען און מענער, וועלכע האָט מאַרשירט צו דער קיילן־גרוב. עפּעס אויס־טערליש האָט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר דעם טויזנט־קעפּיקן עולם: עס זיינען פאַרביי מענער, באַהאַנגענע מיט נאָדלען און דראָטן אויף די נאַקעטע לייבער, ווי צענדליקער מעדאַלן, אָבער דאָס זיינען געווען געוויכטער, וואָס זייער עובדה איז געווען אריינצושטופּן די דראָטן טיפער אין לייב אריין. עס זיינען געגאַנגען האַלב נאַקעטע פרויען מיט הענגענדיקע דאַרע בריסט, מיט די הענט פאַרלייגט איבערן קאָפּ, ווי

צו אַ געבעט. עס זיינען געגאַנגען דאַרע סקעלעטן מיט ארויסגע־שטעקטע צונגען, פון וועלכע עס זיינען געהאַנגען שפּיזלען, וואָס האָבן געלעכערט די דאָזיקע להכעיס־צונגען. הינטער אלעמען איז געגאַנגען אַ מאָגערער אינדיער, אַנגעטאָן אין אַ קורץ קליידל און איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ מעדאל פון אַ אינדישן טעמפּל. ווען ער איז צוגעקומען נענטער האָט ברוך מיט שרעק דערזען, אז דאָס געשפּאַן באַשטייט פון פאַרשפּיצטע אייזנס, וואָס זיינען געווען איינגעבויערט אין די נאַקעטע דאַרע פלייצעס פון דעם אינדיער. דער אינדיער מיטן וואָגן איז אַלץ טיפער געזונקען מיט די פיס אין די ברענענדיקע קוילן און געשלעפּט דעם וואָגן. אלע האָבן, אומבאַוווּסטזיניק און ניט פילנדיק דאָס פייער, דורכגע־שפּרייזט מיטן אינדיער דעם קוילן־גראָבן. ברוך האָט געפילט ווי צו געבן דעם וואָגן אַ בריק, אָבער זעענדיק די פאַנאַטישע פּנימער פון די ארומשטייענדיקע אינדיער האָט ער באַגריפן, אז די פייער־גייער דאַרפן ניט זיין הילף. דער לעצטער אינדיער איז אדורך די גרוב און איז פארשלונגען געוואָרן צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם. באלד נאָך דעם איז דער פאַרוווּנדערטער און צעטומלטער עולם זיך פונאַנדער־געגאַנגען. ברוך האָט גענומען זיין ווייב פאַר אַ האַנט און צוגעוווּנ־קען צו מערין און דזשיימסן, אז זיי זאָלן פאָרן מיט זיי.

רחל האָט נערוועז געדרייט איר שירעם:

„אז מען וואָלט אונדז דערציילט וועגן אזא זאַך וואָלטן מיר דאָס אויף קיין פאַל ניט געגלויבט", האָט זי געזאָגט.

ברוך האָט געזאָגט:

„איך וואָלט ניט געגלויבט, אז מענטשלעכער פאַנאַטיזם זאָל האָבן אזא כוח".

און ער האָט זיך דערמאָנט, אז דער רבי זיינער אין חדר האָט פאַרציילט, אז אברהם אבינו האָט זיך דורכגעשפּאַצירט דורך אַ ברע־נענדיקן קאַלך־אויוון.

„איך האָב דאָס ניט געגלויבט", האָט ער געזאָגט זיין ווייב.

„פאַרוואָס", האָט זי געזאָגט, „האָסטו געדאַרפט גלויבן? אַט זיינען מיליאָנען פון אונדזערע ברידער אויך אומגעקומען אין היטלערס קאַלך־אויוונס — זיינען זיי דען אנדערע מענטשן געווען ווי די אינדיער? די הײַנטיקע צערעמאָניע קלינגט מיר ווי אַ ווילד פאַנאַטישער חלום".

ברוך האָט געשוויגן.

ה

דער וועג איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. פון איין זייט האָט זיך גע־הייבן אַ באַרג, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל, פון דער צווייטער זייט איז געלעגן אַ טיפער טאָל מיטביימער. ברוך מיט רחלען זיינען געפאָרן אָנקוקן די געגנט. ער האָט מיטגענומען דזשיימסן פאַר היימלעכקייט — ער זאָל אים ווייזן דעם וועג, האָט ער אים געזאָגט.

רחל איז געזעסן אין אויטאָ שטייף, אָנגעצויגן, זיך אָנגעהאַלטן אָן עפּעס מיטביידע הענט — נאָר ניט ארויספאַלן! אין דער אמתן האָט זי שוין לאַנג חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך געלאָזן איינ־ריידן צו פאָרן — אזא געפערלעך שטיקל וועג! זי האָט אפילו ניט באמערקט די פראַכט־פּאַנאָראַמע, זי האָט נאָר געבעטן: אריבער־קומען דעם וועג בשלום...

דאָס איז געווען זייער לעצטער אויספלוג. איבערמאָרגן פאָרן זיי שוין צוריק אהיים. זי האָט געשוויגן און זיך געשעמט זאָגן ברוכן וועגן איר מורא. דזשיימס איז געזעסן הינטן אין אויטאָ, גלייכגילטיק צום עצם פאָרן, אָבער ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב יעדע פאָר מינוטן אָנווייזן ברוכן אויף עפּעס אַן אנדער מערקווירדיקייט: אַ גרויסן פעלדז, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פון אַ שלאָפנדי־קער פרוי; אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זקן, געבויגן אין דרייען פון אַ ווייטאָג אין רוקן. ברוך האָט אויף אלץ געקוקט מיט אַ זייטיקן בליק, געקוקט פאָרויס און געקערעוועט דעם אויטאָמאָביל אויף דעם שלענגלדיקן וועג.

ענדלעך זיינען זיי צוגעקומען צו דער אומגעני דאַמבע, דער הויפּט ציל פון זייער היינטיקער רייזע. דאָ, ביי דער דאַמבע, איז רחלס געשפּאַנטקייט פאַרשוואונדן. נאָך דעם ווי זיי האָבן באַקוקט אַלע איינריכטונגען, האָבן זיי זיך געזעצט עפּעס עסן. אויפן גראָז האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַ טישטוך און צעלייגט די טעלערלעך מיט פּראָוויאַנט וואָס זיי האָבן מיטגענומען. דזשיימס, באַקומענדיק זיין פּאָרציע, איז אוועק אָן אַ זייט (אַ שוואַרצער האָט ניט ליב צו עסן אין דער קעגנוואַרט פון ווייסע). אָפּגעגעסן, איז ברוך אריין אין זיין אויטאָ און אויפגעדרייט דעם ראַדיאָ. ער האָט געוואָלט הערן אַ ביסל מוזיק, אָבער אין מיטן שפּילן האָט עס אויפגעהערט און מען האָט גע־געבן דעם צייכן פון אַ ספּעציעלע נייעס־טראַנסמיסיע. אַ שטימע האָט

געמאָלדן: „אין דערבן האָבן אויסגעבראָכן אומרועןֹ. מחנות שוואַרצע זיינען באַפאַלן די קוואַרטאַלן פון די אינדיער, זיי טויטן מענטשן און צינדן אונטער הייזער און געשעפטן, עס זיינען שוין פאַראַן א סך קרבנות״. ברוך האָט תיכף באַשלאָסן צו פאָרן צוריק אין דערבן, איידער די אומרוען וועלן זיך דערקלייבן צו די זייטיקע וועגן.

דער וועג האָט געפירט באַרג אַרויף. רחל האָט איצט זיך ניט גע־זאָרגט וועגן די טיפע אָפּגרונטן, פאַרביי וועלכע דער אויטאָ איז גע־לאָפן. אירע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט די אומרוען: געבוירן אין דרום אפריקע, אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן פון קינד־וויז אָן אויף ראַסן־אַנטאַגאָניזמען, האָט זי זיך געשראָקן, אַז די דאָ־זיקע אומרוען קאָנען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קריג פון די שוואַרצע קעגן די ווייסע. זי האָט איצט געגאַרט זיין וואָס גיכער אין דער סבי־בה פון ווייסע, ווייט פון אומרוען און סכנות. ברוך, וועלכער איז גע־קומען אין אפריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און ער האָט גע־דענקט די צרות וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען פון דער צאַרישער רעגירונג, די רדיפות און פּאָגראָמען, האָט דערהערנדיק די נייעס גע־טראַכט: היינט שלאָגן די שוואַרצע די אינדיער, וועמען וועלן זיי שלאָגן מאָרגן?

זיי זיינען אריינגעפאָרן אין דערבן. די ערשטע גאַסן זיינען גע־ווען רואיק, דער גאַס־פאַרקער נאָרמאַל, דער אויסדרוק אויף די פּנימער פון די מענטשן — זאָרגלאָז. אָבער באַלד זיינען זיי אריינגע־פאָרן אין אַ קוואַרטאַל, וואָס ברוך האָט ניט געוווּסט אַז עס איז אַן אינדיער פאַרשטאָט. די גאַס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַן אורקאַגאַן: צעבראָכענע שטיקער מעבל, צעשמעטערטע שויבן, פאַרשיידענע הויז־אַרטיקלען האָבן זיך געוואַלגערט אויף די טראָטואַרן און אין מיטן גאַס. אינדיער האָבן עס צוזאַמענגענומען אין קופּעס און געפּאַקט לעבן זייערע פאַגראַמירטע הייזער און געשעפטן. אין מיטן גאַס זיי־נען געשטאַנען גרופּעס אינדיער, צעשראָקענע ווי שעפסן. דערביי האָבן הייזער געברענט. מענטשן האָבן געטראָגן בעטגעוואַנט, מעבל און אנדערע חפצים.

לעבן א הייזל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהייבן ברענען, איז גע־שטאַנען אַן עולם אינדיער. א פרוי האָט געוויינט, געשריען אויפן קול. זי האָט זיך געריסן צום פייער, אָבער עטלעכע אינדיער האָבן זי אָפּ־געהאַלטן. פון אירע קולות האָט רחל פאַרשטאַנען, אַז אין דעם ברע־

ברענענדיקן הייזל איז געבליבן עמעצער פון איר משפחה. ברוך האָט געמוזט אָפּשטעלן דעם אויטאָ צוליב דער גרויסער מאסע מענטשן. רחל האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן דעם צער פון דער מוטער, זי האָט געזאָגט:

„ערשט אָ זיינען זיי געווען העלדישע פייער־גייער — פאַרוואָס גייען זיי ניט ראַטעווען זייערס אַ קינד?"

ברוך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„דאַרפסט פאַרשטיין", האָט ער געזאָגט, „אַז די דאָזיקע שריפה איז אַ פייער פון ראַסן־האַס, קעגן אַזעלכע פייערן זיינען אינדישע און יידישע פייער־גייער אומבאַהאָלפן".

אין דער מינוט האָט דזשיימס, וואָס איז געזעסן הינטן אין אויטאָ זיך אויפגעהייבן:

„באָאָס", האָט ער געזאָגט, „איך גיי ראַטעווען".

איידער ברוך האָט זיך אומגעקוקט איז דזשיימס צוגעלאָפן צו אַן אינדיער, וואָס האָט געטראָגן אַן עמער וואַסער, עס ארויסגעריסן פון זיין האַנט און ארויפגעגאָסן אויף זיך, דאַן איז ער אריינגעלאָפן אין דער ברענענדיקער הייזל. אַ טוץ העלפער זיינען אונטערגעלאָפן צו דעם ברענענדיקן הייזל.

עס זיינען פאַרביי אייניקע מינוטן. מען האָט געהערט דאָס קנאַלן פון ברענענדיקן האָלץ, פון בלעכן. ענדלעך איז דזשיימס ארויסגעקומען, ער האָט געהאַלטן אַ קינד אין זיינע אָרעמס. די מאַמע פון קינד האָט זיך ארויסגעריסן פון די הענט, וואָס האָבן איר געהאַלטן און מיט אַ היסטערישן געשריי צוגעלאָפן צו דזשיימסן. דזשיימס האָט איר דערלאַנגט דעם לעבעדיקן פּעקל און אַליין איז ער אריינגעשפרונגען הינטן אין אויטאָמאָביל, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן. ברוך האָט אַ דריק געטאָן אויף דעם גאַז־פּעדאַל, דער אויטאָ האָט זיך פאַרנומען אין אַ ווייטיקער גאַס און איז שנעל אַוועק. ברוך האָט שטיל געזאָגט:

„זעסט, רחל, דזשיימס האָט זיך שוין אויך קוואַליפיצירט פאַר אַ פייער גייער".

„יאָ", האָט רחל געענטפערט, „אַ פייער־גייער פון אַ העכערער מדרגה".

אַ מיידל פון „לאַקיישן״

דער צוג האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געאָטעמט, געכריפּעט, ווי אַ קראַנקע באַשעפעניש, וואַרפנדיק איבערן אַרום וואָלקנס רויך.

אין קופּע איז חיים געזעסן אַליין. דער לעצטער מיטרייזנדער איז אויסגעשטיגן אויף דער פריערדיקער סטאַנציע. מיט אַ פרייען געמיט האָט חיים אַרויסגעוואָרפן די פּאַפּירן און צייטונגען, די שאָ־לעכץ און ברעקלעך פון פרוכט און עסנוואַרג, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט אויף די בענק און אויפן דיל. ער האָט געעפנט דאָס פענצ־טער און נייגעריק געקוקט אויף דער דרויסנדיקער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אָפט געענדערט און פאַרשוווּנדן פון אויג.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט דורך בערג און טאָלן. דער צוג האָט זיך געקרייזט אַרום יעדן באַרג, אַנטפּלעקנדיק כסדר אַ ניי אַנציִענדיק בילד. אָט איז מען פאַרבייגעפאָרן אַ הויכן באַרג, וועמענס פעלדזן האָבן אַרויסגעשטאַרצט אַזוי האָפערדיק און געהאַנגען איבערן צוג, ווי גרייט זיך אַראָפּצוקייקלען אויף אים און צעמאָלן אויף שטויב די קוים קריכנדיקע וואַגאָנעס. אין אַזעלכע רגעס האָט חיים זיך געפילט הילפלאָז אַנטקעגן דער מאַוימדיקער נאַטור. נאָר אָט פאַר־שווינדט די קריטישע רגע און די באַן, ווי אַ באַפרייטע, פאָרט אַרויס פונעם קלעם און נידערט אַראָפּ אין אַ טיפן אָפּגרונט באַוואַקסן מיט געדיכטעביימער, וווּ די זון צערטלט די שטיינער אויף די בערג־ראַנדן.

חיים האָט מיט די אויגן געשלונגען אַלע פּייזאַזשן, איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון צעגרינטן וואַלד, זיך פאַרגעסנדיק אַז ער פאָרט אַזוי אין דעם הייס־שטיקנדיקן וואַגאָן שוין דעם דריטן טאָג.

ווען פּאַסאַזשירן זיינען נאָך געווען אין וואַגאָן האָט מען געפירט געשפּרעכן, דיסקוסיעס און ניט געפילט דעם לאַנגווייל. מען פלעגט אַרויסקוקן דורכן פענצטער נאָר דאַן ווען דער צוג פלעגט זיך אָפּ־

שטעלן אויף אַ סטאַנציע, כדי צו זען נייע מענטשלעכע פּנימער. די נאַטור האָט קיינעם ניט פאַרלאָזט. ביז פאַר דער לעצטער סטאַנציע איז מען געפאָרן אויף אַן אויסגעטריקנטן, אויסגעברענטן פלאַכלאַנד. ווען־ניט־ווען האָט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַרביי דעם וואַגאָן־פענצטער אַ בערגל, וואָס האָט געלאָזט דעם איינדרוק פון אַ הויקער אויף אַ דאַרן גוף; אַ סטאַדע אויסגעהונגערטע שעפּסן און שטעכיקע ביימ־לעך — דאָס אַלץ האָט ניט ארויסגערופן קיין ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט. איצט אָבער לויפט דער צוג אויפן גאָרטן־וועג פון דרום־אפריקע. די נאַטור האָט ארויסאַנטפּלעקט איר שפע און איר גאַנצע סובטראָפּישע פּראַכט. אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין באַן, זיינען געשטאַנען ביי די פענצטערס און באַוואונדערט די פּראַכטיקע נאַטור און מיטגעאָטעמט מיט דער קראַפט פון די בערג און די פעלדזן. חיים איז לאַנג געזעסן ביים פענצטער און זיך געזעטיקט מיט די נאַטור־בילדער, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט פאַר זיינע אויגן. אין דער רגע איז ער געווען אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט, קאָנצענטרירנדיק זיין דמיון אויף די דרויסנדיקע בילדער. דער ווינט האָט מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן אַ וואָלקן רויך פון לאָקאָמאָטיוו און אַ שטיקל קייל איז אים אריין אין אויג. ער איז ארויס אין קאָרידאָר און מיט זיין איינ־גענעצטע טיכל אויסגערייניקט דאָס אויג. אריינגייענדיק צוריק אין קופּע האָט ער ווידער געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט די נאַטור־פּאַנאָ־ראַמעס, וואָס זיינען געשווינד פאַרבייגעלאָפן, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויף דער לעצטער סטאַנציע האָט אַן אויסגעמאָגער־טער שוואַרצער, מיט אַ ווייטיקדיקער שטים געבעטלט ברויט. די ווערטער „ברעד, באַאָס" און זיינע הונגעריקע בליקן, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף די רייזנדער, האָבן געשטערט חיימס אידילישע רו. ער האָט צוגעוואָרפן דעם שוואַרצן זעקס קופּערנע מטבעות, וואָס יענער האָט מיט שימחה אויפגעקליבן. חיים האָט איצט זיך פּירגע־וואָרפן: ער האָט דאָך געקאָנט אים דערלאַנגען די נדבה אין האַנט, אָבער דאַן וואָלט דאָך קיינער עס ניט באַמערקט...

חיים האָט מיט פאַרדרוס געטראַכט וועגן זיין קליינבירגערלע־כער נייגונג צו רעקלאַמירן זיין „גוטהאַרציקייט", זיין רחמנות־געפיל אין די אויגן פון פרעמדע מענטשן. זייענדיק פאַרטיפט אין די דאָזיקע מחשבות האָט ער ניט באַמערקט, אַז די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַנציע. ערשט, ווען אַ הויכער בור האָט דורכן פענצטער

אים דערלאַנגט זיין טשעמאָדאַן, האָט דער פאַדעם פון זיינע מחשבות זיך איבערגעריסן. די וואַליזע פון זיין שכן האָט ער ארויפגעלייגט אויף דער אויבערשטער פּאָליצע. הינטערן בור איז אין קופּע אריינגעקומען אַ שלאַנק־הויכע מיידל. זי איז געווען שיין געקליידט. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר פון קופּע, ניט זייענדיק זיכער צי זי זאָל זיך זעצן נאָענט אויף דער באַנק. ווארפנדיק אייניקע נאָכפאָרשנדיקע בליקן אויף חיימען איז זי אריין אינעווייניק. זי האָט זיך געזעצט אויפן ראַנד פון באַנק און צניעותדיק אראָפּגעצויגן איר קלייד אריבער די קני.

חיים האָט באַזעסן די פעאיקייט שנעל צו שליסן באַקאַנטשאַפט מיט מענער, אפילו ווערן פריינד, אָבער מיט פרויען איז אים ניט צוגעגאַנגען אזוי גרינג. עס האָבן אים שטענדיק געפעלט ווערטער אויף אויסצופורעמען אַ פראַזע. ער האָט דעריבער אַ כאַפּ געטאָן זיין בוך, וואָס ער האָט שוין דריי טעג ניט געעפנט. אַ בוך איז פאַר חיימען געווען אלע מאָל, ווי אַ שוץ־גרוב פאַר אַ זעלנער: מיטן דינעם פּאַפּיר־ווענטל פון די אָפענע בלעטער האָט מען זיך געקאָנט אָפּצוימען פון דעם נאָענטן ארום, און פון איבער די שוואַרצע שורות האָט מען געקאָנט גלייכצייטיק אָבסערווירן... אויך איצט האָבן זיינע אויגן אריבערגעקוקט איבערן ראַנד פון בוך. ער האָט באַמערקט די שוואַרצע לאָקן האָר, וואָס האָבן זיך ארויסגעשאַרט פון דעם מיידלס הוט, די לאַנגע ברעמען, וואָס האָבן באשאָטנט איר בלאַסן פּנים, איר שיין געטאָקט נעזל, איר פולן בוזעם, וואָס האָט פּולסירט אונטער דער זיידענער בלוזקע. די דאָזיקע שכנה זיינע איז חיימען באַלד געפעלן געוואָרן. עס האָבן דורכגעבליצט רעיונות, אָבער ער האָט זיך באַמיט אָפּצוטרייסלען פון זיך אלע מחשבות, וואָס די שיינע פרוי האָט אין אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין בוך, געפרווווט לייענען, אָבער די שורות זיינען ווי צעשווומען פאַר זיינע אויגן. ער האָט ניט אויפגעהערט אריבערצוקוקן אין דער זייט פון דער שכנה, וועלכע האָט אויך באַמערקט זיינע בליקן און אין פאַרלעגנהייט זיך אָפּגעווענדט אין אַ זייט.

דער צוג איז שוין געווען אוועק פון דער סטאַנציע. אין קופּע האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון מאָנאָטאָנעם רעדער־געמרויש. צום סוף האָט חיים פון א קעשענע ארויסגענומען אַ טאָוועלע שאָקאָלאַד און האָט עס העפלעך פאָרגע־

ליגט זיין שכנה. זי האָט באַדאַנקט, אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און געשמייכלט. זיי האָבן אָנגעהייבן ריידן. פון אָנהייב איז עס צוגעגאַנגען שווער, אין אָפּגעהאַקטע פראַזעס, וועגן וועטער און דער וואַרעמקייט אין וואַגאָן. חיים האָט עפּעס פאַר איר פּאַטעטיש געשילדערט און זי האָט זיך צוגעהערט מיט גרויסן נייגיר. די יונגע שכנה האָט אים אויף אַלץ געענטפערט מיט לאָגיק און אין אַ שיינעם ענגליש. לאַנגזאַם איז דער שמועס אַריבער אויף טאָג־טעגלעכע ענינים, עקאָנאָמישע פּראָגעס. חיים האָט באַלד באַמערקט, אַז זיין שכנה איז אַן אינטעליגענטע מיידל. ער איז געוואָרן צו איר פריינדלעכער און האָט זיך דערוווסט פון איר, אַז איר נאָמען איז העלען סמיט, זי איז אַ בוכהאַלטערין אין אַ ביוראָ און פאָרט איצט פון וואַקאַציע צוריק צו איר אַרבעט. ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין קייפּטאָן האָט חיים פריינדלעך זיך געזעגנט מיט זיין שיינער מיטרייזנדערין און פאַרשפּראָכן זיך צו טרעפן מיט איר.

2.

חיים איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט אין זיין געוועלב. כאָטש ער פלעגט דאָרטן וואַרטן גאַנצע שעהן אויף קליענטן, האָט ער אָבער זעלטן זיך געקאָנט דערלויבן אַרויסגיין פון קראָם. זיין וואַגאָן־שכנה האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן: בייטאָג האָט ער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זי צו זען, און אין די אָוונטן האָט ער זיך געדאַרפט טרעפן מיט זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט געפירט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. נאָר איין מאָל איז אים צופעליק אויסגעקומען פאַרבייגיין די גאַס פון איר ביוראָ. עס איז גראָד געווען די צייט ווען די געשעפטן און די ביוראָס שליסן זיך, האָט ער דערפאַר באַשלאָסן אָפּצוּוואַרטן ביים אַריינגאַנג פון ביוראָ, ווו העלען סמיט האָט געאַרבעט. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זי איז טאַקע אַרויסגעקומען — די זעלבע שלאַנקע פיגור, אין איר באַשיידענער קליידונג, ווי ער האָט זי געטראָפן אין צוג. העלען האָט אים באַלד דערקענט און מיט פרייד באַגריסט. זיי האָבן געמיטלעך געשפּרייזט אויפן טראָטואַר, ווי אַלטע באַקאַנטע, און אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אויף מאָרגן.

* * *

חיים האָט זיך באַגעגנט מיט איר יעדן אָוונט, געשפּאַצירט און צוזאַמען געגאַנגען אין קינאָ. מען האָט דיסקוטירט וועגן פאַרשיידע־

נע פּראָבלעמען, און איינער דעם צווייטן האָט אויסדערציילט קאַפּיט־לעך און עטאַפּן פון דעם פּערזענלעכן לעבן. חיים האָט איר דערציילט פון זיינע צוקונפט־פּלענער, זיינע ווונטשן און חלומות. העלען האָט אים מיט באַזונדערער נאַענטקייט אויסגעהערט און זיך געפרייט מיט זיין פרייד, און געהאָלפן אים זאָרגן זיין זאָרג.

זייער פריינדשאַפט איז געוואָרן אינטימער. דאָס איינציקע, וואָס חיימען האָט פאַרדראָסן איז געווען, וואָס העלען האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זיך טרעפן מיט זיינע חברים. אונטער פאַרשיידענע תירוצים האָט זי ניט אָנגענומען זיינע איינלאַדונגען צו קומען אויף אַ צו־זאַמענטרעף, אַ פּאַרטיע. שטענדיק האָט זי אים גערופן גיין מיט איר שפּאַצירן, און געגאַנגען זיינען זיי שטענדיק אין זייטיקע גאַסן, ווו מענטשן גייען ווייניק. חיים האָט עס אויסגעטייטשט, אַז זי וויל זיין נאָר מיט אים אליין.

איין מאָל, ווען זיי זיינען געווען אין אַ קינאָ האָט מען געוויזן אַ פילם, וואָס האָט באַהאַנדלט אַ ראַסן־פּראָבלעם. אויפן עקראַן האָט מען דעמאָלט געוויזן איינע פון די פּאָפּולערסטע לעבנס־דראַמעס: אַ מיידל און אַ בחור האָבן זיך קעגנזייטיק געליבט. זיך דערוויסנדיק, אַז דער בחור שטאַמט פון כינעזער איז די גאַנצע ליבע באַלד צע־שטערט געוואָרן — דאָס מיידל האָט באַשטימט, אַז קוים שטאַמט דער בחור פון אַ נידעריקערער ראַסע, טאָר זי זיך ניט פאַרבינדן מיט אים. די פּראָדוצירער פונעם פילם האָבן ניט געוואָלט לייזן קיין ראַסן־פּראָבלעמען און אויך ניט איבערלאָזן קיין ווייטאָגלעכן צער ביים עולם, איז דעריבער דער דאָזיקער פילם פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַן עפּילאָג: די געליבטע דערוויסט זיך צום סוף, אַז איר געליב־טער איז אַ פולבלוטיקער ווייסער, נאָר ער איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ כינעזישער פאַמיליע. דער פינאַל — שלום און ליבשאַפט.

דער פילם האָט אַלעמען געהאַלטן אין גרויסער שפּאַנונג. מען האָט געקוקט אויפן לייוונט און מיטגעפילט מיט די אַרטיסטן. אין אַ לאַנד פון ראַסן־קאָנפליקטן האָט דאָס בילד ארויסגערופן גאָר א באַזונדערן אינטערעס. אויך חיים און העלען זיינען געווען שטאַרק באַאיינדרוקט,ביידע זיינען מיט אָנגעשטרענגטע בליקן גע־זעסן און האָבן מיט צעהיצטע, באַגייסטערטע פּנימער געקוקט אויפן עקראַן. ארויסקומענדיק, האָט חיים, ווי שטענדיק, געשפּרייזט גע־אָרעמט מיט העלען. פּלוצלונג האָט ער זיך געווענדט צו איר:

„ווייסט, העלען, ווען איך האָב דערזען דעם אָנהייב פונעם קינאָ־בילד האָב איך געטראַכט, אַז דער פילם וועט אונדז געבן אַן ענטפער אויף דעם ראַסן־פּראָבלעם, כ׳האָב ניט דערוואַרט אַז דער ענטפער זאָל זיין אַ ראַדיקאַלער, אַז ער זאָל זאָגן קלאָר און אָפן, אַז מיר זאָלן אוועק־וואַרפן אונדזערע קליינבירגערלעכע באַגריפן און זיך צונויפשמעלצן מיט די אַנדערע ראַסן, אָבער דער סוף האָט מיך גאָר ניט באַפרידיקט. העלען האָט געשמייכלט: „און דו, חיים, וואָלסטו דען אַנדערש גע־האַנדלט, ווען דו וואָלסט זיך אַנגעשטויסן מיט אַן אַנאַלאָגישן ראַסן־פּראָבלעם?"

ער האָט זיך צעלאַכט. „העלען, וואָס הייסט? אָט בין איך אַ ייִד און דו אַ קריסטין, און דאָך האָבן מיר זיך אַזוי נאָענט צוזאַמענגע־לעבט".

„חיים", האָט העלען ווידער געפרעגט, „ביסטו זיכער צי דיר וואָלט ניט געקימערט אויב דיין ווייב וואָלט, למשל, געווען אַ כינע־זערין, אַ קאָלירטע, אָדער גאָר אַ שוואַרצע — וואָלסטו דען שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דיינע קינדער וועלן זיין קאָלירטע?"

„העלען, צוליב וואָס דאַרפן מיר ריידן וועגן זאַכן אַן וועלכע מיר שטויסן זיך ניט אָן? אונדזער פּראָבלעם איז ניט קאָמפּליצירט, אויב דו ביסט גערן וועלן מיר אַ ליאַדע טאָג אריינגיין אין מאַגיס־טראַט־ביוראָ און זיך פאַרבינדן אויפן גאַנצן לעבן. אָדער, העלען, אפשר ווילסטו ניט חתונה האָבן מיט אַ יידן — האַ?"

„דו ווייסט דאָך פון מיין ליבע צו דיר", האָט העלען געזאָגט, „איך האָב ניט קיין רעליגיעזע פאָראורטיילן, אָבער צו פאַרבינדן זיך לעגאַל איז נאָך צייט. צי דען זיינען מיר ביידע ניט גליקלעך אָן דעם אָפיציעלן חתונה־צעטל?"

חיים האָט אַלץ געדרונגען, אַז זיי דאַרפן חתונה האָבן לעגאַל, אָבער העלען האָט ניט מסכים געווען און דעצידירנדיק דאָס אָפּגע־לייגט אויף אַ שפּעטערדיקער צייט.

טעג זיינען פאַרביי. חיים איז געווען פאַרנומען אין זיין גע־שעפט און אומגעדולדיק געוואַרט אויף די אָוונטן און די זונטאָגס ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט העלען. צו זיך אין שטוב האָט זי אים קיין מאָל ניט פאַרבעטן אונטער דעם אויסרייד, אַז זי האָט אַ געדונ־גענעם צימער און די באַלעבאַטים וועלן זיכער ניט זיין צופרידן ווען

אַ בחור וועט זי באַזוכן. זי האָט אויך געזאָגט, אַז אין הויז שטיקט איר די לופט, און זי פילט זיך פרייער אין פּאַרק, אין וואַלד, צי ביים ים. חיים האָט דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר גוט. אים איז אויך געווען ניחא צו אַריינאָטעמען פרישע לופט נאָך די לאַנגע שעהן אין געשעפט.

3.

אין לאַנד איז געקומען צו פאָרן אַ באַוווסטער שריפטשטעלער. ער האָט אויך געדאַרפט באַזוכן קייפּטאַון. אַלע האָבן גערעדט וועגן אים. מען האָט געקויפט זיינע ווערק, און זיינע פאָטאָגראַפישע בילדער זיינען געווען אַרויסגעהאַנגען אין געשעפטן און שוי־פענצטערס. באַלד האָט מען געמאַלדן, אַז דער שרייבער וועט געבן זיין ערשטן רעפעראַט אין שטאָט־זאַל. אַלע זיינען געלאָפן קויפן בילעטן. חיים האָט געקויפט בילעטן פאַר זיך און פאַר העלען. ער האָט איר דורכן טעלעפאָן וועגן דעם אָנגעזאָגט און זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין שטאָט.

פאַרנאַכט האָט חיים פאַרמאַכט זיין געשעפט עטוואָס פריער, האָט זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן. ער איז געווען אומגעדולדיק און געוואָלט זיין וואָס גיכער אין זאַל צו פאַרנעמען אַ בעסערן פּלאַץ. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו גיין צו העלען אין צימער, זי צו־צואיילן. מיט אַ טראַמוויי איז ער צוגעפאָרן נאָענט צו איר הויז און אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט געוואַרט אַ היפּשע צייט. ער האָט שוין געהאַט בדעה אוועקצוגיין, נאָר דאָ האָבן זיך געהערט פון אי־נעווייניק טריט. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט און עס האָט אַרויסגעקוקט דער קאָפּ פון אַ קאָלירטער פרוי אין די מיטעלע יאָרן. חיים איז אַריין אין קאָרידאָר און געפרעגט: „ווו איז מיס סמיט?"

„מיין שוועסטער, העלען?" האָט די קאָלירטע געפרעגט.

„ניין", האָט חיים איבערגעחזרט, „מיס סמיט — אַ שיינע יונגע פריילין. נאָר אפשר האָב איך געמאַכט אַ טעות..." אין דער רגע אָבער האָט פון אַ דערבייאיקן צימער אַרויסגעקלונגען העלענס באַ־קאַנטע שטים, די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און פאַר אים איז געשטאַנען העלען מיט אַ קאָלירט קינד אויף די הענט. חיים איז שטאַרק בלייך געוואָרן. אויך העלען, וואָס האָט אַקאָרשט געלאַכט, איז געשטאַנען צעשראָקן און טויט־בלאַס.

צום סוף האָט חיים מיט אַ קול ווי פון אַ פוסטער פאַס ארויס־געשטאַמלט: „העלען, דיין שוועסטער איז אַ ברוינע, דו ביסט אויך מסתמא אַ ברוינע, דו האָסט מיך גענאַרט. זאָג, העלען?״ האָט ער היסטעריש אָנגעהייבן שרייען, „איז עס אמת?״

העלען איז שוין געשטאַנען לעבן אים און מיט פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויף חיימען, מורמלענדיק: „ליבער חיים, יאָ, דאָס איז מיין שוועסטער און איר קינד. איך האָב אַלץ געדענקט, אַז מיין אָפּשטאַם וועט פאַר דיר ניט זיין קיין שטער. איך האָב באמת גע־גרייזט, וואָס איך האָב עס דיר ניט דערציילט. איך האָב גערעכנט, אַז ביי דיר איז דער ראַסן־אונטערשייד ניט קיין פּראָבלעם, אַפּנים, איך האָב געמאַכט אַ טעות. גוד־באַי, חיים, גיי ארויס דורך דער טיר און פאַרשליס מיך אין מיין געטאָ...״

חיים איז שטיל ארויסגעגאַנגען.

ער האָט לאַנג געשפּרייזט איבער די גאַסן פון שטאָט. דער שטאָטישער גערויש פון די אויטאָס און טראַמווייען האָט ניט פאַר־הילכט העלענס לעצטע ווערטער: „פאַרשליס מיך אין מיין געטאָ״.

ערשט שפּעט ביינאַכט איז ער געקומען צו זיך אין צימער. ער האָט לאַנג ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געפיבערט. אים האָט זיך געחלומט, אַז ער האַלט אין האַנט אַ גרויסן מאַסיוון שליסל און פאַרריגלט מיט אים די טיר פון העלענס „געטאָ״...

אויף אַ פאַרם

א.

מלכה איז געשטאַנען פאַרטייעט ביים פענצטער און געהאַלטן הויך א פליגן־כאַפּער. זי האָט געוואָרט, אז אַ פליג זאָל זיך אראָפּ־זעצן אויפן ברעטל פון פענצטער צי אויף א שויב און מיט הנאה זאָל זי קאָנען אַ שמיץ טאָן עטלעכע מאָל, זיכער מאַכנדיק אַז די פליג איז טויט. אויפן דיל זיינען שוין געלעגן הונדערטער צעשעדיקטע, טויטע פליגן, ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד. עס האָט אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט עס געטאָן אויס נקמה פאַרן שווערן פארמער־לעבן, נקמה פאַר דער פאַראַיאָריקער טריקעניש, פאַר די אומציילִיקע ניט דער־פילטע וואונטשן און האָפענונגען. און אפשר האָט זי עס געטאָן, כדי איבערצורייסן דעם ריטעם פון כראָפּן, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון שלאָפצימער. דאָס האָט יואל, איר מאַן, געלאָזט וויסן אז היינט רוט ער. יעדן זונטאָג נאָך מיטאָג נעמט ער זיך דאָס פארגעניגן אויסצו־רוען נאָך דער שווערער וואָך ארבעט. מלכה האָט זיך אויך געלייגט, אָבער דער שלאָף איז ניט געקומען צו איר אזוי גרינג ווי צו יואלן — ווי נאָר ער, יואל, לייגט אוועק דעם קאָפּ אויפן קישן שלאָפט ער שוין.

נאָך מיטאָג, מיט דער הילף פון דער שוואַרצער דינסט, האָט מלכה אויפגערעאַמט דאָס עס־צימער. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, אָבער די היץ און די פליגן האָבן איר ניט געלאָזט רוען, איז זי אויפגעשטאַנען און ווידער זיך גענומען צו די פליגן. דאָס הויז איז געווען ארומגעשטעלט און ארומגעצוימט מיט קליינעביימ־לעך, וואָס האָבן ניט דערלאָזן קיין פרעמדע בליקן, אָבער די נאָכ־מיטאָג־זון האָט זיך פאַרט אריינגעריסן מיט איר גאַנצער היץ. פון ווייטן האָט זיך געזען אַ וואָלקן שטויב און מלכה האָט מיט נייגער געקוקט אין דער ריכטונג — זי איז ניט געווען זיכער, צי איז עס דער שטויב, וואָס דער ווינט הייבט אויף פון די טרוקענע וועגן, אָדער עס קומט אַנגעפאָרן אַן אויטאָ.

ביים טויער פון פאַרם־צוים האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ־מאָביל. מלכה האָט ניט וואַרטנדיק צו זען ווער עס איז געקומען, תיכף אָנגעהויבן אָפּבינדן דעם פאַרטוך, וואָס זי האָט געטראָגן פאַר איר הויז־אַרבעט. אין הויז איז אַריינגעלאָפן איר זעקס־יאָריקע, פון זון אָפּגעברענטע מיידעלע און מיט אַ דין שטימעלע אָנגעזאָגט מלכהן אין אַפריקאַאַנס, אַז אַ פּרעדיקאַנט און אַן אַנדער „אום" (פעטער) זיינען געקומען. מלכה האָט אָנגעכאַפּט דאָס מיידעלע פאַר אַ הענטל: „קום, רות, געשווינד, לאָמיר דיך אַרומוואַשן און פאַרקאַמען, עס פּאַסט ניט פאַר מענטשן, ווי שמוציק דו ביסט". און האַלטנדיק רותן איז זי צוגעגאַנגען צו יואלן און אים אָנגעהויבן וועקן: „יואל, געסט זיינען געקומען".

יואל איז אויפגעשטאַנען, אָנגעטאָן די אויבערשטע בגדים, אַרויפ־געשלעפּט די שיך, געטאָן אַ וואַש דאָס פּנים און איז אַרויס צו די געסט.

מלכה האָט דערווייל געוואַשן און געפּוצט רותן. אַז זי איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן קינד האָט זי געגומען פאַרקעמען אירע אייגענע האָר. זי האָט באַקוקט אירע פאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס זיינען גע־ווען רויט, ווי בורעקעס, פון וואַשן געשיר און מילך־קאַנען, פון באַקן און צוגרייטן עסן. זי האָט באַטראַכט אירע נעגל — אַמאָל פלעגט זי זיי פּוצן און שמירן מיט רויטער פאַרב, איצט זיינען זיי צעבראָכן און האָבן שוואַרצע שמוץ־רעמלעך. זי האָט אַריינגעגאָסן וואַסער אין אַ וואַש־שיסל און גענומען רייבן די הענט מיט אַ בערשטל. פון פאָדערצימער האָבן זיך געהערט די שטימען פון עטלעכע מענער. מען האָט גערעדט ענגליש. מלכה, צעשראָקן, האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויף איר אָנטועכץ — זי האָט געטראָגן איר טאָג־טעגלעכע קלייד, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט זיך איבערצוטאָן. יואל האָט זי שוין גערופן. זי האָט ווידער אַ גלעט געטאָן אירע האָר פאַרן שפּיגל, אַ פּיר געטאָן מיטן רויטן בליישטיפט איבער די ליפּן און איז אַריין אין גאַסט־צימער. רות איז איר נאָכגעגאַנגען.

„אַ גאַסט, אַן אמתער גאַסט", האָט יואל געהאַלטן אין איין אי־בערחזרן און זיך גערייבן די הענט פון הנאה. „מלכה, זעסט ווער עס איז געקומען אונדז באַזוכן — דער ראַבאַי אַליין, און מ"ר ווישניאַק, דער גבאי. אַזעלכע געסט, אַזעלכע געסט! אָ, נו, מלכה, גיב נאָר אַ ביסל כיבוד".

מלכה האָט געקוקט פון איין גאַסט אויפן אַנדערן מיט אומצו־טרוי: שוין זיבן יאָר אַז זי לעבט אויף דער פאַרם און היינט, צום ערשטן מאָל, איז דער רב געקומען פון שטאָט אויף אַ באַזוך. וואָס קאָן עס באַדייטן? דער ראַבאַי האָט איר באַגריסט און דערלאַנגט זיין האַנט. ער האָט זיך צוגערירט צו איר האַנט מיט די שפּיצן פינגער און עס תּיכף צוגעכאַפּט צוריק. מ״ר ווישניאַק האָט זיך העפלעך פאַרנייגט און אַ מורמל געטאָן אונטערן נאָז: „באמת זיך ניט, מיר זיינען גע־קומען פאַר אַ קורצער צייט״.

מלכה איז אַרויס אין קיך, געגומען רופן די שוואַרצע דינסט זי זאָל מאַכן טיי. אַליין האָט זי אַריינגעטראָגן אַ טאַץ מיט טייגלעך, וואָס זי האָט געהאַלטן אָנגעגרייט פאַר געסט. זי האָט די טייגלעך אוועקגעשטעלט לעבן רב. ער האָט עס פריער גוט באַקוקט, אַרויס־געצויגן איין טייגל און עס צוגעטראָגן צום מויל, אָבער באַלד האָט ער עס צוריק אוועקגעלייגט און אָנגעהייבן אַרומזוכן אין זיינע קע־שענעס. ער האָט געפונען אַ יאַרמולקע, עס אָנגעטאָן און געמאַכט אַ ברכה, דאַן האָט ער אַריינגעלייגט דאָס טייגל אין מויל. ווישניאַק האָט זיך אַנטשולדיקט, ער טאָר ניט עסן קיין זיסע זאַכן, האָט ער געזאָגט.

רות איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און נייגעריק געקוקט אויף די פרעמדע מענטשן. מיטאַמאָל איז זי צוגעגאַנגען צו איר מוטער, זי אַ ציי געטאָן פאַרן קלייד און מיט אַ קינדיש־קלינגענדיקער שטימע געפרעגט אין אַפריקאַאַנס: „מאַ, איז דער פרעדיקאַנט דאָ געקומען גאָט בעטן?״

מלכה איז געוואָרן פאַרשעמט און צעטומלט און זי האָט כעסדיק אַרויסגעשעפּטשעט: „שאַ, זיי שטיל, ער איז ניט קיין פרעדיקאַנט, ער איז אַ יידישער ראַבאַי״.

אָבער רות האָט זיך ניט באַרויקט, איר נייגער איז געוואָרן גרויס: „אָבער, מאַ, ער איז אָנגעטאָן פונקט ווי דער פרעדיקאַנט דו טאָיט, וועלכער וווינט ניט ווייט פון דאַנען״. מלכה האָט זי געוואָלט אַרויס־שטופּן, אָבער דער ראַבאַי האָט זיך געווענדעט צו רותן: „וואָס איז דיין נאָמען, מיידעלע?״ רות האָט פאַרשעמט געשוויגן און געקוקט אויף דער מאַמען מיט פרעגנדיקע בליקן. מלכה האָט דערקלערט: „זי קאָן ניט קיין ענגליש, אין שטוב רעדט זי אַפריקאַאַנס און ווען זי שפּילט זיך מיט די שוואַרצע קינדער רעדט זי סעסוטאָ״. דער רב

האָט זיך דאַן געווענדט צום קינד אין אפריקאַאַנס, געפרעגט ווי אלט עס איז, צי עס גייט אין אַ שול, צי עס קאָן דאַוונען און אויב עס וויל לערנען היברו. רות האָט אים דערציילט, אז זי וועט אין גיכן אָנהויבן גיין אין א נאָענטער פאַרם־שול, דאָרטן וועט זי שוין אלץ לערנען, ווי אלע אנדערע קינדער. „איך ווייס אָבער", האָט זי זיך באַרימט, „ווי צו בענטשן ליכט". מיט די הענטלעך האָט זי פארשטעלט איר פּנים און געפרעפּלט עפּעס, וואָס האָט געזאָלט זיין די תּפילה איבער ליכט־בענטשן. ווישניאק האָט זיך געווענדט צום רב: „רבי, איר זעט, דאָ אין הויז איז פאראַן א פונק פון יידישקייט". און צו יואלן: „איך וווּנדערט אוודאי וועגן וואָס מיר זיינען געקומען צו איך. נו, איר האָט דאָך שוין מיסתּמא געהערט אז מיר בויען אין שטאָט א נייע סינאַגאָגע, ווילן מיר, אז איר זאָלט זיך באשטייערן". יואל האָט פאַרלעגן געשוויגן און געקוקט אויף מלכהן. מלכה, וואָס האָט געקוקט מיט שטאָלץ אויף איר טאָכטער, דערהערנדיק די לעצטע ווערטער פונעם גבאי, איז גיך צוגעגאַנגען צו איר מאן: „באַשטייערן? וואָס קאָנען מיר מישטיינס געזאָגט איך געבן? מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר פאַרלאָרן אלץ דורך א האָגל, פאראיאָרן איז געווען אַ טריקעניש. קוים וואָס מען האַלט זיך מיטן גוף, מען דאַרף קויפן פּאַשע פאַר די בהמות. עס איז אַ שווערע צייט".

יואל האָט זיך ארויסגעכאַפּט: „ס'הייסט, מיר זאָגן חס וחלילה ניט אָפּ. אז מיר וועלן האָבן אַ גערעטעניש וועלן מיר אויך געבן, אָבער דערווייל קאָנען מיר ניט. איך האָב ניט קיין בארע געלט. אָט, אז איר וואָלט געקומען קלייבן, ווי דאָס טוען די בורן פאַר זייער קירך, וואָלט איך געקאָנט געבן עטלעכע הינער, אַ פּאָר שעפּסן, אָדער אַ זאַק ווייץ — דאָס איז גרינגער, אָבער געלט — פון וואַנען?"

„נישקשה", האָט דער ראבאי זיך אָפּגערופן, „איר דאַרפט ניט פאַרלירן דעם ביטחון, גאָט וועט געבן איר וועט האָבן אַ גוטע גערעטעניש, אָבער דערווייל קאָנט איר אויסמאַכן א וועקסל צו צאָלן שפּעטער, אין פאַרלויף פון יאָר. מיר קלייבן דאָך ניט פאַר אבי וואָס — מיר בויען דאָך אַ סינאַגאָגע, עס וועט זיין אַ ווונדער־שיינע געביידע, מיר וועלן ניט האָבן מיט וואָס זיך צו שעמען פאַר די קריסטן".

מלכה האָט אויסגעגלעט איר קלייד: „רבי", האָט זי זיך געווענדט צום רב, „איז אייער איצטיקע שול טאַקע אזוי קליין, אז מען מוז בויען א גרעסערע און א שענערע? פאַראַיאָרן האָט יואל געהאַט

יאָרצייט נאָך זיין מאמען, איז ער אריינגעפּאָרן אין שטאָט דאוונען און זאָגן קדיש, האָט מען ניט געקאָנט, האָט ער מיר דערציילט, צו־נויפברענגען אַ מנין״.

ווישניאַק האָט עפּעס דעם רב אריינגעסודעט. דער רב האָט אויפגעהויבן די אויגן און שטיל, ווי אין פאַרלעגנהייט, געזאָגט: „מיין ליבע פרוי, עס איז טאַקע אמת, אז די גאַנצע וואָך זיינען יידן אין אפריקע פאַרנומען, פאַרשמייעט מיט ביזנעס, מיט טאָג־טעגלעכער ארבעט, אָבער אז עס קומען די ימים נוראים איז די שול געפּאַקט און עס איז ניטאָ קיין אָרט פאר אלעמען, דעמאָלט זעען אלע ווי נייטיק עס איז אַ נייע שול״.

מלכה, וואָס האָט שטענדיק געהאַט גרויס דרך־ארץ פאר רבנים און פרומע יידן, האָט איצט געוואָלט זיך ארויסדרייען פון דער דיסקוסיע. אַ פּאָר מינוטן האָט זי געשוויגן, ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער, באלד האָט זי זיך געכאַפּט און געזאָגט: „אוי ווי, איך האָט גאָר פאַרגעסן, אז איך האָב געהייסן מאַכן טיי, איר וועט נאָך מיינען, אז מיר, יישובניקעס, ווייסן ניט ווי אויפצונעמען געסט״. זי איז געשווינד ארויס אין קיך. איצט האָט דער גבאי, ווישניאַק, ארויסגענומען אַ געדרוקטן פּאַפּיר און אים אוועקגעלייגט פאר יואלן אויפן טיש. יואל האָט עס פריער אָפּגערוקט פון זיך, דערנאָך גענומען לייענען און ענדלעך געזאָגט, אז סוף יאָר וועט ער באַצאָלן 25 פונט. ווישניאַק האָט פאַרקרימט מיט דער נאָז, געבעטן הונדערט פונט, אָבער צום סוף צוגענומען דעם וועקסל. ווען מלכה איז אריינגעקומען מיט די גלעזער טיי איז דער אונטערגעשריבענער פּאַפּיר שוין געלעגן ביי ווישניאַקן אין קעשענע.

ווען אַלע האָבן געענדיקט טרינקען האָבן די געסט זיך צעזעגנט. שוין שטייענדיק ביי דער טיר האָט דער רב זיך עפּעס דערמאָנט, ער האָט זיך געווענדט צו מלכהן: „מיין ווייב, די רביצין, האָט מיר אָנגעזאָגט אז איך זאָל קויפן עטלעכע טוץ אייער, אָן אינדיק, אָדער אַ פּאָר הינער״.

מלכה האָט אים איבערגעשלאָגן: „וואָס הייסט — קויפן? א רב איז געקומען צו אונדז אזא מהלך, פון שטאָט, און וועט נאָך באַצאָלן? יואל, גיי כאַפּ א גאַנדז, קיין אינדיקעס האָבן מיר ניט היי־יאָר. איך וועל ברענגען אייער און אַ סלאָי איינגעמאכטס״. יואל האָט געבראַכט אַ גרויסע גאַנדז, איר צונויפגעבונדן די פיס און אריינגעלייגט אין

אויטאָ. דער רב האָט זיי בײדן געדריקט די הענט און געזאָגט, אַז אַזעלכע גאָטספֿרײנדלעכע ייִדן ווע גאָט ניט פֿאַרלאָזן און זיי וועלן האָבן אַ יאָר פֿון גערעטעניש.

ב.

יואל איז געגאַנגען אַ פּאָר טריט פֿאָרויס, מלכּה איז אים נאָכגעגאַנגען און געפֿירט פֿאַרן הענטל די קליינע רות. זיי זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אין פֿעלד. פֿון פֿעלד האָט איצט געיאָגט אַ קיל ווינטל, געשאָקלט די ארומיקע ביימער און די בלעטער האָבן געמאַכט אַ טומל, ווי זיי וואָלטן ריידן. מאַן און ווייב האָבן איצט ניט גערעדט צווישן זיך. ביידע זיינען געווען פֿאַרטאָן אין זייערע געדאַנקען, וועלכע זיינען אָפּט איבערגעריסן געוואָרן פֿון רותס נייגעריקע פֿראַגעס. זיי זיינען פֿאַרביי די ליימענע הייזקעס פֿון די שוואַרצע. ביי איין הייזל איז אַ שוואַרצער געזעסן אויף אַ שטול און האָט געהאַלטן אויפֿן שויס אַ דיק בוך. אַרום אים, אויסגעזעצט אויף דער ערד, זיינען געזעסן אַלע יואלס אַרבעטער און זייערע געסט — אַ מאַן צוואַנציק. זיי האָבן זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צום אַלטן. דער אַלטער איז געווען אַ מרוטי (אַ גלח) און ער האָט איצט געהאַלטן אַ תּפֿילה־דרשה פֿאַר זיין געמיינדע. ווען יואל און מלכּה זיינען פֿאַרביי איז דער פּרעדיקאַנט אויפֿגעשטאַנען און הויך באַגריסט די ווייסע. די פֿאַרזאַמלטע שוואַרצע האָבן אויך אַרויסגעזונגען: „אַ גוטן טאָג, באַאַס, אַ גוטן טאָג, מיסיס". די שוואַרצע קינדער־קולות האָבן אָפּגעהילכט, ווי עכאָס: „מעדאַך, באַאַס!" (אַ גוטן טאָג).

רות האָט זיך געטאָן אַ ריס פֿון איר מאַמען, געוואָלט לויפֿן זיך שפּילן מיט די קינדער, אָבער מלכּה האָט זי פֿעסט געהאַלטן ביי דער האַנט: „רות, די שוואַרצע דאַוונען", האָט מלכּה געזאָגט, „דאַרפֿסט ניט גיין אַהין זיי שטערן". רות האָט זיך באַרואיקט. שפּעטער האָט זי געפֿרעגט איר מאַמען: „דער שוואַרצער, וואָס לייענט פֿון בוך, איז אַ פּרעדיקאַנט אָדער אַ ראַבאַי". מלכּה האָט איר דערקלערט אַז שוואַרצע האָבן ניט קיין ראַבאַיס. „און קירכן האָבן זיי?" האָט רות ווייטער געפֿרעגט. „יאָ, אין שטאָט האָבן זיי, אָבער דאָ בעטן זיי גאָט אין דרויסן". עס האָט זיך דערהערט דאָס זינגען פֿון אַ כאָר. עס איז געווען אַ הימן. דער כאָר האָט איבערגעריסן די שטילקייט אַזוי אומדערוואַרט, אַז פֿון אַלע אַרומיקע קוסטעס האָבן פֿייגל זיך אויפֿגע־

הייבן מיט א צוויטשעריי און לאַנג זיך ארומגעדרייט אין גרופּעס איבער די ארומיקע פעלדער. יואל איז אריין אין זיינע צעאַקערטע פעלדער, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט א טעפּיך פון יונגע גרינע מילי־שפּראָצונגען. זיי האָבן זיך געוויגט אין ווינט און יעדע רגע געביטן דעם קאָליר אין שיין פון דער פארגייענדיקער זון, און עס האָט איבערגעלאָזן דעם איינדרוק, ווי דינע כוואַליעס פון ים וואָלטן זיך געטראָגן איבער דער אויבערפלאַך פון פעלד. רות האָט מיט איר קינדיש קולכל אָנגעהייבן מיטהאַלטן מיטן געזאַנג פון כאָר. מלכה האָט אָנגעהייבן ברומען אַ טאַנץ־ניגון, וואָס האָט זיך ביי איר געמישט מיטן ניגון פון דעם הימן.

„מאַ", האָט רות געוואָלט וויסן, „וואָס זינגען די מענטשן?" „זיי בעטן גאָט", האָט איר מוטער געענטפערט. „וואָס בעטן זיי?" האָט רות אָנגעהאַלטן. „זיי בעטן, אז מיר זאָלן האָבן אַ גערעטעניש". „פאַר וואָס דאַרפן זיי בעטן פאַר אַ גערעטעניש פאַר אונדז?" האָט רות ניט נאָכגעלאָזן. מלכה האָט זיך אַ ביסל פארלאָרן פון איר טאָכ־טערס קשיות. זי האָט געזאָגט: „אז מיר וועלן האָבן א גערעטעניש, וועלן זיי האָבן גענוג ברויט, מילי־מעל און אנדערע זאַכן". און ווי צו דערגאַנצן דעם ענטפער האָט רות צוגעגעבן: „זיי ארבעטן דאָך פאַר אונדז, דאַרפן זיי אויך גאָט בעטן פאַר אונדז".

עס איז שוין געווען שפּעט, נאָך זון־אונטערגאַנג, ווען יואל און מלכה האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייער שפּאַציר. ביי די הייזלעך פון די שוואַרצע האָט געשפּילט א קאָנצערטינע און אַ גיטאַרע האָט אונטערגעברומט צום טאַקט. עטלעכע שוואַרצע האָבן געזונגען צו־זאַמען. יואל האָט געטראַכט: ער וואָלט איצט גערן זיך זעצן ביים פייער און זיך צוהערן צו די לידער און דאָס שפּילן פון די שוואַרצע, אָבער אזוינס ווערט ניט געטאָן: ער, א ווייסער, זאָל זיך חברן מיט זיינע שוואַרצע ארבעטער. ער איז געשווינדער פארבייגעגאַנגען די ליימענע הייזלעך. מלכה איז שוין געווען מיד פון שפּאַציר. יואל האָט געטראָגן רותן. מלכה האָט געחלשט שלאָפן: פינף פאַרטאָג וועט זי אויפשטיין, אכטונג געבן אויפן מעלקן די קי, געבן עסן די הינער, אַראָפּנעמען די סמעטענע מיטן „סעפּערייטער" — אזוי פיל ארבעט האָט זי פאַר דער קומענדיקער וואָך, און צוליב וואָס די גאַנצע מי? צוליב אַ שטיקל חיונה און אָפּצאָלן דעם משכון אויפן פאַרם. וועט זיין אַ גערעטעניש, וועט אפשר ווערן גרינגער צו לעבן.

ג.

מלכה האָט זיך יענעם טאָג ניט געפילט צו גוט. זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן קאָפּווייטאָג און געפילט אַ מידקייט אין אַלע גלידער. זי האָט וועגן דעם קיינעם ניט דערציילט, אָבער אין אָוונט, נאָך וועטשערע, האָט זי יואלן געזאָגט, אַז זי גייט זיך לייגן. שפּעט אין דער נאַכט האָט זי אים אויפגעוועקט און געבעטן דערלאַנגען אַ ביסל וואַסער און אַן אַספּירין־פּיל, כדי צו דערלייכטערן אַ ביסל איר קאָפּווייטאָג. אויף מאָרגן האָט זי פון בעט ניט געקאָנט אויפשטיין, זי האָט געפיבערט. יואל האָט טעלעפאָנירט אַ בורישע פרוי פון אַ דערבייאיקער פאַרם, מיט וועלכער זיי זיינען געווען שטאַרק באַפריינדעט, זי זאָל קומען אַ קוק טאָן וואָס איז דער מער מיט מלכהן. פרוי וואַן אַסוועגן, אַן עלטערע פרוי, האָט איר ראָל ווי אַ מעדיקער אָדער באַרמהאַרציקע שוועסטער גענומען ערנסט. זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַנץ קעסטל מיט פלעשלעך און געווירצן און פאַרזיכערט, אַז זי וועט מלכהן באַלד געזונט מאַכן. זי האָט געמישט טראָפּנס אין גלעזער, געלייגט קאַלטע און הייסע קאָמפּרעסן. זי האָט דערציילט יואלן וויפל קראַנקע זי האָט ארויסגעריסן פון דעם מלאך המוות'ס הענט, וויפל מאָל זי אליין איז געווען קראַנק, אָבער קיין מאָל ניט גערופן קיין דאָקטער. אַלץ זיך אויסקורירט מיט מעדיצין, וואָס איר באָבע און עלטער־באָבע האָבן גענוצט.

„איך בין אַ טאָכטער פון די ערשטע „פּאָרטרעקערס" (פּיאָנערן), האָט זי מיט שטאָלץ געזאָגט, „מיין באָבע און מאַמע האָבן ביים גרויסן „טרעק" (וואַנדער) קיין דאָקטוירים ניט געהאַט. אין ביטערן געראַנגל מיט דער ארומיקער נאַטור און די ארומיקע שונאים האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו זיין דאָקטוירים און באַרמהאַרציקע שוועסטער. איך האָב זיך אויך געלערנט אין דער זעלבער שול".

יואלן איז פון אירע רייד געוואָרן גרינגער און ער איז אַוועק צו דער ארבעט אויפן פעלד, אָבער אַז עס זיינען פאַרביי אַ פּאָר טעג און מלכה איז ניט געוואָרן בעסער — און יואלן האָט זיך אויסגעוויזן אַז מלכה ווערט ערגער — האָט ער ארויסגערופן אַ דאָקטער פון שטאָט. דער דאָקטער האָט דערקלערט, אַז ער מיינט אַז מלכה ליידט פון מאָגן־טיפוס. ער האָט איר געגעבן מעדיצין און צוגעזאָגט קומען אין אַ פּאָר טעג ארום. יואל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן: טאָמער שטאַרבט זיין מלכה. ער קאָן איר ניט העלפן. ער איז דאָ איינזאַם.

וואָלט ער געלעבט צווישן יידן, וואָלט אים געווען גרינגער, מען וואָלט אפשר געקאָנט וואָס טאָן פאַר דער קראַנקער. אפשר זאָל ער גאָט בעטן. אין זיינע געדאַנקען האָט ער אָנגעהייבן צונויפשטעלן עפּעס אַ תפילה, אָבער מער ווי שטיקלעך פון קדיש און אַ פּאָר ברכות פון א שבתדיקער תפילה האָט ער ניט געקאָנט ברענגען אויפן גע־דאַנק. קדיש האָט ער מורא געהאַט צו זאָגן. אים האָט שטאַרק פאַר־קוועטשט דאָס האַרץ און ער האָט שטיל אָנגעהייבן וויינען, מור־מלענדיק: איך האָב געזינדיקט, מען איז געקומען בעטן פאַר אַ שול און איך האָב צו ווייניק געגעבן. אז מלכה וועט ווערן געזונט וועל איך זיי געבן הונדערט פונט. דער געדאַנק וועגן דער גרויסער נדבה, וואָס ער האָט אין זיינע מחשבות צוגעזאָגט, האָט אים אַ ביסל באַרו־איקט. ער האָט איינגעדרעמלט, זיצנדיק אין שטול.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין געשפּראָצט אויף טאָג. אַ מידער, ניט קיין אויסגעשלאָפענער איז ער אויפגעשטאַנען פון שטול, זיך ארומגעוואַשן, אָפּגערזירט און איז ארויס אין הויף אכ־טונג געבן אויף די שוואַרצע, וועלכע האָבן געדאַרפט דערליידיקן די אַרבעט וואָס מלכה פלעגט טאָן. פאַרבייגייענדיק די הייזלעך פון זיינע ארבעטער האָט ער דערזען ביים נידעריקן געלעגער פון אַ קראַנקן, וואָס איז געלעגן אויפן דיל, איז געזעסן אַן אַלטער, כמעט נאַקעטער שוואַרצער. ער איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ לעמ־פערט־פעל איבער וועלכער עס זיינען געהאַנגען אַ סך פרענדז, חיה־שע ווידלען און טאַרבעס פון מאַלפּע־הויט. מיט אַ ראַזיר־מעסערל האָט דער שוואַרצער איינגעשניטן די וווּנד פון קראַנקן און אין די קליינע שניטן אריינגעריבן די „מעדיצין" און דערביי עפּעס געשעפּ־טשעט אין דער שטיל.

ווען יואל איז אריינגעקומען, האָט פון איר אָרט, אויפן באָדן פון הייזל, זיך אויפגעהייבן דעם שוואַרצנס ווייב און ווייזנדיק אויפן אַלטן געזאָגט יואלן אין דער שטיל: „ער איז אַ גרויסער ניאַנגאַ, אַ דאָקטער, זיין נאָמען איז לאַפּאַטסי, מיר האָבן אים געבראַכט, אז ער זאָל געזונט מאַכן מיין מאַן".

יואל איז געשטאַנען ביי דער טיר און נייגעריק געקוקט אויפן אויסטערליש דאַרן שוואַרצן. זיי האָבן זיך ניט באַגריסט. אים האָט זיך געוואָלט זען די קונצן און די כישוף־מיטלען מיט וועלכע דער ניאַנגאַ היילט, וועגן וואָס עס דערציילן אים זיינע שוואַרצע

ארבעטער. אָבער דער שוואַרצער איז איצט געווען פאַרטיפט אין זיינע מחשבות און האָט אויף יואלן אפילו ניט געקוקט. יואל איז געשטאַנען עטלעכע מינוט, אָבער זעענדיק אז דער ניאַנגאַ רירט זיך ניט איז ער אומגעדולדיק ארויס פון הייזל. ער האָט נאָך געהאַט א סך ארבעט. ער איז געגאַנגען זען, ווי עס גייט צו דאָס מעלקן די קי.

אין שטוב האָט ער שוין געטראָפן די אַלטע וואָן אַסוועגן, וואָס איז נעכטן אָוונט געווען אוועק צו זיך אהיים. זי האָט אים געזאָגט, אז מלכה איז נאָך ניט בעסער, אָבער ער דאַרף זיך ניט זאָרגן: אַ שווערע קראַנקייט היילט זיך ניט אויס אזוי גיך. מלכה איז אלעמאָל געווען אַ שטאַרקע פרוי, וועט זי, מיט גאָטס הילף, אריבערקומען די קראַנקייט. יואל האָט איר דערציילט, אז דער שוואַרצער דאָקטער לאַפּאַטסי געפינט זיך דאָ אויפן פאַרם. פרוי וואָן אַסוועגן האָט מיט באַגייסטערונג אויסגערופן: „גאָט, לאַפּאַטסי איז דאָ! טאָ וואָס וואַרט איר? רופט אים אריין צו מלכהן, זאָל דער ניאַנגאַ באַווייזן זיינע וווּנדער".

„איר גלויבט אין שוואַרצע מכשפים?" האָט יואל געפרעגט. אָבער די אַלטע האָט אים ניט געלאָזן רעדן: „וואָס מיינט איר, צי איך גלויב?" האָט זי געזאָגט, „אלע ווייסן, אז ער איז אַ גרויסער ווונדער־דאָקטער. ווייסע און שוואַרצע פון הונדערטער מיילן ארום פאָרן צו אים. איצט איז ער פאַראַן ביי אייער טיר און איר ווילט דורכלאָזן אזא געלעגנהייט".

פאַר יואלס אויגן האָט אַ שוועב געטאָן מלכהס פנים, ווי עס האָט אויסגעוויזן פאַריקע נאַכט: דער פאַרשפּיצטער נאָז, די אין די אויגנ־לעכער אריינגעזונקענע אויגן, איר שווער אָטעמען. ער האָט זיך אויפגעהייבן: „יאָ, איך גיי אים בעטן, אז ער זאָל קומען אַ קוק טאָן אויף מלכהן". ער איז אוועק צו די הייזלעך פון די ארבעטער. ביי דער טיר, ווו דער קראַנקער איז געלעגן, איז לאַפּאַטסי געזעסן און גע־שמועסט מיט די ארומיקע. יואל האָט אים באַגריסט און עטוואָס אין פאַרלעגנהייט אים געזאָגט, וואָס ער וויל האָבן פון אים.

לאַפּאַטסי האָט אים באַגריסט: „גוט מאָרגן, „מאַרענאַ" (האר), אָבער קומען זען מלכהן — דאָס ניט. איך בין ניט קיין דאָקטער, מאַרענאַ", האָט ער געזאָגט, „און דאָס געזעץ פון די ווייסע פאַרבאָט מיר אזא פּראַפּעסיע. איך העלף מיינע שוואַרצע ברידער. איר, ווייסע, האָט דאָך אייערע אייגענע מעדיצין־מענטשן".

יואל האָט לאַפּאַטסין פּאָרט געבעטן, אז ער זאָל נאָר קומען אַ קוק טאָן אויף מלכהן. אפשר האָט ער אזא מין מעדיצין, וואָס קאָן העלפן דער קראַנקער. לאַפּאַטסי האָט געשוויגן און עטלעכע מינוט געזעסן פאַרטראַכט. צום סוף האָט ער געזאָגט: „איך וועל אריבערקומען אַ קוק טאָן אויף דער ווייסער פרוי, אָבער כדי אויסצופירן מיין אר־בעט דאַרף איך האָבן אַ ציג". יואל האָט פאַרשפּראָכן צו באזאָרגן אַ ציג.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון פעלד, ווו ער האָט אָנגעיאָגט אַ ציג אהיים, איז לאַפּאַטסי שוין געזעסן אַ פאַרחלומטער, אונטער אַ בוים, און געקוקט אין דער ווייטנס. יואל איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אז ער האָט געבראַכט די ציג. לאַפּאַטסי האָט ניט גע־ענטפערט, געקוקט ווייט פאַר זיך און געשוויגן. עס זיינען פאַרביי אַ צען מינוטן. לאַפּאַטסי איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט. יואל האָט געטראַכט, אז דער אלטער האָט חרטה געהאַט און וועט שוין קיין זאַך ניט טאָן, אָבער א מינוט שפּעטער האָט לאַפּאַטסי זיך אויפגע־הייבן און געבעטן יואלן, אז ער זאָל אים אריינפירן צו מלכהן. יואל האָט געוואָלט אָנבינדן די ציג אָן אַ בוים, אָבער לאַפּאַטסי האָט פון אים איבערגענומען די שטריק און גענומען פירן די ציג אין הויז. עס האָט גענומען אַ צייט ביז עס איז געלונגען אריינצוקריגן די עקשנותדיקע ציג אין מלכהס חדר. דאָרט האָט לאַפּאַטסי צוגעפירט די ציג צו מלכהס בעט און געהייסן דער קראַנקער זי זאָל ארויפלייגן איר האַנט אויפן ציגס קאָפּ. מלכה האָט עס ניט געוואָלט טאָן, אָבער די אַלטע וואַן אַסוועגן האָט זי געבעטן פאָלגן דעם שוואַרצן. האָט זי מיט מי אויסגעשטרעקט די האַנט און עס ארויפגעלייגט אויף דעם ציגס קאָפּ. לאַפּאַטסי האָט דערווייל געזאָגט שפּרוכן אין זיין לשון און געפּאָכעט מיט אַ דינעם שטעקן, ווי ער וואָלט שלאָגן עמעצן. אין אַ פּאָר מינוטן ארום האָט ער די ציג ארויסגעפירט. ער האָט זי אי־בערגעגעבן צו אַ שוואַרצן און זיך אליין געזעצט אויף דער ערד. מיט זיינע הענט האָט ער אויסגעגליכן אַ שטיקל ערד לעבן זיך, ארויסגע־שאָטן פון א בייטעלע זאַמד, און דאָס אָרט קעגנאיבער, ווו ער איז געזעסן, געמאַכט פלאַך. פון אַן אַנדער בייטעלע האָט ער ארויסגע־נומען צוועלף ביינער. די ביינער זיינען געווען אויסגעשניצט אויף איין זייט: איין ביין האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ ציג, דאָס צווייטע פון א לייב, אַ שלאַנג, און אנדערע חיות. יעדער ביין האָט נאָך געהאַט

דערצו אַנדערע שניצונגען און סימנים. דריי מאָל האָט ער איבער־געקליבן די ביינער און דריי מאָל זיי אויסגעשאָטן אויף דאָס פלאַכע שטיקל ערד. צום דריטן מאָל האָט ער יואלן געזאָגט, אַז דאָס ביין אויף װעלכן עס איז געװען אויסגעקריצט אַ קראָקאָדיל איז עטלעכע מאָל געפאַלן מיט דער אויסגעשניצטער זייט צו דער ערד. „דאָס, מארענא, איז א סימן, אז דיין װייב װעט ניט שטאַרבן". ער האָט צו־זאַמענגעשאַרט די ביינער און זיי זאָרגפעלטיק אריינגעשאָטן אין אַ זעקעלע, װאָס איז געװען געמאַכט פון מאַלפּע־לעדער און געזאָגט: „פּעלילאַ" (געענדיקט). ער האָט זיך אויפגעהייבן, צוגענומען די ציג פון דעם שװאַרצן, און ניט ריידנדיק צו קיינעם אַ װאָרט, איז ער אװעק דורכן טויער.

יואל איז געבליבן שטיין אויף דער װעראַנדע און געװאָלט װיסן, װאָס דער ניאַנגאַ מיינט צו טאָן. עס האָט געדויערט א גוטע שעה אײדער לאָפּאַטסי האָט זיך װידער באַװיזן ביים הויז. ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך אַ טעפּל בלוט און אָנגעהייבן שפּריצן אויף אַלע װינקלען פון הויז. ער איז דערנאָך אריין אין שלאָפצימער און גע־בעטן אַ גלאָז. ער האָט אריינגעגאָסן בלוט אין גלאָז, אויפגעמישט אין דעם געװירצן, בלעטער און עטלעכע שטיקלעך פליייש און דער־לאַנגט דער קראַנקער, זי זאָל עס עסן. מלכה האָט מיט עקל גענומען שלינגען די שטיקלעך, געװאָלט אויסשפּייען, אָבער די אַלטע װאַן אַסװעגן האָט ניט דערלאָזן.

אין אַ פּאָר װאָכן ארום איז מלכה געזונט געװאָרן. איין טאָג האָט זי זיך אָנגערופן צו יואלן: „מערי, אונדזער דינסט, זאָגט, אַז דער שװאַרצער װעמען דער ניאַנגאַ האָט געהיילט איז געשטאָרבן. אויב לאָפּאַטסי איז אזא װונדער־דאָקטער, פאַרװאָס האָט ער אים ניט אויסגעהיילט?"

אַ ניט באַצאָלטער קאָנצערט

דער קאָנצערט האָט זיך געשלאָסן מיט אַ פאָרשלאָג פון פּאָרזי־צער און צערעמאָניע־מאסטער פון אָוונט, אז דער כאָר זאָל זינגען דעם נאַציאָנאַלן הימן פון די שווארצע. מארוקו, דער דיריגענט, האָט אַ שמייכל געטאָן, פארמאַכט די אויגן, אַ קלאַפּ געטאָן דעם קאמער־טאָן אָן זיין האַנט, עס צוגעטראָגן צום אויער, זיך איינגעהערט צום טאָן פאר אַ סעקונדע און אַ מאַך געטאָן באַפעלעריש מיט דער האַנט. דער כאָר האָט אָנגעהויבן מיט דער ערשטער סטראָפע פון „אָ, אפ־ריקע". אַ פּאָר עלטערע ענגלישע פרויען האָבן זיך געשווינד אויפ־געשטעלט און מיטגעצויגן זייערע מענער, וועלכע האָבן זיך אויסגע־גלייכט מיט די הענט ביי די זייטן, און זיינען געבליבן שטיין, ווי בעת מען שפילט דעם ענגלישן הימן. נאָך זיי האָט זיך דער איבעריקער עולם אויך אויפגעהויבן און געשטאַנען, אנדערע מיט ערנסטע מינעס פון רעספּעקט, אנדערע מיט א בולטן אויסדרוק פון גרינגשעצונג. איינער האָט אפילו געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס: אויפגעשטאַנען איז ער יאָ, אָבער איין פוס געהאלטן אויף אַ דערבייאיקן שטול, און כלומרשט פאַרטראַכט איינגעבויגן דעם קאָפּ, אים אָנשפּאַרנדיק אויף זיין האַנט, וואָס האָט גערוט אויף זיין קני. קיינער האָט אָבער ניט פאַרלאָזן דעם זאַל איידער דער כאָר האָט געענדיקט זינגען.

מארוקו האָט דעם עולם ניט געזען, ער איז געשטאַנען מיטן רוקן צום עולם, אָבער ער האָט געפילט, און לויט דער קלאַפּעריי פון די שטולן האָט ער פארשטאַנען, אז מען האָט זיך שוין אויפגעהויבן. ער איז געווען באַגייסטערט: זיין הימן ווערט באַערט פון די ווייסע מיט אויפשטיין. ער, מארוקו, זינגט דאָך ניט פאר זיי דעם ענגלישן הימן, אויך ניט דעם אפריקאנער, נאָר דעם הימן פון זיינע אייגענע שווארצע ברידער. ביי אים איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אז דאָס זינגען פון זיין כאָר האָט עס צעשמאָלצן די הערצער פון די ווייסע צוהערער און

זיי דערנענטערט, אפּגעשאַפט אַלע מחיצות צווישן די זינגערס און די צוהערערס — דער עולם האָט דאָך אים געשאָנקען אַזוי פיל אַפּלאָדיסמענטן.

דער כאָר האָט געענדיקט זינגען די לעצטע סטראָפע פון הימן און דער עולם האָט אָנגעהייבן ארויסגיין פון זאַל, מען האָט זיך געטיילט מיט איינדרוקן, כמעט אַלע זיינען געווען צופרידן פון קאָנצערט, א גאָר גרויסער טייל איז געווען באַגייסטערט פון דעם האַרציקן געזאַנג, וואָס דער כאָר האָט זיי פאַרשאַפט. אַנדערע האָבן, ווי ניט גערן, מודה געווען, אַז אויך די שוואַרצע פאַרמאָגן טאַלענט. מאַרוקו האָט וועגן די געשפּרעכן, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט. אין זיינע אויערן האָט נאָך גערוישט דער קלאַנג פון אַפּלאַדיסמענטן, און דאָס האַרץ האָט פריידיק געקלאַפּט פון דער ברויזנדיקער אויפנאַמע. ער האָט געוואַרט ביז דער לעצטער ווייסער צוהערער איז אַרויס פון זאַל. דאַן איז ער צוזאַמען מיט עטלעכע מיטגלידער פון זיין כאָר אַרויס אויפן גאַס.

עס איז געווען שטיל אַרום. די ווייסע זיינען זיך שוין פונאַנדערגעפאָרן, ווער מיט אויטאָס, ווער מיט אָמניבוסן. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז שוין שפּעט און אַז זיי זיינען אין דעם ווייסן שטאָט־טייל אָן אַ דערלויבעניש, אָן אַ פּאַס. דער וועג צום „לאָקיישן" איז געווען ווייט. ער האָט אָנגעהייבן גיין גיך און זיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט דומפּיק, ווי עס וואָלט געגאַנגען אַ שווערע חיה. זיינע חברים האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז ער זאָל גיין שטילער, ניט וועקן די ווייסע, וועלן זיי אפשר אויסמיידן די פּאָליציי. מאַרוקו איז אָבער געווען ווי פאַרשיכורט. ער האָט געזאָגט: „למאי זיך גנבענען? מיר טוען ניט קיין בייז, מיר קומען דאָך פון אַ קאָנצערט, וואָס מיר האָבן געגעבן פאַר די ווייסע, מיר זיינען דאָך ניט קיין באַנדיטן, וואָס יעדער פּאָליציאַנט קאָן אונדז פאַרהאַלטן".

„יאָ", האָט אים ראַמוסאָ, דער באַס פון כאָר איינגערוימט שטיל, „מיר טאָרן ניט זיין אין שטאָט נאָך ניין אַזייגער. איצט איז שוין אַרום צוועלף ביינאַכט און — אָן אַ פּאַס". מאַרוקו האָט ניט געענטפערט. ער האָט ווייטער געשפּרייזט אויפן טראָטואַר. אין די הייזער אַרום איז געווען פינצטער — די ווייסע זיינען געשלאָפן. אַפּטמאָל האָט ערגעץ אַ הונט זיך געטאָן אַ בייזער. אָן אויטאָ איז אָפּט פאַרבייגעלאָפן און זיי באַלויכטן, דאַן פלעגן זיי געשווינד אַראָפּ פון וועג. זיי

האָבן מער צווישן זיך ניט גערעדט. מאַרוקו האָט נאָר שטיל געברומט אַ ניגון. מיט זיי האָבן זיך באַוועגט זייערע שאָטנס, וואָס פלעגן אויסוואַקסן אומגעהייער, פאַרבייגייענדיק אַ גאַסן־לאָמפּ.

ענדלעך זיינען די הייזער פאַרשוואונדן. פון ווייטן האָבן זיך גע־זען די קאָנטורן פון די לאָקיישן־הייזער. ראַמוסאָ האָט שוין געוואָלט זאָגן, אז זיי האָבן שוין דעם וועג דורכגעמאַכט בשלום, און אויב זיי וועלן איצט זיך אריינכאַפּן אין אַ זייטיק, פינצטער געסל, וועט פּאָ־ליציי זיי שוין ניט פאַרהאַלטן. אין דעם אויגנבליק זיינען זיי צוגעקו־מען צו אַ שוואַרצער מאַסע, ביי וועלכער עס האָבן זיך געפּאָרעט צוויי מענטשן. איינער, א ווייסער, האָט אויף זיי געטאָן אַ שיין מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל און אַ געשריי געטאָן: „דזשאָן, העלף מיר נאָר געשווינד צורעכט מאַכן דאָס ראָד פון אויטאָ". דער אויטאָ איז געשטאַנען געבויגן אויף איין זייט. מאַרוקו און זיינע חברים וואָלטן גערן געוואָלט פאַרבייגיין, עס ווילט זיך זיי אויך ניט איינריכטן די יום־טובדיקע קליידער, די איינציקע גוטע אָנצוגן וואָס זיי פאַרמאָגן, אָבער דער ווייסער קאָן דאָך זיין עפּעס אַ באַאַמטער, און אפשר גאָר אַ פּאָליציי־באַאַמטער, קאָנען זיי דאָך אים ניט אָפּזאָגן. זיינען זיי אַלע צו צום אויטאָ. דער ווייסער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אָנגעהייבן געבן באַפעלן: דו, דזשאָן, נעם ארויס דאָס רעזערוו־ראָד; און דו, נעם דעם פּומפּ און דערלאַנג נאָר אַ פּומפּ. געשווינדער „באָיעס", ניט געשלאָפן, איך האָב ניט קיין צייט. און אזוי זיך דרייענדיק פון איינעם צום אנדערן האָט ער געגעבן באַפעלן אין אַ שטילן טאָן.

מאַרוקו האָט געפּומפּעט דאָס ראָד. ער האָט דעם ווייסן געזאָגט, אז ער האָט נאָך קיין מאָל אַ ראָד פון אַן אויטאָ ניט געביטן, און כאָטש ראַמוסאָ איז אויך ניט געווען קיין גרויסער קענער אין דעם ענין פון בייטן רעדער, האָט ער אָנגעהייבן אַרבעטן ביים צעריסענעם ראָד. די ווייסע האָבן שוין פריער אונטערגעשטעלט דעם „דזשעק" און אויפ־געהייבן דעם אויטאָ, אָבער ראַמוסאָ האָט אין דער פינצטער ניט גע־קאָנט אָפּשרויפן דעם ראָד און דערלאַנגט א העפטיקן צי. דער אויטאָ האָט אָנגעוואָרן זיין גלייכגעוויכט און מיט א גרויסן טראַסק זיך אראָפּ־געגליטשט פון „דזשעק". מיט א ברום, ווי פון אַ ווילדער חיה, האָט דער ווייסער אַ געשריי געטאָן: „דו, בלוטיקער קאַפער, דו צע־ברעכסט דאָך מיין אויטאָמאָביל! איך וועל דיר ממיתן!" און מיטן

גאַנצן כוח דערלאַנגט ראַמוסאָן א בריק אין הינטן. ראַמוסאָ האָט זיך איבערגעקערט און מיט וויטאָג, נעבעכדיק, זיך גענומען פארענט־פערן: „באַאַס, עס איז פינצטער און איך קאָן ניט זען". אין דער רגע איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן מיט שוואַרצע פּאָליציי און זיך אָפּגעשטעלט.

* * *

יונה איז געגאַנגען פּאַמעלעך אין מיטן וועג, זיך געשאָקלט פון זייט צו זייט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „דער וועג איז פאר מיר, יונהן, דעם גרויסן געשעפטסמאַן". ער האָט געברומט אַ ניגון, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט אויפן קאָנצערט פון די שוואַרצע.

„זעסט, יונה, דו האָסט זיך שוין אויסגעלערנט די ניגונים פון די שוואַרצע, און דו האָסט ניט געוואָלט גיין צום קאָנצערט", האָט אים לאה, זיין ווייב, געזאָגט.

„כ'ווייס", האָט יונה געזאָגט זיך אָפּשטעלנדיק, „עס איז געווען אַן אומזיסטער קאָנצערט, אין די צייטונגען אפילו ניט אָנאָנסירט, האָב איך געמיינט, אז עטלעכע קאַפּעלעך וועלן מעקען. גיי ווייס, אז זיי וועלן אזוי שיין זינגען, באַלד א כפּרה אונדזערע חזנים. פאר אזא קאָנצערט האָט מען געדאַרפט באצאָלן א גינע, וואָלט עס אויך געווען אַ מציאה". ער איז געגאַנגען ווייטער זינגענדיק. זיין ווייב, וואָס איז געגאַנגען עטוואָס פאָרויס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג און געזאָגט: „נו, יונה, דו קאָנסט עס נאָך פאַרריכטן, אויב דו ווילסט באצאָלן פאַר דיין פאַרגעניגן, שיק זיי אריין דיין טשעק פאר א גינע, זיי וועלן עס צונעמען מיט אַ דאַנק".

„אָט די מינוט נעם איך זיך שרייבן טשעקס — אלע אנדערע געסט", האָט יונה געזאָגט, „וועלן אויך שיקן טשעקס?"

„אַנדערע זיינען מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אראַנזשירט דעם קאָנצערט, באַצאָלן זיי שוין במילא. א סך געסט זיינען טאַקע אריין אומזיסט און געהאַט הנאה — אָט ווי מיר", האָט לאה צוגעגעבן.

„נו, מילא, דיר צוליב וועל איך אויסשרייבן אַ טשעק פאר אַ פּאָר גינעס און דו קאָנסט עס זיי צושיקן. אָ, ווי יענער שוואַרצער האָט עס קונציק גענומען דעם טאָן מיט זיין קאַמערטאָן", האָט יונה אנטציקט זיך דערמאָנט וועגן מאַרוקוס דיריגירן.

לאה איז געווען צופרידן, וואָס דער קאָנצערט איז אים געפעלן. שוין א צייט פריער האָט זי געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז זי מוז

גייך צו דעם קאָנצערט־אָוונט, ניט ווייל זי איז געווען אַ באַגייס־טערטע אונטערשטיצערין פון שוואַרצע כאָרן, נייך, דאָס ניט, אָבער זי האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ קולטורעלע פרוי — פלעגט איבערלייענען אַ בוך וועגן וועלכן יעדער איינער האָט גערעדט, געגאַנגען צו אַ לעק־ציע צי אין אַ טעאַטער, און דערנאָך, ביים קאָרטן־טיש, דיסקוטירט דאָס געזעענע און געהערטע.

זיי זיינען צוגעקומען צום אָרט ווו זיי האָבן איבערגעלאָזן זייער אויטאָ. דאָס אָרט איז געווען ליידיק, דער אויטאָ איז פאַרשוווּנדן. זיי זיינען געגאַנגען אַ פּאָר מאָל אַראָפּ און אַרויף די גאַס און זיך איבערצייגט, אַז מען האָט דעם אויטאָ געגנבעט. האָבן זיי אויפגע־זוכט אַ פּאָליציאַנט און אים געמאָלדן וועגן דער גניבה. אהיים זיינען זיי געפאָרן אין אַ טאַקסי. אויפן וועג האָט יונה שווער געאָטעמט און מיט כעס געמורמלט, אַז ער איז געווען אַ נאַר זיך צו לאָזן איינריידן צו פאָרן אויף אַן אומזיסטן קאָנצערט.

* * *

ווען דער פּאָליציי־וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם אויטאָ, וואָס מאַרוקו מיט זיינע חברים האָבן געהאָלפן פאַרריכטן, האָבן די צוויי ווייסע מיט אַמאָל אָנגעהייבן לויפן. איין פּאָליציאַנט איז זיי נאָכגעלאָפן, אָבער זיי זיינען אַריין אין אַ געסל, אַריבערגעשפּרונגען אַ פּלויט און פאַרשוווּנדן. די אַנדערע פּאָליציסטן האָבן דערווייל באַקוקט דעם אויטאָ און לויט יונהס אָנגעגעבענע איינצלהייטן האָבן זיי באַשלאָסן, אַז ער מוז זיין געגנבעט.

מאַרוקו האָט זיי דערציילט ווי אַזוי זיי זיינען געקומען צום דעם אויטאָ, אָבער דער פּאָליציאַנט האָט מיט אומפאַרטרויען געשאָקלט מיטן קאָפּ. איינער פון זיי האָט זיך ציניש געווענדט צו מאַרוקון: „דו ביסט אַ זינגער, אַ קינסטלער אין גנבענען אויטאָמאָבילן, אָבער דאָס מאָל וועסטו זינגען אין אַ צעל". ער האָט אים אַריינגעשטופּט אין וואָגן. עס האָט גענומען צוויי טעג ביז מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז מאַרוקו מיט זיינע חברים זיינען אומשולדיק, אָבער די צוויי טעג זיינען זיי איבערגעזעסן אין טורמע.

אין שאָטן פון נירנבערג

1

די זון איז פאַרגאַנגען הינטער דעם גרויסן, שוואַרצן באַרג, ווי זי וואָלט זיך ארונטערגעלאָזט אויף לאַנגע, גאָלדענע שטריק. די שטריק האָבן אָפּגעגלאַנצט פון אונטערן באַרג און אויסגעוועבט אַ פיל־קאָליריקן טעפּיך. פון איין זייט איז דער באַרג געווען באַשאָטן מיט גאָלד, די אַנדער זייט האָט זיך שוין געכמורעט אין נאַכטיקע שאָטנס.

דער האָטעל איז געווען צופוסנס פון באַרג און אויסגעזען ווי אַ גרויסער של ראש אויף אַ ריזיקער קאָפּ. האָנס איז געשטאַנען אויף דער וועראַנדע און געזשמורעט די אויגן צום באַרג־ארויף, געפּרוווט איינזאַפּן אין זיך דעם זון־אונטערגאַנג, די ארומיקע נאַטור, די איינזאַמקייט וועלכע האָט מעכטיק געאָטעמט פון באַרג .

האָנס איז געווען אַ רייזנדער, געפירט מיט זיך אין אויטאָ צענדלינגער טשעמאָדאַנעס אָנגעפּאַקט מיט אלערליי מוסטערן פון סחורות און קליידער. ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און ווו נאָר אַ גרעסערער געשעפט פלעגט ער אָפּשטעלן זיין אויטאָ, ארויסנעמען זיין טעקע מיט די ביכער און מיט אַ ברייטן גוט מאָרגן אריינשפּרייזן אין שאָפּ. דער אויסוואַל פון זיינע אַרטיקלען און אויך די פירמעס, וועלכע ער האָט פאַרטראָטן, איז געווען גענוג גרויס און ער האָט אַלעמאָל געהאָט וואָס צו אָנבאָטן זיינע קונדן, און זעלטן ווען ער האָט ניט באַקומען זיין באַשטעלונג. געווען איז האָנס אַ דייטשישער ייד און גערעדט ענגליש מיט א דייטלעכן דייטשן אקצענט, אָבער דאָס האָט אים באַסאָלוט ניט געשטערט זיך צו אונטערהאלטן לאַנגע שעהן מיט זיינע קונדן.

פון האָטעל־באַר האָט האָנס געהערט די הילכיקע געלעכטערס פון אַנגעטרונקענע רייזנדער, וועלכע זיינען היינטיקע נאַכט, ווי ער,

פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער, ווו קיין אַנדער פאַרווײַלונג חוץ שנאַפּס איז ניט געווען. האַנס האָט אויך ליב געהאַט צו נעמען אַ גלעזל, נאָר לעצטנס האָט ער זיך אַ נדר געטאָן מער ניט צו טרינקען. ער האָט איצט געוואַרט אויף אַ טעלעפאָן צו ריידן אַ פּאָר מינוט מיט העלען, זײַן ווײַב, וועלכע ער האָט די וואָך צום ערשטן מאָל איבערגעלאָזט אַליין, כדי אַרויסצופאָרן אויף געשעפטן.

העלען איז געווען זײַן צווייטע פרוי. מיט דער ערשטער, דאָראָ־טהי, אַ הויכע, שלאַנקע און בלאָנדע אַפריקאַנערין, האָט ער זיך גע־שיידט דערהויפּט צוליב דעם שנאַפּס, וועלכן ער האָט ליב געהאַט צו נעמען אין גרויסע דאָזעס. זײַנע פאַרדינסטן האָבן ניט געקלעקט אויף אַלץ: אויף די טײַערע קליידער, וועלכע דאָראָטהי האָט ליב גע־האַט צו קויפן יעדע פּאָר וואָכן און — ווײַן און בראַנדי, וועלכע ער, האַנס, האָט ליב געהאַט צו זויפן. צוליב דעם האָבן זיך אָנגעהייבן קריגערייען צווישן זיי און דער סוף איז געווען אַ גט.

דאָראָטהי איז געווען ענלעך צו יענער, וועמענס נאָמען ער האָט נאָך אין זײַן האַרצן דערמאָנט, ווײַל דאָס איז געווען אַ טייל פון זײַן לעבן, וואָס איז געווען געפלאָכטן פון גאָלדענעם חלום און קאָשמאַר. מאַרלין איז געווען דער נאָמען און עס האָט אים תמיד דערמאָנט אָן דײַטשלאַנד, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסיאָגן פון זײַן זכרון. האָט ער אָבער געטראָפן דאָראָטהין און די פעדעם פון אַמאָל האָבן זיך ווידער גענומען קניפּן. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָראָטהין האָט ער מיט פרייד געטראַכט וועגן — מאַרלין. דאָראָ־טהי, מיט אירע גאָלדענע לאָקן, איז געווען זייער ענלעך אויף מאַרלין, אָבער אין אירע געזיכט־שטריכן האָט ער ניט געקאָנט געפינען דעם גוטן שמייכל פון דער מאַדאַנע, ווי האַנס פלעגט אָפּטמאָל באַצייכענען מאַרלינס אויסזען. שפּעטער, ווען ער האָט זיך נענטער באַקענט מיט דאָראָטהין האָט ער דערפילט, אַז עס פעלט איר מאַרלינס פּשטות, צאַרטקייט און גוטהאַרציקייט. מאַרלין איז געווען אַ טייל פון זײַן פאַרגאַנגענהייט, און אין דאָראָטהין האָט ער געזען די קעגנוואַרט און די צוקונפט, האָט ער זיך טאַקע געפילט שטאַרק פאַרליבט אין איר.

אין גיכן האָט ער מיט דאָראָטהין חתונה געהאַט. זיי האָבן גע־דונגען אַ וווינונג, זיך אײַנגעקויפט מעבל און ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק האָבן זיי אָנגעהייבן מאַכן „פּאַרטיס”, אויף וועלכע מ׳האָט גע־געבן צו עסן און צו טרינקען מיט אַ ברייטער האַנט. האָבן טאַקע ניט

געפעלט קיין באַגייסטערטע יונגע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען פאַרברענגען אַ פריילעכן אָוונט. זיי האָבן אויך אָנגעהייבן אָפּשטאַטן וויזיטן ביי אַנדערע און אזוי ארום איז זייער לעבן געוואָרן אַ שפּיל פון אונטערהאלטונגען און פאַרווייַלונגען. האַנס האָט אָבער געדאַרפט ארויספאָרן באַזוכן קונדן און ער האָט מיט דאָראָטהין ניט שטענדיק געקאָנט מיטהאַלטן.

איר איז געווען לאַנגווייליק צו בלייבן אליין אין דירה. ארבעטן אין אַ ביוראָ האָט זי ניט געוואָלט, פלעגט זי דעריבער שלאָפן ביז מיטאָג און נאָך מיטאָג זיך אויספּוצן און גיין צו באַקאַנטע פאַר טיי, דאָרט פאַרברענגען ביז פארנאכט און דאַן קומען אהיים, זיך ווידער איבערטאָן און וואַרטן אויף געסט. אין גיכן האָט דאָראָטהי אָנגע־הייבן ארויסגיין מיט אַנדערע מענער און דאָס האָט ניט געקאָנט בלייבן אַ סוד פאַר האַנסן.

איצט זיינען אין זיין זכרון אדורך, ווי אויף אַ פּאַנאָראַמע, שטי־קער פון זיין לעבן. ווי וואָלקנס האָבן זיי זיך געטראָגן: גאָלדענע, לייכטע, לופטיקע, און אויך שווערע, שוואַרצע, כמורנע, ווי די שאָטנס פון באַרג. אָט דערמאָנט זיך אים דער טאָג, ווען ער האָט זיך גע־שיידט פון מארלין. זיי זיינען דאַן ארויסגעפאָרן ווייט פון שטאָט, אַראָפּ אין אַ דערפל, געטרונקען טיי אין א רעסטאָראַן און אוועק אין אַ דערבייאיקן וואַלד. דאָרט, אויף די שטילע שטעגלעך איז ער געאָרעמט, מיט צונויפגעדריקטע הענט און צונויפגעפלאָכטענע פינ־גער, געגאַנגען מיט מארלין און געפליסטערט וועגן זיין ליבע און זיינע אנגסטן. ער האָט איר צום ערשטן מאָל פאָרגעלייגט זיי זאָלן זיך שיידן, ווייל היטלערס געזעץ האָט אים ארויסגעשטויסן פון דער דייטשער געזעלשאַפט. מארלין האָט וועגן דעם ניט געוואָלט וויסן, זי האָט געטענהט, אז היטלערס משוגעת וועט באלד איינשטילן, ווייל די דייטשן וועלן זיך ארומזען אז זיינע צוזאָגן זיינען ניט מער ווי זייפנבלאָזן און זיי וועלן אים ארונטערוואַרפן. האַנס האָט ביטער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. מארלין האָט פאָרגעלייגט זיי זאָלן פאָרן אין אויס־לאַנד און דאָרט חתונה האָבן. אָבער האַנס איז געווען פּראַקטישער, ער האָט געוווסט אז אָן געלט קאָנען זיי אין אויסלאַנד ניט לעבן, און זיין פאַך וועלכן ער האָט איצט שטודירט — אַדוואָקאַט — איז פאַר אים אומנוצלעך אין אנדערע לענדער. זיי האָבן ענדלעך באשלאָסן אז ער זאָל פאָרן קיין אמעריקע אָדער אפריקע און דאָרט זיך איינ־

אָרדענען, און דאַן וועט מאַרלין קומען צו אים און זיי וועלן חתונה האָבן. „עס קאָן דויערן יאָרן" — האָט האַנס מיט אַ טרויעריק קול געזאָגט — „וועסטו אַזוי לאַנג וואַרטן אויף מיר, מאַרלין ?" „איך וועל וואַרטן !" האָט מאַרלין געענטפערט און פאַרליבט געקוקט אין האַנס' אויגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אַ קוש געטאָן, ווי אַ חתימה אויף זייער באַשלוס.

שפּעט בייטאָג זיינען זיי באַרוישטע ארויס פון וואַלד. זיי זיינען געגאַנגען געאָרעמט און פאַרזונקען אין גליקלעכע געדאַנקען וועגן דער צוקונפט און ניט באַמערקט ווי פון אַ זייטיק געסל איז אָנגע־קומען אַן אָפּטיילונג פון ברוינע העמדלעך. די גרופּע יונגע נאַציס, וועלכע זיינען געקומען אין דאָרף אויף איבונגען, האָבן איצט מאַר־שירט צו זייערע באַראַקן. אפשר וואָלטן זיי פאַרבייגעגאַנגען און האַנס' גורל וואָלט אַנדערש אויסגעפאַלן, האָט אָבער פון איינער פון די רייען פון די מאַרשירנדיקע נאַציס זיך דערהערט די שטים פון האַנס' אַן אַמאָליקן שול־חבר ; „דאָרט גייט אַ איציק, אַ יודע מיט אַן אַריש מיידל", און אין דער רואיקייט פון דייטשן דערפל האָט זיך פּלוצלינג פונאַנדערגעלאָזט אַ שטורעם. האַנס האָט ניט באַוויזן אפילו זיך ארומצוקוקן, ווי ער האָט שוין דערפילט אויף זיין פּנים און קערפּער מוראדיקע קלעפּ פון פויסטן און בייטשן, און ווי אין אַ קאָשמאַר האָט ער געהערט מאַרלינס געשריי : „לאָזט אים אָפּ, ער איז מיין חתן, מיין מאַן. . ." זיין לעצטער בליק האָט נאָך אויפגע־כאַפּט ווי אַ נאַצי האַלט מאַרלינס קאָפּ פאַרקלאַמערט צווישן די פיס און אַ צווייטער רייסט און שניידט אירע גאָלדענע לאָקן. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט געזען מאַרלין. חדשים שפּע־טער, אין טורמע און אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו ער האָט אָפּ־געחושכט מער ווי אַ יאָר, האָט מאַרלינס לעצט געשריי אלעמאָל גע־קלונגען אין זיינע אויערן זיס און טרויעריק.

ווען מען האָט אים ארויסגעלאָזט פון לאַגער האָט ער זיך דער־ווּסט אַז מאַרלין ליגט אין אַ שפּיטאָל זייער קראַנק. ער האָט זי גע־וואָלט באַזוכן און זען, אָבער זיינע פריינד האָט אים ניט געראָטן : עס קאָן נאָך ערגער זיין פאַר איר. ער האָט איצט געוואָלט פאַרלאָזן דייטשלאַנד וואָס גיכער, און געוואַרט אויף זיינע פּאַפּירן פאַר דרום אפריקע. ער האָט אויך ניט געטאָרט מער ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די נאַציס אויף זיך. אפילו אַ בריוו איז ניט געווען מיגלעך צו

שרייבן, ווייל מארלין איז געווען שוואַך און דאָס האָט נאָך געקאָנט אריינפאַלן אין פרעמדע הענט. האָט ער זיך טאַקע געפילט ווי אַ גע־שלאָגענער הונט, וועלכער מוז זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון זיין אייגן היימלאַנד.

ערשט ווען זיינע פיס האָבן באטראָטן דעם באָדן פון זיין נייער היים — דרום אפריקע, האָט ער אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו מארלין. ער האָט דעם בריוו געשריבן א גאַנצע נאַכט, און ווען ער האָט פאַר־קלעפּט דעם קאָנווערט, האָט זיך אים געדאַכט, אז ער האָט אויך זיין נשמה דאָרט פארקלעפּט. לאַנג האָט ער געוואַרט אויף אַן ענט־פער. ענדלעך האָט ער געשריבן צו זיינעם א פריינד און פון יענעם באַקומען אַ בריוול, וואָס פון צווישן די זייטלעך איז ארויסגעפאַלן אַ שטיקל צייטונג־אויסשניט מיט אַ שוואַרץ רעמל, אין וועלכן עס ווערט געמאָלדן, אז פרוילין מארלין הענקע איז געשטאָרבן.

און איצט, קוקנדיק אויפן פינצטערן באַרג, האָט האַנס געזען דאָס שוואַרצע רעמל פון נעקראָלאָג.

„באַאַס, דיין טעלעפאָן־געשפּרעך מיט יאָהאַנעסבורג”, האָט אים אַ באַי געשריען אין אויער. האַנס האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף און געמורמלט „מארלין”... און געלאָפן צום טעלעפאָן־ביידל.

„העלען, מיין ליבלינג!” און זיין קול האָט געציטערט פון באַ־גייסטערונג. העלען האָט אים דערציילט אז זי איז היינט געווען ביים דאָקטער. „וואָס הייסט ביים דאָקטער — ביסטו קראַנק?” און פאַר זיינע אויגן האָט ווידער אַ בליץ געטאָן דאָס רעמל פון נעקראָלאָג. „ניין” — האָט ער דערהערט אַ שטילן געלעכטער — „דו נאַרישער, ליבער האַנס, פארשטייסטו דען ניט — אַ קינד!...”

2

העלען איז געווען א קריסטין, דערצויגן טאַקע ניט פרום, אָבער ווי אלע קינדער פון איר סביבה האָט זי באַזוכט יעדן זונטאָג די קירך און קליינערהייט איינגעזאַפּט אין זיך די לערע פון איר זונטאָג־שול. מיט יידן איז זי קיינמאָל ניט געקומען אין נאָענטער באַרירונג, חוץ וואָס זי פלעגט אריינקומען אין אַ יידישן געשעפט, צי אַמאָל אין אַ ביוראָ.

מיט האַנסן האָט זי זיך באַקענט אויף אַ טאַנץ, און לויט זיין אויסשפּראַך געמיינט אַז ער איז אַ דייטש. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך באַפריינדט, האָט האַנס איר דערציילט אַז ער איז אַ ייד און ביס־לעכווייז איר פאַרטרויט אַלע זיינע איבערלעבונגען. איר באַציאונג צו אים איז געווען פול מיטלייד און פאַרשטענדעניש. האַנס האָט צו יענער צייט פיל געטרונקען און העלען האָט אים געצוואונגען דאָס אויפצוגעבן.

„איך האָב געהערט און געלייענט אַז יידן זיינען ניט קיין שיכו־רים, איז וויזט אויס אַז דו, האַנס, ביסט גאָר קיין ייד ניט", האָט העלען געשפּאַסט און צוגעגעבן: „איך אַליין בין אַלעמאָל געווען זי־כער אַז איך וועל זיך מיט קיין אַלקאָהאָליק ניט פאַרבינדן".

האַנס איז געווען ברוגז — „העלען, אויב דו האָסט מיך באמת ליב, דאַרפסטו מיר נעמען אַזוי ווי איך בין, מיט אַלע מיינע פעלערן".

„יאָ", האָט העלען געזאָגט, „בראַנפן טרינקען איז אָבער ניט קיין פעלער, עס איז גיכער אַ קראַנקייט, און אַ קראַנקייט טאָר מען ניט פאַרלאָזן, מען מוז זי היילן".

און זיין ליבע צו העלען האָט דעם דורשט נאָך אַלקאָהאָל בייגע־קומען. עס האָט געדויערט מאָנאַטן און ווען זיי האָבן חתונה געהאַט האָט ער אויפגעהערט צו טרינקען און ס'האָט זיך אָנגעהייבן א ניי לעבן. העלען איז געקומען צו אים אין דער שטאָט. האַנס האָט זי באַקענט מיט עטלעכע פון זיינע פריינד. זי האָט ניט געוואָלט פאַר־ברענגען אין פאַרוויילונגען און האָט פאָרגעשלאָגן האַנסן, ער זאָל איר דערלויבן אַרבעטן אין אַ ביוראָ, ווייל אַליין צו בלייבן גאַנצע טעג אין דער היים איז אומעטיק. האַנס, וויסנדיק אַז ער מוז גאַנצע וואָכן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ, האָט איינגעשטימט.

3

עס איז געווען אַ זונטאָגדיקער פרימאָרגן. האַנס און העלען זיינען געזעסן אין זייער היים און געקליבן נחת פון זייער טעכטערל. העלענס פאָרשלאָג איז געווען מען זאָל דאָס קינד געבן אַ יידישן נאָ־מען, און האַנס האָט פאָרגעלייגט דינה, ווייל אַזוי האָט געהייסן זיין מוטער.

פלוצלינג האָט העלען געזאָגט — „האַנס, איך וויל ווערן אַ יידי־שע, איך וויל אַז מיינע קינדער זאָלן געהערן צום יידישן פאָלק".

ער האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט, דאַן האָט ער אַ שמייכל געטאָן — „לויט די נירנבערגער געזעצן אין היטלערס דייטשלאַנד ביסטו שוין במילא אַ יידישקע, און אויך אונדזערע קינדער וואָלטן דאָרט באַצייכנט געוואָרן אלס אזעלכע, אָבער — צו וואָס האָסטו נייטיק די צערעמאָניעס?״

„יאָ, איך האַלט טאַקע אויך ניט פון צערעמאָניעס, אָבער אויב דורך דעם וועל איך געהערן צו דיין פאָלק, וועל איך זיי גערן דורכמאַכן״, האָט העלען דערקלערט פאַרטראַכטערהייט.

„יאָ״, האָט האַנס אומצופרידן געזאָגט, „איך פאַרשטיי דיך, העלען, דו גלייבסט אז דורכמאַכנדיק די צערעמאָניעס, און דורך א תפילה פון אַ ראַביי, וועסטו ווערן א יידין, אָבער דו פאַרגעסט אז אויך איך וועל דורך דעם אריינגעצויגן ווערן אין די צערעמאָניעס. איך האַלט, אז אונדזער חתונה אין מאַגיסטראַט איז לעגאַל לגבי אונדז אליין און אויך לגבי מיין פאָלק, און איך דאַרף קיין הכשר ניט פון אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע. און דו, העלען, מיינסטו טאַקע אז מיט די עטלעכע דינים, וואָס דער ראַביי וועט דיר אויסלערנען, וועסטו ווערן אַ יידיש קינד. דו באַקען זיך בעסער מיט אונדזער קולטור, מיט אונדזער יידישער מאַרטירער־געשיכטע, דאַן וועסטו גיכער באַקומען דאָס נייטיקע וויסן און ווערן צוגעבונדן צו דעם פאָלק, וועלכן דו אַכטסט אזוי״.

„איך וועל טאָן ווי דו זאָגסט״, האָט העלען צוגעשטימט.

4

האַנס איז געפאָרן אין אַ געהייבענער שטימונג פון די באַזוכן ביי זיינע קונדן. ער האָט געהאַט גאָר אַ גוטע וואָך — א סך באַשטעלונגען — און געהאָפט צו קאָנען זיך אָפּרוען אַ פּאָר טעג מיט זיין קליינער פאַמיליע, מיט העלען און דער קליינער דינה. ער האָט צוגעזונגען אַ ניגון און שנעל געפאָרן, אויסמיידנדיק די אויטאָמאָבילן אויפן שאָסיי.

פון וויטן האָט ער דערזען אַן אויטאָ און לעבן אים אַ מענטש מיט אַן אויפגעהייבענער האַנט. האַנס האָט פאַרלאַנגזאַמט זיין פאָרן און שטיין געבליבן, און צו זיין פאַרוווּנדערונג דערקאָנט אין מאַן איינעם פון די רייזנדער, וועמען אלע האָבן גערופן „דזשעק שיכּור״. דזשעק האָט אים דערציילט אז זיין אויטאָ איז קאַליע געוואָרן און

האָט אים געבעטן צופירן אים צו אַ גאַראַזש, כדי צו ברענגען אַ מע־כאַניק. דזשעק האָט פאַרשלאָסן זיין אויטאָ און זיך אריינגעזעצט לעבן האַנסן, עס האָט פון אים אַ שלאָג געטאָן מיטן ריח פון אלקאָהאָל.

פאָרנדיק האָט דזשעק אַ זאָג געטאָן: „האַנס, דו ביסט אַ טייע־רער מענטש, אַ דזשענטלמען, און אויך דיין ווייב איז אַן אמתע ליי־די, — דו דארפסט ניט נתפעל ווערן וואָס פאַסקודנע מענטשן ריידן וועגן איר".

האַנס האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט: „איך האָב זיך מיט דאָראָטהין שוין לאַנג געגט — מענטשן קאָנען ריידן וועגן איר וואָס זיי ווילן, אַבי נאָר ניט וועגן העלען".

דזשעק האָט ווידער גערעדט: „יאָ, טאַקע, העלען איז א הונדערט פראָצענטיקע ווייסע ליידי, זיי זיינען משוגע צו מיינען אז זי איז אַ קאָלירטע".

„וואָס רעדסטו, מיין ווייב אַ קאָלירטע?" — און האַנס האָט פון אויפרעגונג אַ קערעווע געטאָן דעם אויטאָ און ער האָט זיך אראָפּ־געגליטשט פון שאָסיי און גענומען וואַקלען און שפרינגען אויף די בערגלעך פון פעלד.

אז האַנס איז צוריק ארויפגעפאָרן אויפן שאָסיי, האָט ער מער ניט גערעדט. דזשעק איז אויך שטיל געווען. אזוי זיינען זיי דער־פאָרן ביז א גאַראַזש. דזשעק איז אויסגעשטיגן און געזאָגט אַ דאַנק. האַנס האָט שטום א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אָפּגעפאָרן.

אין שטוב האָט האַנס זיך אריינגעריסן ווי אַ שטורעם, אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל זיין טשעמאָדאַן און זיך ניט באגריסט מיט העלען, וועלכע איז אים געקומען אנטקעגן. ניט אויסטוענדיק זיין מאַנטל איז ער גלייך געלאָפן צום בעטל פון דער קליינער דינה. יענע האָט געשמאַק געשלאָפן, האָט ער זיך איבערגעבייגן און פאַרשנדיק גע־קוקט אויף די קליינע הענטלעך פון קינד.

העלען איז אים נאָכגעגאַנגען אין שלאָפצימער און מיינענדיק, אז האַנס האָט זיך אַנגעשיכורט און איז אפשר איפערזיכטיק, האָט זי מיט איראָניע אַ פרעג געטאָן: „וואָס זוכסטו, ווילסט אויסגעפינען צי דינה איז דיין קינד?..."

— „מען האָט מיר געזאָגט אז דו ביסט אַ קאָלירטע", האָט האַנס קוים ארויסגעשטאַמלט און צעמישט זיך ארומגעקוקט.

„אַ קאַלירטע?" האָט העלען ביטער אַ לאַך געטאָן. „דו, האַנס, ביסט דאָך אַליין אַנגעשטעקט מיט נירנבערגער משוגעת", און זי האָט זיך געבעטן כמעט מיט טרערן: „שעם זיך, האַנס, אפילו אין דיין אייגן קינד ווילסטו געפינען ראַסן־חסרונות. נאָך ווייניק האָסטו אַליין פון דעם געליטן?"

ווי שטיינער זיינען געפאַלן אירע ווערטער איבער זיין איינגעצוי־גענער פּלייצע. האַנס האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און פלוצלינג זיך אָפּגערופן: „פאַרגיב מיר, העלען, פאַרגיב מיר, איך וויל מער קיין זאַך ניט הערן, איך וויל נאָר דו זאָלסט מיין נאַריש־קייט היינט פאַרגעבן. און איך זאָג דיר צו: מער וועט עס ניט פאַסירן!"

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט הייסע ליפּן זי גע־קושט און געוויינט.

אַ קונד

1

שאול קריין האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש, אויפגערעמט די פּאַפּירן, וואָס זיינען געלעגן נאָך פון נעכטן, עטלעכע אומנויטיקע אריינגעוואָרפן אין קאָרב און די אנדערע ארויפגעשטעקט אויף די רעכענונג־און בריוו־האַלטערס.

שאול האָט ליב געהאַט אָרדענונג און זיין שרייבטיש איז אלע מאָל געווען ריין. ער האָט אַלץ געטאָן מעטאָדיש, געלאַסן. ער איז געווען זיכער, אז זיינע מעטאָדן זיינען די ריכטיקע, ווייל ער האָט זיי אויסגעלערנט פון קורס: „ווי אזוי עס דארף זיך פירן אַן עכטער ביזנעסמאַן". די דאָזיקע מעטאָדן, איז ער געווען איבערצייגט, וועלן אים ארויפפירן אויפן ריכטיקן וועג פון גרויסע ביזנעס און ווילשטאַנד. אָבער נעכטן האָט ער פאַרגעסן אָן די אַלע מעטאָדן. נעכטן האָט ער איבערגעלאָזן אַלע פּאַפּירן אויפן טיש, ער האָט אפילו ניט באַרעכנט זיין לייזונג — אַ זאַך, וואָס ער פלעגט, ווי די אַנדערע אַרבעט, אויך טאָן מעטאָדיש, אלע פאַרנאַכט, ביים שליסן דאָס געשעפט. דאָס אַלץ האָט ער נעכטן פאַרנאַכלעסיקט צו טאָן צוליב אַ קליי‍ניקייט: מיט דער פּאָסט האָט שאול נעכטן באַקומען אַ בריוו פון געריכט, אין וועלכן מען בעט אים זיך מעלדן אין אַ וואָך ארום אין שטאָט, כדי צו דערפילן די פליכטן פון אַ „דזשורימען".

דאָס איז געווען אַ שטאַרקע איבערראַשונג פאַר אים. ווי אַ בליץ האָט די דאָזיקע געשעעניש אַ שיין געטאָן פאַר אים און באַלויכטן די גאַנצע צען יאָר פון זיין לעבן אין אפריקע: זיין אָנקום, זיין „אויס־גרינען" זיך, זיין וואנדערן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין שטע־לע צו דער אַנדערער, און די שווערע צייט ביי זיין לעצטן באַלעבאָס, מיישקע דער וואַלינער, וואָס האָט אים אזוי פיל געמוטשעט. ווי לע־בעדיק זיינען פאַר אים אויפגעשטאַנען אלע קלייניקייטן פון די צען

לאַנגע יאָרן, וואָס ער האָט אוועקגעשענקט דער נייער אַפריקאַנער היים — באַזונדערס אָבער די לעצטע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין איינזאַמקייט אין קראַם אויפן פעלד.

צען יאָר איז ער געווען אין אַפריקע און זיך אַלץ באַטראַכט פאַר אַ פרעמדן. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים זיין בוכהאַל־טער צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך נאַטוראַליזירן, ווערן אַ בירגער.. איז ער געוואָרן אַ בירגער, אָבער דער פאַקט גופא האָט אים ניט צופרידן געשטעלט. ער האָט געוואָלט פון זיין בוכהאַלטער וויסן:

„וואָס האָב איך פון מיין בירגערשאַפט? איין מאָל אין פינף יאָר וועל איך שטימען ביי די פאַרלאַמענט־וואַלן, און טאָן וועל איך עס ניט ווי איך וויל און מיין שטימע געבן פאַר וועמען איך וויל, נאָר אַזוי זיך, פון יוצא וועגן".

זיין בוכהאַלטער האָט אים ווייניק וואָס געקאָנט ענטפערן אויף דעם. ער איז געווען אַן אַפריקאַנער און האָט ניט פיל געוווּסט דעם אונטערשייד פון בירגער און ניט בירגער — אין זיינע אויגן זיינען אַלע געווען בירגער. איז שאול געבליבן אומצופרידן. דער בריוו פון געריכט האָט אים אָבער צענומען: איצט איז ער שוין ניט קיין פרעמדער, איצט בעט מען אים שוין דערפילן זיין פליכט ווי אַ ביר־גער, ווי אַ „דזשורימען", אין זיינע הענט לייגט מען אריין דעם גורל פון אַנדערע מענטשן, בירגער אָדער ניט בירגער.

שאול האָט זיך געפילט אַזוי דערהייבן און שטאָלץ, פונקט ווי נאָר ער אַליין וואָלט געווען באַאויפטראַגט פון דער מלוכה מיט אָט דער פליכט. אַ גאַנצן טאָג איז ער נעכטן געשטאַנען אין „שאָפּ" אַן אויפגערודערטער. באַלד נאָכן פאַרמאַכן די קראָם איז ער אריין צו זיך אין צימער, האָט זיך גוט ארומגעוואַשן, אָנגעטאָן זיינע יומטוב־דיקע קליידער און אוועקגעשפּאַצירט מיטן שליאַך צו דער דערביי איקער פאַרם, ווו עס האָט געלעבט זיינער אַ פריינד, דער יונגער פאַרמער הענדריק.

שאול האָט געטראָפן הענדריקן זיצן אין הויף אויף אַ גרויסן פלאַכן שטיין, פאַרריכטנדיק אַ זאָטל. ער האָט באַלד דערציילט הענדריקן די געשיכטע מיטן בריוו. הענדריק האָט אים געדולדיק אויסגעהערט, נאָר פון צייט צו צייט אים צוגעוואָרפן אַ פאַרוווּנדערטן בליק: ער קאָן שאולן שוין העכער פינף יאָר, זיי זיינען אַלטע פריינד, ער האָט שטענדיק ליב אויסצוהערן שאולס מעשיות וועגן „יוראָפּ",

וועגן די ווייטע, פרעמדע לענדער, וועגן שנייען און פרעסט, וועגן דער לעצטער מלחמה. ער קאָן דאָך אים פאַר אַ שטילן מענטשן, איינער וואָס דערציילט אַזוי געלאַסן, רואיק, אָבער היינט איז ער אַזוי אויפ־גערעגט — צוליב וואָס?

ווען שאול האָט געענדיקט ריידן האָט הענדריק געזאָגט: „דער־וויל, שאול, ביסטו נאָך ניט באַשטימט פאַר קיין ריכטער, און אין דער „דזשורי" וועלן דאָך זיין נאָך אַכט חוץ דיר און אויך זיי וועלן באַשליסן. אגב, ווער ווייסט צי דיר וועט גאָר אויסקומען אַנטייל צו נעמען אין משפט".

„וואָס הייסט ניט אַנטייל נעמען אין משפט?" איז שאול אויפ־געשפרונגען פון אָרט, האָט אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע דעם בריוו פון געריכט און עס אונטערגעטראָגן הענדריקן אונטער דער נאָז:

„זע, מען שרייבט דאָך מיר בפירוש, אַז מען באַשטימט מיך פאַר אַ „דזשורימען", איז ווי וועל איך דאָס ניט אַנטיילנעמען?" און ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין פאַנטאַסטישער התפעלות: „וואַרט הענדריק, דו וועסט זען, איך וועל אפשר דאַרפן באַשליסן דעם גורל פון אַ מענטשנס לעבן. וועל איך דיר צייגן, ווי איך וועל משפטן — ביי מיר וועלן אַלע זיין גלייך, שוואַרץ און ווייס, אַלעמען וועט שאול דער קרעמער, דער „פּערנוקער", משפטן מיט גערעכטיקייט".

„גוט, גוט", האָט הענדריק ענדלעך געקראָגן די געלעגנהייט צו ענדיקן, וואָס ער האָט נאָך געהאַט צו זאָגן, „אָבער צי דען ווייסטו ניט, אַז דו ביסט ניט דער איינציקער וואָס איז גערופן געוואָרן צו זיצן אין דער „דזשורי"? מען רופט אָפּט אַרויס צוואַנציק, דרייסיק און מער, און פון צווישן זיי באַשטימט מען די נייטיקע צאָל „דזשו־רי־לייט". מען וואַרפט גורל און די ערשטע ניין בלייבן אין דער „דזשורי", די איבעריקע נעמען ניט קיין אַנטייל אין דעם משפט.

שאול איז אויסגעניכטערט געוואָרן ווי פון אַ שיכרות. ער האָט שטיל הענדריקן אַ פרעג געטאָן:

„ביסטו זיכער, אַז עס גייט צו אַזוי?"

הענדריק האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט, צו פאַרריכטן דעם זאָטל, אונטערברומענדיק עפּעס אַ מעלאָדיע אונטערן נאָז.

שאול איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ער האָט זיך פּלוצלונג גע־פילט ניט מיט אַלעמען. ער האָט באַטראַכט דעם בריוו פון געריכט

מיט אַ מינע פון אומצוטרוי, ווי מען וואָלט אים שטאַרק אָפּגענאַרט. ער האָט צעקנייטשט דאָס פּאַפּירל אין פויסט, אריינגעלייגט אין קעשענע און שטיל, ווי פאַרשעמט, זיך געזעגנט מיט הענדריקן און איז לאַנגזאַם אוועק.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט נעכטן, אָבער היינט איז ער שוין ווידער דער פריערדיקער שאול קריין. אויפן שרייבטיש איז שוין ווידער אַלץ אין אָרדענונג און דאָס פירן די געשעפטן גייט ווידער לויט דער אויסגעלייענטער מעטאָדע.

2

די וואָך איז גיך פאַרבייגעלאָפן. שאול איז געווען פאַרטאָן אין געשעפט און וועגן געריכט געטראַכט מיט פאַרדרוס, אָבער אָן אויפרעגונג.

אין פרימאָרגן פון געריכט־טאָג איז שאול פרי אויפגעשטאַנען, אָפּגעפרישטיקט, געעפנט די קראָם, אָנגעשריבן עטלעכע געשעפטסבריוו, אָנגעוויזן זיין אָנגעשטעלטן וואָס פאַר אַן אַרבעט ער דאַרף דערלידיקן און איז אוועקגעפאָרן אין שטאָט.

אין אַ שעה אַרום איז ער שוין אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטאָט, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן פענצטער, באַקוקט די סחורה און קאַלקולירט די פרייזן, ביז ער האָט דערגרייכט צום געריכט.

אַרום געריכט־הויז איז געווען אַ טומל. מענגעס שוואַרצע מענטשן זיינען געווען אויסגעזעצט אויף דער ערד. ווייסע פאַרמערס זיינען געשטאַנען אין גרופּעס און געשמועסט וועגן מיליס, וואָל און רעגן. שאול האָט נאָך פון דער ווייטנס געטאָן אַ נישטער מיט די בליקן איבער דעם בינטל פאַרמערס און האָט דערזען צווישן זיי אַ פּאָר באַקאַנטע קונדן זיינע. ער האָט זיך באַוועגט אין זייער ריכטונג און דערזען, אַז אין צענטער פון דער גרופּע שטייט דער אַלטער דו טאָיט, אַ זייער רייכער פאַרמער, וואָס וווינט ניט ווייט פון שאולס קראָם. ער, שאול, יאָגט זיך שוין עטלעכע יאָר נאָך אָט דעם דו טאָיט — ער וויל אים אריינקריגן פאַר אַ קונד אין זיין געשעפט און עס געלינגט אים ניט. איצט, האָט שאול געטראַכט, איז די געווינטשטע צייט און די בעסטע געלעגנהייט צו שליסן פריינדשאַפט מיט דעם אַלטן פאַרמער. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אַזוי באַהערשט, אַז ער האָט ניט באַמערקט אַז אַרום אים ווערט אַלץ שיטערער — זיי

גייען אַריין אין געריכט־זאַל. ווען דער פּאַליציאַנט האָט אויסגע־רופן שאולס נאָמען האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז שוין דער לעצ־טער און איז אַריין אינעווייניק צוזאַמען מיטן פּאַליציאַנט.

מען איז צוגעטראָטן צו דער פּראָצעדור. דער באַאַמטער האָט אויף צעטלעך אָנגעשריבן די נעמען פון די עטלעכע און צוואַנציק מענטשן, וואָס מען האָט אַרויסגערופן פאַר געשוואָרענע ריכטער. ער האָט די צעטלעך אַריינגעלייגט אין אַ קעסטל, אויסגעמישט און אָנגעהייבן זיי צוריק אַרויסנעמען. די, וועמענס נאָמען דער באַאַמטער האָט אויסגערופן, האָבן זיך אויפגעשטעלט און זיינען אוועק אָן א זייט.

שאול איז געזעסן און געשוויצט פון אויפרעגונג און דערוואַר־טונג. אָט האָט דער באַאַמטער שוין זיבן נעמען אויסגערופן. זיין נאָמען איז ניטאָ. יאָ, הענדריק איז געווען גערעכט, האָט ער גע־טראַכט, און האָט זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן מיטן נאָז־טיכל. אין דער מינוט האָט דער באַאַמטער אַרויסגענומען דאָס אַכטע פּאַפּירל, פּאַמעלעך אויפגעוויקלט און אויסגעלייענט שאולס נאָמען. שאולס האַרץ האָט אָנגעהייבן שטאַרק קלאַפּן. דער באַאַמטער האָט נאָך אַמאָל און העכער אויסגערופן שאולס נאָמען און געזוכט מיט די אויגן צווישן די זיצנדיקע „דזשורי־לייט״. ערשט איצט האָט שאול זיך שווער אויפגעהייבן און מיט אַ בלוט־רויטן פּנים פון אויפרעגונג זיך געשטעלט אין איין שורה מיט די אַנדערע.

3

מען האָט אַריינגעפירט אין געריכט־זאַל א יונגן פּאַרמער־בחורל, אָן אויסגעפּוצטן אין אַ נייעם בלויען אַנצוג מיט אַ ווייסן האַרטן קראַגן, מיט א צוגעפּאַסטן שניפּס. ער איז אַריין גראַד, שטייף, גאַר ניט ווי אַ באַשולדיקטער. געשווינד האָט ער באַקוקט די „דזשורי״־לייט, באַ־גריסט איטלעכן פון זיי מיט די אויגן. ער האָט אָפּגעזוכט באַקאַנטע אינעם זאַל, זיי באַגריסט שמייכלענדיק, פאַרריכט דעם שניפּס, און נאָך אַלץ שמייכלענדיק אָנגעהייבן זיך צוהערן צו דעם באַשולדיקונג אַקט. ער איז געווען באַשולדיקט אין פאַרגוואַלדיקן א יונגע שוואַר־צע מיידל.

שאול איז געזעסן צווישן די אַנדערע געשוואָרענע, זיך אויפמערק־זאַם צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון דעם באַשולדיקונג־אַקט, און זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרגעדענקען יעדן דעטאַל. די עדות האָבן ניט

געקאַנט גענוג קלאָר מאַכן די געשעענישן. די איינציקע, וואָס האָט אַן צווייפל אַנגעוויזן אויפן באַשולדיקטן איז געווען די געליטענע שוואַרצע מיידל און אַ ווייס קינד, וואָס איז אַנגעלאָפן אויף די געשרייען פון דער שוואַרצער. דער אַדוואָקאַט פון דעם באַשולדיקטן האָט געשיקט געשטעלט פראַגעס און פּרובירט צעטומלען דאָס קינד אין זיין עדות זאָגן, אָבער עס איז בולט אַרויסגעקומען, אַז דער באַשולדיקטער איז טאַקע אַ פאַרברעכער. די „דזשורי"־לייט זיינען רואיק געזעסן, קיין רעאַקציע האָט זיך ניט באַוויזן אויף זייערע פּנימער, בלויז שאול האָט אָפּט געווישט דעם שווייס פון שטערן מיט דעם נאָזטיכל.

נאָך די באַשולדיקונג־ און פאַרטיידיקונג־רעדע, האָט דער ריכטער געגעבן אַ רעזומע פון אַלע פאַקטן און געבעטן די „דזשורי" אַרויסצוטראָגן איר אורטייל.

די ריכטער האָבן מיט געפילדער זיך אויפגעהייבן פון זייערע ערטער, אַנגעהייבן אויסציען די פאַרשטייפטע גלידער און איינציקוויז זיינען זיי אַריין אין אַ זייטיקן צימער צו זייער באַראַטונג. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און אַנגעהייבן ריידן צווישן זיך. יעדערער מיט זיין שכן. שאול האָט געפיבערט, ער איז געווען זיכער אַז די „דזשורי" וועט דעם בחור פאַרמשפטן. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט זיין דער גערעכטער פּסק פאַר אַזאַ יונג. דאַן האָט זיך דו טאָיט אויפגעשטעלט און הויך געזאָגט:

„איך גלויב, פריינד, אַז מיר וועלן דעם יונגן מאַן ניט פאַרמשפטן צוליב עפּעס אַ קליינער „קאַפּערטע". מיר קאָנען ניט שיקן אַ ווייסן בחור פוילן אין טורמע צוליב אַ שוואַרץ מיידל. חוץ דעם טאָרן מיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף עדות־זאָגן פון אַ קינד. דער באַשולדיקטער האָט זיך דאָך ניט מודה געווען און דערוואַקסענע מענטשן זיינען דערביי ניט געווען. איך רעכן, אַז מיר קאָנען מיט אַ ריינעם געוויסן אים דערקלערן פאַר ניט שולדיק".

ביים אָנהייב פון דו טאָיטס דרשה האָט שאול געוואָלט זיך אויפהייבן און זאָגן, אַז דער ווייסער בחור איז אַן אויסוווּרף, אַז מען דאַרף אים איינגעפינען פאַר שולדיק; אַז עס ליגט אויף זיי דער חוב ניט צו אונטערשיידן אין אַזאַ פאַל צווישן ווייס און שוואַרץ. ער האָט אָבער באַמערקט דעם אַנטשלאָסענעם אויסדרוק אויף די פּנימער פון די „דזשורי"־לייט, דער עיקר דער אויסדרוק אין דו טאָיס אויגן, — דער

רייכער פֿאַרמער נאָך ווען ער יאָגט זיך שוין אזא לאנגע צייט אים אריינצוקריגן אלס קונד, — און אויב ער וועט זיך שטעלן אנטקעגן וועט דער אלטער פֿאַרמער אים קיין מאָל ניט מוחל זיין. האָט ער אָפּגעוואַרט אַ רגע, ווען דו טאָיט איז שטיל געוואָרן און שמייכלענ־דיק געזאָגט: „יאָ", „אום" דו טאָיט איז גערעכט, מען קאָן קינדער ניט פֿארטרויען. דער באשולדיקטער זעט זיך אָן אַן אָרנטלעכער יונגער מאַן. איך אונטערשטיץ „אום" דו טאָיטס פֿאָרשלאַג, אז מען זאָל דעם יונגן מאן דערקלערן פאר אומשולדיק".

די גאַנצע צייט ווען שאול האָט גערעדט האָט דער אַלטער פֿאַר־מער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אז ער האָט געענדיקט האָט דו טאָיט זיך געווענדט צו די געשוואָרענע:

„אלזאָ, פריינד, אלע דאָ זיינען מסכים, אז מיר געפֿינען דעם בחור פאר אומשולדיק".

די „דזשורי"־לייט האָבן שוויגנדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. דו טאָיט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי געעפֿנט און געזאָגט דעם באַאַמטן, אז די באַראַטונג איז געענדיקט.

באַלד איז דער ריכטער שוין ווידער געזעסן אויף זיין שטול און שטרענג געקוקט אויף די געשוואָרענע. דו טאָיט האָט זיך אויפגע־הייבן און געמאָלדן דעם איינשטימיקן באשלוס צו וועלכן די „דזשורי" איז געקומען. דער ריכטער האָט תיכף דעם אָנגעקלאָגטן באפרייט. עס איז דערקלערט געוואָרן א פויזע און אלע זיינען ארויס פון זאַל.

דו טאָיט איז צוגעקומען צו שאולן, אויסגעשטרעקט צו אים זיין האַנט און שמייכלענדיק געזאָגט, ווי ציענדיק אַן איבערגעריסענעם שמועס:

„יאָ, ווייסע טאָרן ניט פארמשפּטן א ווייסן צוליב א שווארצן".

שאול האָט פארלעגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט, אז איצט איז די פּאַסיקסטע מינוט אָנצוהייבן מיטן אלטן א שמועס וועגן ביזנעס, אָבער ער האָט זיך ניט געפֿילט דרייסט גענוג און האָט באַ־שלאָסן עס איבערצולאָזן אויף אַן אנדער מאָל.

נאָך דער מיטאָג־הפסקה האָט דאָס געריכט זיך ווידער געעפֿנט. איצט איז פארן געריכט געשטאַנען אַ שוואַרצער, אַ נידעריק מענטשע־לע אין צעריסענע קליידער, איינגעקאָרטשעט, און זיינע אויגן פול מיט שרעק. איטלעך מאָל ווען דער ריכטער האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע, האָט ער זיך געבויגן אין דרייען, ווי וועלנדיק

דערמיט אונטערשטרייכן זיין הכנעה. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר שטעכן אַ צווייטן שוואַרצן ביי אים אין הויז.

שאול איז דאָס מאָל געזעסן לעבן דעם אַלטן פאַרמער, דו טאָיט, און כאָטש ער איז געווען אויפמערקזאַם און זיך צוגעהערט צו די פאַרהאַנדלונגען, האָט ער אָפט געקוקט אויף דו טאָיטן, זיין שכן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרויס דערגיין פון די אויסדרוקן אויף זיין פּנים, וואָס עס וועט זיין דער גורל פון דעם אָנגעקלאָגטן.

די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרצויגן. פון די עדות האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעוויקלט דאָס בילד פון דער טראַגעדיע: עס איז געווען אַ ווייַנאַכט־טאָג, דער אָנגעקלאָגטער, וואָס האָט געאַרבעט ביי דעם אָרטיקן פּאָסטמאַסטער איז געווען אַ גוטער אַרבעטער. יענעם פריי־מאָרגן האָט זיין באַלעבאָס אים געוואָלט פריילעך מאַכן און אים גע־שאָנקען אַ פלאַש ווייַן. די פלאַש איז באַלד ליידיק געוואָרן. פון זיין באַלעבאָס איז ער אוועק צו אַנדערע ווייסע באַלעבאַטים, ווו ער האָט געקראָגן צו ביסלעך ווייַן. אין די ווייַנאַכטן זאָגט מען ניט אָפּ אפילו אַ שוואַרצן. איז ער געקומען אַ שיכורער צו זיך אַהיים און דאָרט גע־טראָפן זיין פריינד מיט זיין פרוי אין בעט. דער מאָרד איז געווען דער פינאַל פונעם טאָג. עס איז געווען שווער אַרויסצוקריגן פון די צעשראָקענע, צעטומלטע שוואַרצע עדות מער איינצלהייטן. די ווייסע גופא האָבן געהאָלפן דערגאַנצן דאָס בילד.

דער משפט האָט זיך פאַרצויגן. שאול האָט כמעט פאַרגעסן זיין שכן, וואָס איז געזעסן לעבן אים. זיין האַרץ האָט זיך מיטגעריסן מיט דער נעבעכדיקער, הכנעהדיקער פיגור פון דעם באַשולדיקטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין זיינע הענט ליגט דער שיקזאַל פון אָט דעם שוואַרצן מענטשן, וואָס שטאַמלט אַזוי אומבאַהאָלפן זיינע אומ־געלומפּערטע פאַרטיידיקונגס־ווערטער. אַ רעיון האָט זיך איינגע־קלאַמערט אין אים: מען מוז אים באַפרייען.

ערשט פאַרנאַכט איז די „דזשורי" אריין אין צימער זיך באַראָטן. ווידער האָט מען אָנגעהייבן שמועסן צווישן זיך. און ווייל שאול איז איצט ווידער געזעסן לעבן אַלטן פאַרמער, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אים און גענומען אַרויסזאָגן זיין מיינונג, אַז דער שוואַרצער איז אומשולדיק אין אַ בייזוויליקן מאָרד. אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע סיבות, אַנדערע מאָטיוון. דער אַלטער פאַרמער האָט בייז אַ קוק גע־טאָן אויף שאולן: „וואָס? ניט שולדיק? דו ווילסט באַפרייען דעם

מערדער און דערנאָך זאָל ער קומען שעכטן ווייסע מענטשן! הענגען דאַרף מען אים! ער איז אַ מערדער און ער דאַרף באַקומען זיין שטראָף!" האָט דו טאָיט געקלאַפּט אין טיש.

שטיל, איינגעצויגן אין זיך, ווי ער גופא וואָלט געווען דער מערדער, האָט שאול געמורמלט: „אַ מערדער איז ער, איך רעכן אויך אַז מען דאַרף אים באַשטראָפן... אָבער..."

ווען דער אַלטער פּאַרמער האָט געמאָלדן דעם באַשלוס פון דער „דזשורי" איז געוואָרן שטיל אין געריכט־זאַל. דער ריכטער אין זיין שלוס־רעדע האָט געזאָגט, אַז הגם ער גופא דענקט, אַז דער מאָרד איז ניט אויסגעפירט געוואָרן בייזוויליק, קאָן ער אָבער, לויט דעם באַשלוס פון די „דזשורי"־לייט קיין אַנדער פּסק, ווי הענגען, ניט געבן. ביי די דאָזיקע ווערטער האָט שאול אויפגעהייבן זיינע אויגן און אָנגעקוקט דעם פּאַרמער. יענער האָט אויך אים געקוקט בייז, און שאול האָט געפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז ער וועט דעם רייכן דו טאָיט שוין קיין מאָל פאַר אַ קונד ניט קריגן.

זיין דעפּוטאַט

זלמן איז דעם ערשטן מאָל אין פּאַרלאַמענט. ווי אין אַ מקום קדוש איז ער גאַטפּאַרכטיק און פּאַמעלעך אַריין דורך דער טיר. ער האָט געוויזן זיין איינטריטס־קאַרטע דעם באַדינער און יענער האָט גלייכגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אַ ווייז טוענדיק צום צווייטן שטאָק האָט ער אַ מורמל געטאָן: גיי אַהין.

זלמן איז געגאַנגען אַרויפצו. נאָך אים זיינען געגאַנגען אויף די טרעפּ אַנדערע מענטשן, אויסגעפּוצטע פרויען און מענער, וואָס האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך און זיך געהאַלטן אָנגעצויגן. ער איז געגאַנגען איבער די מיט טעפּיכער צוגעדעקטע טרעפּ און אין אים זיינען אויפגעשווומען געדאַנקען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק צום ערשטן מאָל געשטימט פאַר דעם זעלביקן דעפּוטאַט, וועלכער האָט אים היינט ניט דערקענט, אָבער וועלכער האָט אים גוטמוטיק, ווי טוענדיק אַ גרויסע טובה, דערלאַנגט די ראָזע איינטריט־קאַרטל. און נאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין דער צייט פון די וואַלן זיינען אַלע געווען אויפגערעגט, מען האָט הייס דיסקוטירט, מיט ברוגזע זשעסטן געאַמפּערט זיך וועגן דער פּאָליטיק, וואָס די פּאַרטייען פירן. ער האָט זיך אַפילו איין מאָל צע־קריגט צוליב דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט־מיטגליד מיט זיינעם אַ קונד. אַ פיינער קריסט געווען און אַ גוטער קונד, אַ געלאַסענער, געקויפט אַ סך און קיין מאָל זיך ניט געדונגען, באַצאָלט רעגולער. נאָר מיט אַמאָל האָט אים דער וואַל־פיבער אָנגעשטעקט און ער האָט גענומען דיסקוטירן וועגן די פּערספּעקטיוון פון די קאַנדידאַטן. זלמן האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט שטימען פאַר זיין ליבלינג, דעם איצטיקן פּאַרלאַמענט־מיטגליד. דער קונד איז בלאַס געוואָרן און מיט פאַר־אַכטונג צו אים אַ געשריי געטאָן:

„נו, יאָ, דו שטים פאַר דעם הונט און זע אַז ער זאָל דיך אויך

אונטערשטיצן אין געשעפט, איך אָבער וועל מיט דיר מער ניט האַנדלען!"

עס האָבן ניט געהאָלפן די ארגומענטן פון זלמנען און זיינע בקשות. יענער קונד איז אוועק און מער צו אים אין געשעפט ניט אריינגעשמעקט.

עס האָבן אים איצט דורכגעבליצט אין געדאַנק די מאָמענטן ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיין שטימע: ווי פריי ער האָט זיך געפילט, ווי פריילעך — ער, זלמן, וואָס האָט קיינמאָל קיין רעכט ניט געהאָט, האָלט איצט אין זיין האַנט דאָס גלייכגעוויכט פון דער מאַכט. יאָ, ער, זלמן, שטימט פאַר אַ קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי, וואָס שטרעבט שוין אַ צענדליק יאָרן די מאַכט צו קריגן. ער גיט היינט אָפּ זיין שטימע פאַר דעם קאַנדידאַט וועמען ער באַגערט, און ווער ווייסט, מיט זיין איין־איינציקער שטימע קאָן דאָך דער קאַנדידאַט אויסגעקליבן ווערן, זיין איינער פון דער נייער רעגירונג. יאָ, זלמן האָט געפילט ווי ער האַלט אין דער מינוט אין זיין האַנט די משקולת פון א גאנצער פּאַרטיי; דעמאָלט האָט ער געפילט, אז ער איז אַ גליד פון א קייט; שטאַרק האָט ער זיך געפילט אין יענעם מאָמענט: אזא קליין ידעלע, אַ גישטיק מענטשל, וואָס פלעגט זיך אויפדרייען ווי אַ יאָזש יעדעס מאָל ווען ער פלעגט דערפילן אַ געפאַר, האָט היינט זיך געשפילט מיט א מלוכה! אים האָט זיך דערמאָנט, אז כמעט יעדן טאָג, פאַר צוויי לאַנגע חדשים, פלעגן די קאַנדידאַטן צום פּאַרלאַמענט קומען אים באַזוכן אין געשעפט, איינטענהן מיט אים, פריינדלעך דריקן זיין האַנט און קוקן אויף אים מיט א געבעט אין זייערע אויגן... זיי האָבן אים איטלעכס מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אז ער איז ניט עפּעס דאָרט א זלמן גאָלד, א קליין־געוויקסיקער, קיילעכדיק־בייכיקער מענטשל, וואָס ליידט אויף אסטמע...

יאָ, די אסטמע!... ער האָט אָפּגעצויגן און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאָרענטש פון די טרעפּ, ארויסגענומען זיין טיכל און אָפּגעווישט לאַנגזאַם דעם גרויסן פליך פון קאָפּ, גע־ווישט די ליפּן, וואָס האָבן געבלעזלט מיט אַ שווייס, און אויך אריינ־געאָטעמט דעם ריח פון דעם פּאַרפיום, וואָס ער האָט היינט, לכבוד דעם וויזיט, געקויפט און מיט דעם באשפריצט זיין נאָזטיכל.

ווען די אסטמע וואָלט אים ניט געמוטשעט, וואָלט ער דאָך היינט אמת הנאה געהאָט, האָט ער געטראַכט, מיין אמאָליקן קונד צו להכ־

עיס... יאָ, האָט ער זיך פלוצלינג א טרייסל געטאָן, דעמאָלט זיינען זיי צו אים געקומען און געדריקט זיין האַנט, און היינט... וואָס אזוינס האָט ער אים היינט געזאָגט? זלמן האָט א שעמעוודיקער גע־טראַכטן וועגן היינט־פּריאיקן וויזיט: פאַר וואָס עפּעס האָט ער אים אין אַ ווינקל אָפּגעפירט און גערעדט אזוי שטיל, זיך געשעמט... דעמאָלט האָט ער אים דאָך יאָ געקענט, נאָר היינט האָב איך אים געמוזט דער־מאָנען, אז איך בין זלמן גאָלד, אן אלטער באקאנטער, געגאנגען פאר אים צו דער אורנע מיט מיין שטימע.

נאָך גוט, טראַכט זלמן, וואָס ער האָט לאָהן ניט מיטגענומען, עס וואָלט געווען אַ חרפּה. די גאַנצע צייט האָב איך זיך דאָך באַרימט, אז איך האָב א פריינד א פּאַרלאַמענט־מיטגליד, און איצט — ער גע־דענקט שוין מיך ניט! נאָר אפשר איז לאה גערעכט. איך האָב זיך מסתמא געענדערט. זי האָט דאָך די לעצטע צייט אלץ געטרומיי־טערט, אז איך זע אויס שלעכט... זיצט ער שוין היינט צוויי וואָכן אין קייפּטאָן. זיך געפּרוּווט באָדן, לאָזט אָבער די אָסטמע ניט, איז ער געזעסן מיט די וויבער אין דעם ווייסן זאַמד פון מיוזנבערג און גע־שפּילט אין קאָרטן. ווייבער זיינען שווערע שפּילערס, מען דאַרף זיך אויפרעגן ווען מען שפּילט מיט זיי, און באַצאָלן ווילן זיי אויך ניט...

זלמן איז ענדלעך ארויף אויפן צווייטן שטאָק, אָפּגעגעבן די איינטריטס־קאַרטע און זיך ברייטלעך צעזעצט. ער האָט אָפּגעשפּי־לעט דאָס רעקל, פאַררוקט דעם גראָבן פינגער אין וועסטל־קעשענע און אראָפּגעקוקט אונטן.

אין זאַל פון פּאַרלאַמענט האָט געהערשט אן אומפאַרשטענדלע־כער טומל. דעפּוטאַטן זיינען געזעסן אויף די בענק ברייטלעך צע־לייגט, אָן זאָרג, אפילו געכאַפּט א נאָך־מיטאָג דרעמל. אנדערע האָבן צוגעכראַפּעט, אנדערע האָבן זיך עלאַסטיש געטראָגן פון איין אָרט צום אנדערן, זיך אָפּגעשטעלט לעבן עמעצן, זיך געסודעט אַ מינוט אָדער צוויי און ווייטער געלאָפן צו די אנדערע. קיינער, האָט אויס־געוויזן, האָט זיך ניט צוגעהערט צו דעם, וואָס דער דעפּוטאַט אויף דער טריבונע האָט געזאָגט, און אפילו שטאַרק אונטערשטראָכן.

זלמן האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויפן זאַל אונטן. עפּעס האָט ביי אים אָנגעהייבן פאַרשווינדן די באַגייסטערונג און די מורא פאַר דער דאָזיקער טומלדיקער מענגע, וואָס האָט דאָרט זיך ארומגע־דרייט אין זאַל. אים האָט זיך שוין געוואָלט אויפשטיין און אוועקגיין,

נאָר אַט האָט זיך דערטראָגן צו אים אַ באַקאַנטער קול. ער האָט פּאַרזיכטיק אַ קוק געגעבן אַראָפּצו און דערזען זיין ליבלינג דעפּו־טאַט ריידן. זיין האַרץ האָט ווי אויסגעקלאַפּט דעם טאַקט צו די ווערטער פון זיין דעפּוטאַט. ער רעדט פאַר אים, פאַר זלמנען, יעדעס וואָרט איז געמיינט פאַר אים, אַ ראיה האָט ער: אַט ווערן דאָך פּוסט די בענקלעך אין זאַל, די מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט שלייכן זיך איינס נאָך איינס ארויס. דער פּאַרזיצער איז געזעסן אויף זיין אָרט און געדרעמלט, און דער ליבלינג דעפּוטאַט זיינער האָט גערעדט פאַר אַ כמעט ליידיקן הויז, אָבער ער האָט אים, זלמנען, געוויס דער־קענט. רעדט ער דאָס טאַקע איצט פאַר אים, פאַר זלמנען! ער האָט געטראַכט, אַז איצט וועט ער שוין האָבן וואָס צו דערציילן לאהן, זיין ווייב.

שפּעטער איז ער געשטאַנען אויפן בריקל, ביים ארויסגאַנג פון פּאַרלאַמענט און געוואַרט. ענדלעך איז ארויס פון טיר זיין דעפוטאט — אַ רויטער, אַן אויפגערעגטער, מיט בייזע אויגן און א פאַרשוויצ־טער, ווי נאָך אַ הייסן באָד. זלמן איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, גע־וואָלט אים דאַנקען פאַר דער רעדע, אויסגעשטרעקט די האַנט, אָבער יענער האָט אים אָפּגעשטופּט, א מורמל געטאָן א זידל־וואָרט און אוועק.

זלמן האָט זיך איצט דערמאָנט אָן זיין אסטמע און האָט זיך שטאַרק צעהוסט.

קאַרטן

יואל האָט געקויפט אַ הויז ווייט הינטערן שטאָט. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גרויסן גאָרטן, ארומגעצאַמט פון אלע זייטן מיט הויכע ביימער, וואָס די געפלאָכטענע צווייגן זייערע האָבן, ווי געדיכטע ווענט, ארומגענומען דעם גאָרטן פון אלע זייטן און פארשטעלט דאָס הויז פון ווינט און פון נייגעריקע בליקן. יואל האָט ליב געהאַט די ברייטע, גרויסע פעלדער ארום. מיט אַ צייט צוריק האָט ער זיך אפילו ארומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן, אז ווען ער וועט זיך ארויפאַרבעטן אויף אַ ביסל קאַפּיטאַל, וועט ער אָפּגעבן דאָס געשעפט, זיך קויפן אַ קליינע פאַרם און עס אליין באַאַרבעטן. אָבער פון פּלאַן איז מער ניט געבליבן ווי אַ חלום.

ווען יואל האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז הינטער דער שטאָט איז גראָד געווען שפּעטיקער הארבסט. די לעצטע געלע בלעטער זיינען הילפלאָז געפאַלן פון די ביימער און ווי מיט אַ שמוציקן טעפּיך באַדעקט די ברייטע דורכגעהאַקטע שטעגעלעך פון גאָרטן. יואל האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז ער גופא וועט אויפראַמען דעם גאָרטן, ער וועט אויפקלייבן די בלעטער, ארומשניידן די לאַנגע צווייגן פון די ביימער און ער וועט ווי ס'באַדאַרף צו זיין ווערן א באַלעבאָס. עס זיינען אָבער אוועק עטלעכע טעג און יואל האָט גאָרניט געטאָן. דבורה, זיין ווייב, אַ יידענע מיט אַ פעטן גוף, וואָס האָט די לעצטע יאָרן געליטן אויפן האַרצן — און צוליב דעם האָט יואל מורא געהאַט זי אויפצורעגן — האָט אים ברוגזדיק דערמאָנט, אז די שטעגעלעך פון גאָרטן ווערן שמוציק, און אז די בלעטער וועלן נאָך, חס ושלום, פאַרשטאָפּן די וואַסער־ליטונג. איז יואל, מיט אַ שווערן האַרצן, מרוצה געוואָרן צו דינגען אַ שוואַרצן, וואָס זאָל אויסרייניקן דעם גאָרטן און די שטעגעלעך. אז דער שוואַרצער האָט געענדיקט זיין ארבעט איז דער הויף געוואָרן ליכטיקער און שענער. יואל האָט באַקוקט די

אָפּגעטאָגענע ארבעט און געמורמלט צו זיך: „פּיך, פּיך! אזוי האָב איך טאַקע געדענקט עס צו טאָן אליין. נאָר דבורה מיינע האָט מיך שוין צו פיל געאיילט, ניט געלאָזט וואַרטן א פּאָר טעג“. עס האָט יואלן שטאַרק פארדראָסן פאר וואָס ער האָט עס ניט געקאָנט טאָן, ווי ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך. נאָר גאָרניט, האָט ער געטראַכט, ווען דער פרילינג וועט קומען וועט ער אלעמען איבערצייגן וואָס פאַר אַ באַלעבאָס ער איז.

דערווייל האָבן אָנגעהייבן געסט קומען באקוקן דאָס נייע הויז. די ערשטע זיינען געווען די זילבערמאַנס. די געגנט האָט שטאַרק אויסגענומען ביי זיי, און זיי האָבן געלויבט דעם גאָרטן מיט די שטעגעלעך. די זילבערמאַנס האָבן ניט געקאַרגט מיט קאָמפּלימענטן. יואל האָט דאָס אלץ גענומען אויף זיין אייגענעם חשבון, ווי ער גופא וואָלט עס אויסגעבויט דאָס שיינע הויז, אויסגעלייגט די שטעגעלעך און אליין פארפלאַנצט די הויכע סימעטרישע ביימער. שפּעטער זיינען געקומען נאָך געסט און אויך זיי האָבן באַוואונדערט דאָס הויז, דעם גאָרטן, און געצויגן טיף מיט די נאָזלעכער דעם חיותדיקן ריח, וואָס מען פילט גאָרניט אין דער שטויביקער שטאָט. יואל האָט אויך אָנגעהייבן טיף איינצואָטעמען די לופט און איז געוואָרן מער צופרידענער.

אז דער עולם האָט שוין אלץ געהאַט באַטראַכט און באַוואונדערט, האָבן די מענער זיך געזעצט צום „פּאָוקער“־טיש און די ווייבער זיינען אריין אין אַ באַזונדערן צימער שפּילן „ראַמי“. די מענער האָבן געשפּילט מיט הנאה. צו פאַרשפּילן אָדער געווינען עטלעכע צענדליק פונט אַן אָוונט איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, וואָרעם די שפּילערס זיינען מענטשן „אין די פּעדערן“: די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט, זיי האָבן געהאַט אייגענע אָפּגעצאָלטע הייזער און אויטאָמאָבילן און נאָך אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל אויך. חוץ דעם איז עס דאָך ניט געווען אין זייערע אויגן קיין האַזאַרד־שפּיל, מען האָט זיך געפונען אין אַן אייגענעם קרייז, יעדער איינער האָט שוין געקענט דעם צווייטן, ארויסגעלערנט איינער דעם צווייטנס מאַנירן ביים שפּילן. קוים פלעגט עמעצער קריגן א גוטן קאָרט האָבן עס באַלד אַלע געשפּירט. ווען יואלס לינקע ברעם האָט אָנגעהייבן ציטערן און זיין שטערן זיך שטאַרק קנייטשן האָבן שוין אלע געוווסט, אז יואל האָט „געפּאַקט די גוטע קאָרט“.

* * *

יאָרן זיינען אוועק. יואל האָט לאַנג שוין פאַרגעסן, אַז ער האָט אַמאָל געחלומט צו ווערן אַ פּאַרמער און מיט עפּעס זיך אויסטיילן פון זיינע שכנים. דאָס קאָרטן־שפּיל האָט אויסגעפּילט זיין גאַנצע פריייע צייט. אַ פּאָר מאָל אין וואָך איז ער געגאַנגען אין קינאָ, און אַזוי גיך ווי ער פלעגט זיך מאַכן באַקוועם אין דעם ווייכן שטול, פלעגט ער איינשלאָפן און שלאָפן ביזן סוף פון דער פּראָגראַם. אין קינאָ איז ער געגאַנגען צוליב דבורהן, וואָס פלעגט זיך גוט אויסוויינען ביי יעדן פילם, צי דאָס איז געווען א דראַמע, א קאָמעדיע צי עפּעס אנדערש. די איבעריקע אָוונטן פון וואָך פלעגן ביידע ארויספאָרן צו באַקאַנטע שפּילן קאָרטן. זיי האָבן אפילו קיין צייטונג ניט געלייענט. און אויב זיי פלעגן ניט פאָרן ערגעץ אנדערשווו, פלעגן זיי איינלאַדן שפּילערס צו זיך אהיים און שפּילן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

קאָרטן־שפּיל איז פאַר יואלן געווען דער לייטער אויף וועלכן ער האָט געקלעטערט פון שטאַפּל צו שטאַפּל און אַזוי ארום זיך געהייבן אין דער געזעלשאַפט פון זיינע פריינד. מיט יאָרן צוריק, ווען זיין געשעפט איז געווען אַ קליינע קרעמל פאַר שוואַרצע, זיינען זיינע מיטשפּילערס געווען קליינע קרעמערלעך, אָנגעשטעלטע פון געשעפטן, און מען האָט געשפּילט „סאָלאָ״, „זעקס און זעכציק״, מורא האָבנדיק צו פאַרשפּילן מער ווי אַ פּאָר שילינג. מיט דעם אויפשטייג פון יואלס וווילשטאַנד האָט זיך אויך געביטן דער קרייז פון זיינע פריינד ביים קאָרטן־טיש. עס זיינען געקומען רייכערע מענטשן, צומאָל פלעגט זיך אויך אריינכאַפּן א יונגער דאָקטאָר, וואָס האָט געוואָלט זיך איינשאַפן רייכע פּאַציענטן, אַן אַדוואָקאַטל, וואָס האָט געוואָלט מען זאָל אים האַלטן אין זינען בעת אַ משפּט און אַנדערע, וואָס גרייטן זיך צו מאַכן אַ קאַריערע. אויך דבורה, יואלס ווייב, האָט געקלעטערט אויף דעם „סאָסייטי־לייטער״. ווען נאָר איר געזונט האָט עס איר דערלויבט, איז זי געפאָרן בייטאָג אין שטאָט צו טיי־פּאַרטיעס, געשפּילט „ראָמי״ און אליין אויך איינגעאָרדנט ביי זיך אין הויז טיי־פּאַרטיעס, און געהאַט גרויס הנאה פון די קאָמפּלימענטן, וואָס די געסט פלעגן איר געבן פאַר אירע טאָרטן און קיכלעך. ביידע, זי און יואל, האָבן געהאַט נאָר איין זאָרג — ביי וועמען וועט מען שפּילן מאָרגן?

זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער. דער זון האָט שטודירט אין קייפּ־

טאָנער אוניווערסיטעט, געשריבן יעדע פאַר וואָכן בריוו און געבעטן געלט ביים טאַטן: פאַר ביכער, פאַר ספּאָרט־מכשירים און אַנדערע זאַכן. יואל האָט געוואָלט אַז זיין זון זאָל זיין אַ דאָקטער, האָט ער אים ניט געקאַרגט קיין געלט. די טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלע־כע און צוואַנציק, איז „געשטאַנען אין שידוכים", ס'הייסט, יואל האָט געזוכט פאַר איר אַ רייכן חתן, אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט. אין שטאָט האָט זי געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ מאָלערין. זי פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג אין גאָרטן און מאָלן בלומען און ביימער. דער אַרטיסטישער טעמפּעראַמענט פון זיין טאָכטער איז יואלן שטאַרק געפעלן, כאָטש ער איז ניט געווען קיין מבין אויף זיין טאָכטערס מאָלערייען, אָבער צוליב איר מאָלן, ווייס ער, גייט זי אַרום מיט אינטעליגענטע מענטשן. דאָס האָט יואלן פאַרשאַפט נחת. איין טאָג האָט יואל זי געפונען אין איר צימער פאַזירנדיק אַ נאַקעטע פאַר אירן אַ קריסטלעכן מאָלער־פריינד. ער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי איז שוין אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט ער זי גוט אויס־געפּאַטשט. דערמיט האָט זיך געענדיקט די אַרטיסטישע קאַריערע פון זיין טאָכטער. דבורה, זיין ווייב, האָט זינט דאַן געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף דער טאָכטער און זי מיטגענומען צו אירע טיי־פּאַרטיעס. די נייע פאַרווייַלונג האָט דער טאָכטער שטאַרק אָנגעלאָקט. זי האָט אָנגעהייבן שפּילן קאָרטן מיט אַן ערנסטן געפיל און אין אַ קורצער צייט איז זי געוואָרן טשעמפּיאָן־קאָרטן־שפּילערקע אין שטאָט. דאָס געוווּנענע געלט האָט זי געשפּאָרט פאַר אַ רייזע קיין אייראָפּע.

יואל האָט איצט געהאַט גרויס נחת פון זיין טאָכטער. צוליב דער טאָכטער האָט מען אים אָנגעהייבן פאַרבעטן אין הייזער וווּ ער האָט פריער ניט געהאַט קיין צוטריט — צו דער אינטעליגענץ פון שטאָט, וואָס האָט ניט געשפּילט מיט אַבי וועמען. ער האָט איצט געקוקט אויף זיין טאָכטער ווי אויף אַן אמתער קינסטלערין: געווינען געלט אין קאָרטן איז ניט געווען קיין נייעס פאַר אים, אָבער שפּאָרן געלט פון דעם איז ביי יואלן געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסע קונסט.

אין די נייע קרייזן קאָרטן־שפּילער האָט מען יואלן גערופן מ"ר דזשאָעל. און די וואָס האָבן אים ניט געקענט פון פריער ,פלעגן זיך נאָכפרעגן אויב ער איז ניט אַ קרוב פון די רייכע דזשאָעלס. יואל פלעגט ענטפערן אויף דעם מיט אַ קוועטש פון די פּלייצעס און עס פלעגט הייסן: „איך ווייס!" דאָס האָט געזאָלט איבערלאָזן דעם

איינדרוק, אז ניט נאָר איז ער אַ קרוב, נאָר ער איז טאַקע דער רייכער דזשאָעל אליין.

נאָך פון די יונגע יאָרן זיינע, פון דער צייט פון זיין קליינע קרעמל, האָט יואל געציילט די פּענעס, געקאַרגט. פון געבן נדבות האָט ער ניט געהאַלטן. טאָמער איז ער געווען געצוווּנגען דערצו, האָט ער זיך געדונגען מיט די קלייבערס. אָן אַרעמאַן פלעגט ער פריער אָנמוסרן פאַרוואָס ער זוכט ניט קיין אַרבעט, און דאַן אים צוואַרפן אַ פּאָר פּענעס. פון געבן גרעסערע נדבות פלעגט ער זיך ארויסדרייען, זאָגנדיק, אז ער מוז פריער אָנפרעגן ביים ווייב. האָבן אים טאַקע קלייבערס אויסגעמיטן.

איין מאָל, ערב א גרויסער קאָרטן־פּאַרטיע, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען ביי אים אין הויז, איז מען געקומען אים בעטן א צושטייער פארן נייעם בית־יתומים. יואל האָט אָנגעווענדט זיין אלטן מיטל: ער וועט זיך אָנפרעגן ביים ווייב. איז דבורה געפאַלן אויף אַ פּלאַן: מיט דער צושטימונג פון די געסט וועט מען אַראָפּנעמען פון יעדן קאָן עטוואָס פאַרן יתומים־הויז. דער פּלאַן איז יעדערן געפעלן געוואָרן און עס האָט זיך געשאַפן אַ היפּשע סומע פאַר דער נייער געביידע פון דעם בית־יתומים. זינט דאַן פלעגט יואל ביי יעדער קאָרטן־שפּיל אראָפּנעמען פארן בית־יתומים און עס ארייַנטראָגן, ווי זיינע אַ פּערזענלעכע נדבה. אזוי ארום איז יואל געוואָרן איינער פון די גרעסטע אונטערשטיצער פון דעם בית־יתומים. און אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פריינד פון יתומים־הויז האָט מען אים טאַקע אויסגעקליבן אין דער פארוואלטונג. זינט דאַן איז יואל געוואָרן איינער פון די אָנערקענטע כלל־טוער אין שטאָט.

שפּעטער, ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט באַקאַנטע, פלעגט ער דערציילן און זיך באַרימען מיט אלץ וואָס ער טוט פאר די יתומים. און ניט זעלטן פלעגט ער ארויסנעמען פון קעשענע דאָס טעשל קאָרטן, עס גלעטן און זאָגן: „מיט אָט דעם „תהילימל" טו איך אויף מער, ווי אלע אנדערע קאָמיטעטן..."